STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04149

# LIDER FUN BAYM SOF

Joseph Rubinstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוסף רובינשטיין

★

# לידער פון בײַם סוף

Rubinstein, Joseph, 1900 (ca.)-
Lider fun baym sof.

839.091
R

יוסף רובינשטיין

# לידער פון בײַם סוף

פאַרלאַג י.ל. פרץ ישראל

תל-אביב תשמ"ד — 1984

JOSEPH RUBINSTEIN

# LIDER FUN BAYM SOF

I. L. Peretz Publishing House
14, Brener Str., Tel-Aviv

©
Copyright by Moshe Gurary

Printed in Israel, 1984

נדפס בישראל, תשמ״ד

דפוס „אורלי״ — פרידמן, תל־אביב, טל. 372062



**משה גוראַרי**

# בײַם סוף

אין דעצעמבער 1977 האָט יוסף רובינשטיין געבראַכט זײַן אין ניו־יאָרק פאַרשטאָרבענע פרוי, לעראַ ע״ה, צו קבורה אין קיבוץ משמר־העמק, וווּ איר ברודער איז אַן אַלטער תושב. בעת מיר זענען געפאָרן פונעם פּליפּלאַץ אין קיבוץ אַרײַן האָט זיך זײַן צעווייטיקט האַרץ צעשטורעמט און ער איז גלײַך אַוועקגעפירט געוואָרן קיין חיפה — אין שפּיטאָל אַרײַן. איין אַטאַק נאָכן אַנדערן, פון איין שפּיטאָל אַרויס, אין אַן אַנדערן אַרײַן, האָט ער, דעם 24־סטן פעברואַר 1978, אויסגעהויכט זײַן נשמה.

בעת איינעם פון מײַנע טעגלעכע באַזוכן בײַ זײַן קראַנקן־בעט, האָט ער מיך קאָנוווּלסיוו אַ נעם געטאָן בײַ דער האַנט, מיך צוגעצויגן נאָענט־נאָענט צו זיך, און מיט די לעצטע כּוחות מיר אַרײַנגעשעפּטשעט אין אויער:

— משה, גיב אַכטונג אויף מײַנע קינדער...

איך בין נשתומם געוואָרן. אַזוי גאָר? — איז מיר ווי אַ בליץ דורכגעפלויגן אַן אויפשווידערנדיקער געדאַנק — כּמעט פערציק יאָר אָפּגעלעבט מיט לעראַן, אין פריידן און אין לײַדן, האָט אין האַנט געוואַגלט דורך לענדער און ימען, געוויס צוזאַמען געווייטיקט זייער קינדערלאָזיקייט... איצט, אויפן שוועל פון אַוועקגיין, שטעלט זיך גאָר אַרויס אַז ער האָט אַ פּנים געפירט אַ צביעותדיקן טאָפּל־לעבן און מיט אָט די אויסבאַהאַלטענע פּירות, מיט אָט די „יתומימלעך", וועל איך, זײַן בן־עיר און יוגנט־חבר, זיך מוזן מתעסק זײַן.

איך כאַפּ אַ קוק אויף רובינשטיינס אײַנציקער שוועסטער, וואָס שטייט אַ צעבראָכענע פון דער אַנדערער זײַט בעט און צײַלט שטום אירע פינגער. צי איז אויך צו אירע אויערן דערגאַנגען דער איבעררעאַשנדיקער סוד פון איר אַזוי באַרימטן ברודער, מיט וועמען זי שטאָלצירט אַזוי, האַלט פון אים אַן עולם־ומלואו? פון איר פאַרצערטן פּנים קען איך גאָרנישט אַראָפּלייענען.

נעם איך זיך אַן מיט מוט, ווי פאַר אַ געוועטשפּרונג, און פרעג אים פאַרטרוילעך, צאַרט מיטפילנדיק:

— וווּ זענען זיי, דײַנע קינדער, יוסף?...

— דאָרטן, דאָרטן — האָט ער קוים אויסגעכאָרכלט — אין באַנק... אין סייף...

אַ שטיין איז מיר אַראָפּ פון האַרץ.

זינט דעמאָלט איז מיין איינציקער ווונטש געווען, איך זאָל נאָך דערלעבן אויסצופירן די דאָזיקע צוואה.

מיטן דערשיינען, שוין נאָך זיין טויט, פונעם בוך „דערזעונגען”, און, דער עיקר, מיטן איצטיקן בוך, וואָס אַנטהאַלט דעם פולן עזבון פון רובינשטיינס דיכטערישן שאַפן, איז דאָ אַ גרונט צו גלויבן, אַז זיינע „קינדער” זענען באַהאַנדלט געוואָרן ווי געהעריק, לויט זיין אייגענעם ווונטש.

דאָס בוך דערשײַנט מיט דער הילף פֿון דעם מחברס
שוועסטער סימע וואַרשאַווסקי, תּל־אָבֿיבֿ, און פֿון זײַן
פֿרויס ברודער יהושע דרור, קיבוץ משמר העמק.

אברהם ליס

# די דיכטונג פון יוסף רובינשטיין

אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן פלעגט יוסף רובינשטיין אָפט קומען קיין ישראל. ער האָט זיך דאָ געפילט ווי אַן אייגענער. מ'האָט אים דאָ אויפגענומען ווי אַ נאָענטן. שרייבערס, חברים פון אַ מאָל, פריינד און משפחה וואָס סיי ער, סיי זיין פרוי האָבן געהאַט אין לאַנד, פלעגן אים וואַרעם אויפנעמען און אַרומרינגלען מיט פריינדשאַפט. דאָס זיין אין ישראל איז געווען פאַר אים יעדעס מאָל פון דאָס ניי אַן איבערלעבונג. עלעהיי זאָל ער האָבן געפונען אַ שמץ פון דערמונטערונג און טרייסט אַנטקעגן דעם עלנט און דער אומעטיקער אַליינקייט אין וועלכער ער האָט די לעצטע צייט געלעבט אין ניו־יאָרק.

דאָס לאַנד, דער פּייזאַזש פון ארץ־ישראל, דאָס געפיל פון טרעטן אויף אַלט־חומשדיקער ערד, ווי די נייקייטן און אַנדערשקייטן פון יידישן פאָלקס־שטייגער, וואָס ער האָט דאָ אָפּגעפילט, האָבן אים אויך דיכטעריש באַאיינפלוסט, געראָגט זיין געמיט, געצונדן אין אים פּאָעטישע פונקען. ביי אונדזערע טרעפונגען און שמועסן האָט מען עס אַזוי קלאָר און מהותדיק אַרויסגעפילט. עס פלעגט אָפט אַרויסרעדן פון אים מיט שורות ליד. — —

שפּעטער זענען געקומען שלימותדיקע, געפורעמטע לידער אין וועלכע עס קומען צום אויסדרוק זיינע שפּירונגען און שטימונגען, זיין געפיל און באַנעם, ווי ער זאָגט: „און ס'האָט אַריבער אונדז מיט נייעם נס אַדורכגעפליגלט / די אייביקייט די יידישע, אַריבער צייט און אָרט, / און האָט די טעג פון אומגלויבן זיי זיגנדיק פאַרזיגלט / אויף שטענדיק שוין, מיט יידישן, מיט דורותדיקן וואָרט". אָט די לידער פון ארץ־ישראל־פּייזאַזש און ישראל־ניגון קומען אַריין ווי אַ באַזונדער גרופּע אין דעם איצטיקן באַנד. זיי ברענגען פאַר אונדז אַרויס זיין אויפציטער ביים באַטרעטן די אַלט־דורותדיקע צפת, די אַלט־פאָלקישע אויסגעבענקטע ירושלים, זיין צעשטורעמט געמיט ביים כותל. „איך שטיי און גליווער, אַן אַ טרער — אַ ייד, אַ שטומער ווײנער, / און פיל ווי אויך מיין האַנט קלאַגט שטום באַרירנדיק די וואַנט". און אין אַ סובלימירטער, באַדאַכטער פאָרעם ברענגען זיי אַרויס זיין נעכטיקן גאַנג דורך אַ טראַגישער יידישער וואָר. די זעלבע שטימונגען באַווירקן אים, באַהערשן אים אויך, ווי מיר פילן עס צו מאָל אָפּ אין די לידער: „דער עמק", „ביים ים התיכון", „אַ ניגון", „שטיינער", „דער נגב", „דער

סיני״, ווי אין אַ ריי אַנדערע לידער פון דעם ציקל, וועלכע ער האָט משמעות געשריבן בעת זיינע באַזוכן אין לאַנד, און עס רופט זיך אָפּ אין אים, דערמאָנט אים. אַזוי אויך ווען ער שטייטביים ים־ברעג פון תל־אביב, דערזעט ער בחוש:

אָט אויף דעם ברעג דאָ האָבן זיך געגנבעט די מעפּילים
און ס׳רוישט דער ים פּאַר מיר איצט ווי אַ מאָל נאָך פול מיט סוד,
אַדורך זיין רויש איך פיל נאָך זייער אָטעם דאָ — איך פיל אים
אין שאַרף פון ווינט, וואָס האָט פאַרווישט אין זאַמד דאָ זייער טראָט.

ער האָט אַ שלל פון טעמעס און מאָטיוון יוסף רובינשטיין. טשיקאַווע, ווי צו מאָל אַלע זיינע זוונגען, דערקענטעניש, רעפלעקסן, שטימונגען און אוודאי די אייגענע איבערלעבונגען ווערן טעמעס פון זיין ליד.

ער האָט אָנגעהויבן אַ מאָל. און דער אַמאָל זעט היינט אויס ווי דורות וואָלטן פאַרלאָפן. און בסך הכל איז עס דאָך געווען מיט עטלעכע יאָרצענדליק צוריק. און ס׳איז געווען די יידיש־אימפעריע וואַרשע. אָט די וווּנדערלעכע, פאַרביקע יידישע שטאָט. און ס׳זענען נאָך געווען יונגע האָפענונגספולע טעג: „ווען די וועלט — זאָגט ער — האָט מיך נאָך געלאָקט מיט אַלע אירע פרילינגען און עלעגישע שמייכלען״. — דעמאָלט האָט ער געשריבן אַזעלכע פאַרליבטע, אַזעלכע טויִקע לידער. פאַרליבטע אין וואַרשע. „נאַכט אויף נאַלעווקעס״ איז געווען אַן עולם ומלואו. דורך „נאַכט אויף נאַלעווקעס״ האָט ער ווי אָפּגעפונען זיין דיכטערישן וועג, זיין דיכטערישע באַשטימונג. — —

און ער קערט זיך אום צו איר דורך אַלע נע־ונדן, ער האָט זיך אומגעקערט צו איר אַפילו אויך אַנומלט, ווען ס׳איז שוין פון איר קיין שפּור ניט געווען. און נאָך אַלץ הויערט די יידישע גאַס אין זיין געמיט און רייצט און נאָגט און ער רופט זי אַרויס אין זיין דמיון, מיט דעם חיות פון אַ מאָל און מיט דעם צער און ווײ פון היינט.

שוין דעמאָלט, אין די גוטע יאָרן, אין זיין בוך „מאָדעלן״, וואָס האָט אַרויסגערופן אָנערקענונג אין דער שרייבערישער סביבה, הייבט ער אָן זיין ערשט ליד אַזוי:

דער אומעט רעדט צו מיר אויף אַלע שפּראַכן
אין גלאַנץ פון גאָלד, אין גרויסקייט פון דעם שטויב:
כ׳פאַרשטיי דעם לשון פון די טויטע זאַכן,
דעם סקריפּ פון טיר, דעם ווונק פון שויב.

דאָס איז בפירוש ניט געווען קיין מאַניעריזם, ניט געווען אין דעם די אַנהייבערישע צעשפּילטקייט, דאָס וויגן זיך אין דעמער און טרויער. יוסף רובינשטיין

איז געווען אויפריכטיק אין זיין געפיל, און דער אומעט — אַ טייל פון דיכטע־רישער געדייונג. אַזוי אין זיינע אָנהייבן און אַזוי דורך אַלע צייטן פון זיין ליד — ביז זיינע לעצטע, ווי אין זיינע רייפע, שאַפערישע יאָרן.

אגב, ווי מיר דאַכט, איז ער באַלד געקומען ווי אַ רייפער, אויסגעצייטיקטער דיכטער. אויב ס'איז בכלל אַזוינס בנימצא — איז עס רובינשטיין געווען. ער איז געקומען ווי אין אים וואָלטן שוין געגעסט אַלע סודות פון ליד, און ער האָט געוווסט דעם ווערט און די לויטערקייט פון וואָרט און די שיינקייט פון שטילן לירישן ניגון. און ער האָט געקענט די אומנות פון אויפשאַפן אַזאַ וואַרעמע, אַזאַ עקספּרעסיווע בילדערישקייט.

ניט אומזיסט רופט ער אָן דעם ערשטן ציקל אין זיין בוך „מאָדעלן" „שטיל־לעבנס". דאָס זענען אייגנאַרטיקע, מקורותדיקע שטיללעבנס, געמאָלן מיט אַלע פיינסטע פאַרבן, דורך וווּנדערלעכן גראַציעזן וואָרט:

נאַכט. פון דער טונקעלער וואַנט פון אַ הויז
איז ליכטיק אַ פענצטער צום דרויסן אַרויס.

ס'האָט נאַכט שוין געשימערט מיט שטערן און טרוים,
געוואָרט האָט ביים פענצטער צעווינטיקט אַ בוים.

און ס'איז דאָן געשען: מיט אַ ליכטיק געזיכט
דאָס פענצטער דעם בוים האָט פאַרטוליעט צו זיך.

עפעס האָט ער, רובינשטיין, אַ באַזונדערע נטיה צו פענצטער און שויבן, צו שילדן און נאַכט־לאַמטערנס; און אָן אַנגעשפּיצטן כוח צו דערזען דורך די קאַלטע, לאַנגווייליקע שויפענצטער און וויטרינעס — אַ לעבעדיקע, באַוועגלעכע וועלט:

עס טרעפט אַז אַ שויפענצטער שלאָפט ניט ביי נאַכט.
עס שימערט אין שפּיגלען דאָס ליכט מיט פאַרדאַכט.
עס לויערט פאַרטייעט אַזוי ווי אַ שפּין
פון ווינקל אַ הענטשקע פינף־פינגערדיק גריין,
און ס'שיפּעט אַ קליאַמרע מיט שפּיציקן מויל
פון לעדערנעם פאַס, ווי אַ שלאַנג אין אַ קנויל,
און ס'פלאַטערט מיט בלאַסקייט מיט ווייסער באַדעקט
אַ נאַזטיכל הילפלאָז — געחלשט פאַר שרעק...

און דורך דער לידער־גרופּע, וווּ ער דעמאָנסטרירט שילדן, שילדן אויף גאַלעוקעס, שילדן אין די יידישע גאַסן פון וואַרשע, דערזעען מיר, דערפילן מיר אַזאַ היימישע, פאָלקסטימלעכע נאָגנדיקע וואָר. עלעהיי, עס קומט אויף פאַר אונדז אַ שטיק פון דער יידישער גאַס, פון דער פאַרשווונדענער, אָפּגעמעקטער

יידישער גאַס, וועלכע אברהם סוצקעווער האָט מיט אַזאַ דערהויבנדיקער, דראַמאַטיש־פּאָעטישער קראַפט פאַרנצחט. רובינשטיינען באַגלייט דער חיותדיקער שטייגער פון אַמאָליקע יידישע גאַסן, פון יידישע פּעריפעריעס און פּאַרשטעט. —

ער איז געקומען פון דעם שטעטל סקידל, אין גראָדנער גובערניע, אַ שטעטל מיט יידן, וואָס זוכן פּרנסה, מיט דאַרפגייערס און מלמדים, מיט פאַרהאָרעוועטע באַלמעלאָכעס און באַלעבאָטים, מיט אַ גביר, וואָס וווינט אין מיטן מאַרק. געקומען אין דער גרויסער שטאָט און איז, פאַרשטייט זיך, געפּלעפט געוואָרן פון דער מאַניעדיקער גרויסשטאָטישער ליכט, „פון דזשעלנע־גאַס האָט באַנג אַ קלויסטערקלונג אַוועקגעטאָן פאַר נאַכט דעם דרימלענדיקן שבת״. אָבער ער איז באַלד געוואָרן אַן אייגענער אין דעם געטומל און ווירוואַר פון דער גרויסשטאָט, געוואָרן אַ היימישער אויף די רווישיקע, רייכע גאַסן פון וואַרשע און אין די ליקלעך און געסלעך פון אַלטשטאָט, אין די געסלעך פון פּראַגע.

דאָ איז געוואָרן זיין דיכטערישער אָנהייב, און דאָ איז געוואָרן זיין פּאָעטיש געדייען. און דאַכט זיך, ווי ווייניק־וואָר האָט רובינשטיין באַזונגען — אויף אַלע מעגלעכע אופנים — דעם פּייזאַזש פון שטאָט, די צעצונדענע לאָקנדיקע סקווערן און די אומעטיקע געסלעך, ווו אין יעדער שטוב הויערן גורלות פון מענטשן און זאַכן — — —

ס׳איז טשיקאַווע און מערקווערדיק. גאָר אַנדערש ווי יידישע שרייבערס און קינסטלערס אָפּשטאַמיקע פון שטעטל, האָט ער זיך גאָר אַוועקגעמאַכט פון דעם צור מחצבתו. פון צווישן הונדערטער און הונדערטער לידער זיינע האָב איך אָפּגעפונען גריילעך איין ליד ווו ער דערמאָנט דאָס שטעטעלע, אין „דעם אָנדענק פון מיין פּאָטער״, עס איז „פרילינג אין שטאָט״ (אַזוי הייסט דאָס ליד) ווען עס גייט אים אויף אין זכרון. אין דער לעצטער צייט האָט ער גראָד אויפגעשריבן עטלעכע שטימונגספולע לידער געווידמעט זיין שטעטל און שטאָם. אָבער אין די רווישיקע אָנהויב־יאָרן איז עס געווען:

בײַ מיר אין שטעטלע איז איצטער גרין,
עס זשומעט גאָלדיק אין פאַרנאַכט אַ בין,
און אַלץ איז בלוי און אומעטיק און זיס
אין אוונטס נאָגנדיקער שעה,
כאָטש איך בין דאָרטן לאַנג, שוין לאַנג ניטאָ.

זעט אויס, אַז דער „איך בין דאָרטן לאַנג, שוין לאַנג ניטאָ״ איז ניט לתכלית השירה, וואָס טויג זיך צום פערז און צום גראַם, ס׳איז ממשות. ס׳איז זיין מהות. רובינשטיין איז אַוועק פונעם שטעטל און אין בקפיצת הדרך געוואָרן דער אויסדריקער און באַזינגער פון שטאָטישן טיפּאַזש, מיט דער

בילדערישקייט און מיט דעם אָטעם פון שטאָט. אַנדערע האָבן אים אפילו באַטיטלט מיט אַ משונהדיקן טיטל „אורבאַניסטישער פּאָעט". איך ווייס אפילו ניט וואָס דאָס איז אַזוינס, וואָס דאָס באַטייט און מיינט.

איך ווייס אָבער יאָ, אַז זיינע לידער באַווירקן מיט דער עכטקייט פון פּאָעטישער שטימונג, מיט גערעטענער פאָרעם (אפילו ווען ער איז ניט עקסטראַוואַגאַנט און אויפטועריש, וואָס שייך ריטעם און נוסח), באַווירקן אונדז מיט דער פולער בילדערישקייט און בעיקר מיט דעם עמקותדיקן לירישן טאָן.

✶

דאָס בוך „מאָדעלן", וואָס איז אַרויס אין וואַרשע האַרט פאַר דער מלחמה, האָט געטיילט דעם גורל פון יידיש לעבן אין פּוילן. די גאַנצע אויפלאַגע איז פאַרברענט געוואָרן. אין יאָר 1949, אַ יאָר נאָך זיין אָנקומען קיין אַמעריקע האָט רובינשטיין אַרויסגעגעבן דעם באַנד „נאַכט אויף גאַלעווקעס", ווו עס קומט אַריין דאָס בוך „מאָדעלן", און לידער וואָס ער האָט אָנגעשריבן במשך 10 יאָר (פון 1939 ביז 1949). אָט דער טייל לידער און פּאָעמעס הייסט „גורל". און אָט דעם צווייטן טייל פון בוך, אונטערן נאָמען „גורל", הייבט ער דווקא אָן מיט חומש־מאָטיוון. אין האַרץ גלימערט דער פּיין, אין געמיט — דער וויי, און עס גייט נאָך דער רויך פון פאַרחרובטע שטעט און גאַסן — ווילט זיך משמעות צוריקקומען צו יענע אַלטפאָלקישע פאַרלויפעניש, צו די חדר־יאָרן, ווען אַזוי קלאָר און נאָענט זענען אויפגעגאַנגען חומש־געשטאַלטן, האָבן זיך געצייכנט חומש־בילדער, טייטשט ער עס אַזוי:

עס נאַרן אָפּ די וועגן דיר, וואָס פירן דאָרט קיין חרן,
זיי נאַרן אָפּ מיט הימלטוי און טרוים פון פעטער ערד,
און האָסטו יעקב איין מאָל נאָר דיין רוגעצעלט פאַרלאָרן,
ועסטו אומזיסט שוין זוכן איצט דאָס לאַנד, וואָס איז באַשערט.

די וועלט וועט דיר אַנטקעגנגיין מיט חוזק־בליק און ליגן,
מיט פרעמדע גלייכגילט־שוועלן, ווו עס וואַרט ניט קיינער אָפּ,
נאָר שטיינער אין דעם מידבר וועלן אפשר זיך צעקריגן
אויף וועמען זאָל דער וואַנדערער אַוועקלייגן זיין קאָפּ.

ניט ווייניק יידישע דיכטערס (און צו מאָל ניט־יידישע) האָבן פאַראייגנט ביבלישע מאָטיוון, האָבן איבערגעדיכטעט, איבערגעזונגען די דראַמאַטישע, די טראַגישע און הערלישע געשעענישן פון חומש, פון תנ"ך. מיר קענען דאָך אַלע די באַריהמטע, מייסטערישע דיכטערישע אויפטוען פון איציק מאַנגער, מיט זיין פאַרהיימישן, פאַרהיינטיקן די ביבלישע, פּאַטריאַרכאַלישע חומש־געשטאַלטן און זייערע אָנגעשפּאַנטע חומשדיקע מעשיות. מאַנגער האָט זיי געפורעמט אין

באַלאַדישער פאָלקסטימלעכקייט, מיט שטיפערישן חן און מיט אַ טעמיקן טראָפּן סאַטירע. — — —

יוסף רובינשטיין פאַרהיינטיקט אויך דעם מאָטיוו, פאַרהיינטיקט אים אַזוי, אַז עס קומט גאָר אָפּט צום אויסדרוק די אַפּאָקאַליפּסע פון אונדזער דור, פון אונדזער ייִדיש לעבן. אַ שטייגער:

דאָס איז געווען אין אַ בלויער חומשדיקער נאַכט,
ווען וווּנדער וואַרטן אָפּ דעם דורכגייער און לויער,
דעם שפּעטן מידן וואַנדערער, וואָס חלומט אויף דער וואַך,
און פילן זיינע לאַגלען אַן מיט זיסן אוונט־טרויער.

איז יעקב אין אַ נאַכט אַזאַ געבליבן שטיין.
די בענקשאַפט האָט געפאַנגען אים, פאַרוויגט מיט בלויען קול אים,
ער האָט דעם קאָפּ אַוועקגעלייגט אַ מידן אויף אַ שטיין,
און האָט אין שלאָף געזען אַ וווּנדערלעכן חלום.

און אַזוי־אַ, אין דער חומשדיקער שטימונג וואָס ער ברענגט אויף, צעוויקלט זיך יעקבס לעגענדאַרער חלום. אָבער וווּהין גרייכט דער חלום און דער פאַנטאַסטישער, אויסגעחלומטער לייטער?

אָט ווי רובינשטיין שליסט אָפּ דאָס ליד:

ווייל ווער עס האָט געגעכטיקט אויף אַ שטיין אַ מאָל אויף דר'ערד
און האָט די נעכט געטיילט מיט שרפה־שײַן און שטערן,
וועט אויסלעשן אין אויג ביי זיך די אַנגעגליטע טרער
און וועט דורך טויבער נאַכט דעם טראָט פון טאָג דערהערן.

און ער פאַרענדיקט:

איך ווייס ניט צי האָט יעקב פון זיין חלום ווען געטראַכט,
איך ווייס ניט צי וועט שפּעטער ווער דערמאָנען נאָך אַ מאָל אים,
נאָר איך האָב אויך געזען אים, אין אַ שווידערלעכער נאַכט,
דעם לייטער שטיין אויף דר'ערד — אין וואָר און ניט אין חלום.

דריי פּאָעמעס שליסן אָפּ דעם פילטאָניקן און פילפאַרביקן בוך. באַזונדערס וואָלט נייטיק געווען זיך אָפּצושטעלן אויף דער לעצטער פּאָעמע. וואָס איר טיטל איז דער טיטל פון בוך — „נאַכט אויף נאַלעווקעס”, אַ פּאָעמע פון נשמה־איבערלעבונג, פון דערמאָנונג פון נעכטן און היינט, פון צער און טרייסט און האָפענונג אין די ביטערסטע יאָרן פון אונדזער אומקומצייט. פון אָט דער צייט,

פון זיין דורכגעגאַנגענעם פּײַנוועג, פון וואָגל־און־וואַנדער אין די מלחמה־יאָרן, פון זיינע באַגעגענישן, דערפאָרונגען און איבערלעבונגען אין דער תקופה פון דער יידישער פאַרלענדונגס־דראַמע האָט יוסף רובינשטיין צוגעטראָגן אַ ברייט צעוויקלטע דיכטערישע שאַפונג, די דרײַ היקפדיקע ביכער פון שילדערונג און עלעגיע: „מגילת רוסלאַנד", „חורבן פוילן" און „יציאת אייראָפּע". אָבער דעם געטרייען המשך פון זיין דיכטערישער עובדא, פון זיין פּאָעטישער שאַפערישקייט געפינען מיר אין זיין לידער־זאַמלונג „דערזעונגען" (1978). וועלכע ער האָט צוגעגרייט מיט זײַן כאַראַקטעריסטישן אייפער; אָבער ניט דערלעבט צו זען דאָס בוך. — — —

✶

דאָס ערשטע וואָס קומט אויף נאָכן לייענען די לידער אין רובינשטיינס „דערזעונגען" — איז באַוווּנדער. עס איז צו באַוווּנדערן די אויסגעהאַלטנקייט און די קאָנסעקווענטקייט פון זיין פּאָעטישן גאַנג, אַזוי אין דער שטימונג פון זיין ליד, אַזוי אין זיין געבוי און פאָרעם. מיט מיושבדיקן וואָרט און ברייטלעכע, פּאַמעלעכדיקע בילדערישע שורות האָט ער אָנגעהויבן און אָט אַזוי איז זיין דיכטערישער דרך אויך איצט. אַזאַ איז ער געבליבן. ניט מער, די צייט איז טאַקע אַן אַנדערע, די וועלט אין וועלכער דו לעבסט אין אַן אַנדערע, און די הייזער אַרום דיין גאַס און די שויפענצטער און די שילדן זענען אַנדערע. אַזוי אויך די מענטשן, די זאַכן, ווי דער גאַנצער אַרום.

אוודאי. די „דערזעונגען" וואָס שפּיגלען זיך אָפּ אין דעם געניטן אויג פונעם דיכטער, וואָס האָט שוין אַזוי פיל געזען — באַקומען, פאַרשטייט זיך, אַן אַנדער אויסקלאַנג און אויסטייטש. און ס׳איז כולו חידוש, ווי אָט די אַלע „דערזעונגען" גיבן זיך אַן עצה אין דער ראַם פון אַכט שורות. אַכט שורות און ניט מער. ווי אויסגעטאָקט און אָפּגעפּאָלירט סײַ אין זייער שטייגערישער מאַניפעסטאַציע, סײַ אין דער אינערלעכער אַנטוויקלונג פונעם ליד, און אַלע מאָל אין גערעכטענעם אויפלייז. ס׳איז עפּעס אַ באַזונדערע אומנות, וואָס יוסף רובינשטיין ווייס עס אַזוי דיכטעריש אַרכיטעקטאָניש אויסצופלאַנירן, אויסצובויען, און די לידער האָבן אָפּט מאָל פערזן מיט עפּישער הרחבה און פערזן וואָס קענען אַ גלאַנץ טאָן מיט רייציקן צימצום. און פון יעדער סטראָפע און יעדער שורה קלינגט אויף זיין יחידיש קול, וואָס איז ניגונדיק און אין באַלאַנסירטן טעמבער, אפילו ווען דאָ און דאָרט הערט זיך אַ הייזעריקלעכער כריפּ — גיט עס דווקא צו צו דעם מענערלעכן, רייפן אויפזונג.

ווי שוין געזאָגט, איז יוסף רובינשטיינס שאַפונג רייך אין טעמעס, פאַרמאָגט אַ שפע פון בילדער און מאָטיוון, אויך דאָס — פלאַי־פלאַים — אָט ווי אַלץ, ווי אַלע שפּירונגען און זעונגען, די וואַקסן אויס אין זיין אַכט־שורותדיקן ליד מיט אָנגעלאָדענעם אינהאַלט, מיט געפיל און געדאַנק און מיט אווירת שירה.

איך האָב געזען אַ זונשטראַל האָט געטרונקען זיך אין וואַסער,
אַ שקיעה-שטראַל געצאַפּלט האָט אין כוואַליענדיקן שטיף,
זיין רויטער גלי איז צאַנקענדיק געוואָרן בלאַסער, בלאַסער,
ער האָט געצוקט, געראַנגלט זיך, געשריגן פון דער טיף —
ביז ערגעץ איז דער דעמערשפּיל אין וואַסער ווו פאַרשווונדן...

דער אוונט האָט מיט בלויקייטן פאַרצויגן אַלץ, פאַרשטעלט.
נאָר אין דער טיף האָט פּלוצלינג זיך אַ שטערן אָנגעצונדן,
אַ שטערן וואָס האָט רויט און בלוטיק ווי דער שטראַל געהעלט.

ס'איז איינס פון די כאַראַקטעריסטישע לידער. די זעונגען און דערזעונגען רופן זיך אָפּ אינעם דיכטער, אַטאַקירן אים מיט עצבות-שטימונגען, און דאָך לאָזט ער זיך ניט פאַרטונקען אינעם טרויער פון אומעטיקע פאַרנאַכטן אָדער פון דער הילפלאָזיקייט פון דעם מענטש אַנטקעגן דער נאַטור, צי „פון אַ לעצטן בלאַט, וואָס הענגט אויף אַ דעמב שוין אָפּגעוויקלט אַן האָפּט", ערגעץ ווו טייַעט אַלע מאָל אויף אַ העלקייט, וואָס דערמוטיקט, וואָס דערמונטערט און נערט מיט האָפענונג. — גוט וואָס אַט דער ניצוץ פון ביטחון גייט נאָך זיין ליד, וואָס אַן דעם וואָלט דאָך אַ היינטיקער ידישער מענטש, אַ יידישער שרייבער און קינסטלער צעריסן, צעשטויבט געוואָרן אונטער דער משא פון זאָרג און יידישער טראַגיק. — פאַראַן אינעם בוך „דערזעונגען" געקליבענע „שטיללעבנס" פון היינט, פייזאַזשן פון ניו-יאָרקער גאַסן, „פּאָרטרעטן" פון דער סביבה, און מיר פילן מהותדיק די געדאַנקלעכע וויבראַציעס, וואָס די דערשיינונגען און זעונגען רופן אַרויס אינעם דיכטער. אין זיין ליד הויכט אַ מיט פאַרבענקשאַפט צום נעכטן, אַ מיט אַנטפּלעקונגען פון אונדזער צייט, באַגלייך מיט דעם אומעט פון יידישן מענטש, מיט דער איינזאַמקייט פון יידישן שאַפער, און מיט דער שרעק פאַר דער צוקונפט. —

איז גוט, איז גוט, וואָס ער האָט געקאָנט אַזוי דערשפּירן און מיר גלייבן אים, ווען ער זאָגט:

דער בלויער פּחד פון דעם אין-סוף-אוניווערס
וואָס לייגט זיך אויס אויף מיינע ציטערדיקע שורות,
ער העלט אַרויס מיט גלייביקייט ביי מיר אין פּערז,
מיט גרינעם שטערנווונק פון סודותדיקע שורות.

אָבער דער פּחד באַוועלטיקט אים און באַגלייט אים אָן אויפהער, עלעהיי ווי די ערשטע שורה אין זיין בוך „יציאת אייראָפּע": „אָ, גאָט, ווי שרעקעוודיק איז איצטער דיין פאַרנאַכט".

אין אַזאַ פרייטיק־פאַרנאַכט, סוף פעברואַר 1978 איז יוסף רובינשטיין געשטאָרבן, נאָך עטלעכע שווערע געראַנגלען מיט זיין האַרץ־קראַנקייט. ער איז אַוועק צוויי חדשים נאָכן טויט פון זיין פרוי. ביידע זענען געקומען צו קבורה אויפן בית־הקברות פון קיבוץ משמר־העמק.

✶

דאָס איצטיקע בוך, וואָס זיין נאָמען „לידער פון ביים סוף" האָבן צוגעטראַכט די ארויסגעבערס, איז סיי אַ קאָנסעקווענטע פאָרזעצונג פון דעם בוך „דערזעונגען", סיי אַ מאַניפעסטאַציע פון שעפערישער באַנייונג. הגם דער טיטל פונעם בוך איז אַ פּאָעטיש־סמוטנער — „לידער פון ביים סוף", זענען דאָ אויך בנימצא אַ ריי הייטערע טענער און מאָטיוון. וואָס נאָך? לאָמיר זיך ניט טועה זיין. אויך די לידער זענען געשריבן געוואָרן אין פאַרשיידענע צייטן און אונטער פאַרשיידענע באַדינגונגען, און דאָס במשך אַ צוויי צענדליק יאָר. אָבער דאָס עצבות־געפיל, דער עלעגישער טאָן דאָמינירט דאָ נאָך מער און בולטער ווי אין דעם פריערדיקן בוך — „דערזעונגען".

ס'איז אינטערעסאַנט, ווי עקשנותדיק רובינשטיין האָט זיך געהאַלטן ביי דער פאָרעם פון אַכט שורות. נאָר אַזוי. משמעות, אַזאַ שרייבעריש פּנימיותדיקע דיסציפּלין, האָט ער אויספאָרמירט. אָבער עס געראָט אים אַרויסצוברענגען אין אָט דעם באַשרענקטן נוסח זיין פּאָעטישע גענעזע, זיין טראַכטן און פילן, זיינע באַגערן און בענקשאַפטן, ווי זיין באַנעם פון אַלדי פאַרלויפעניש און געשעענישן. גאָר אָפט ריזלט דורך אין די לידער אַ פילאָזאָפיש־מחשבותדיקער בייַטאָן. בפרט אין די לידער ווו ער פרווט געפינען אַ באַשייד פאַר זיינע צווייפלען. אַ שטייגער ווי אינעם ליד „דו בלאָנדזשעסט". „דו טרעפסט זיך אָן מיט זאַכן וואָס דו האָסט נישט קיין דערקלערונג / און בלייבסט אין ספק שטיין פאַר זיי נישט זיכער מיט דיין טראָט, / ווי עמעצנט אַ כישוף־שפּרוך מיט קראַפט פון אַ באַשווערונג / וואַלט דיך געלאָזן שטיין דאָרט פול מיט רעטעניש און סוד".

רובינשטיינען באַגלייט אַן אייפעריקע נטיה, אַ ווילן אַזאַ צו אַנטפּלעקן רעטעניש און סוד, אַוודאי, זייט די וועלט שטיין, איז זי פול מיט רעטענישן און סעקרעטן, און דער נייגער, דער דיכטערישער נייגער איז גרויס ביים פּאָעט זיי מגלה צו זיין און זיי פרווון אויפלייזן. קלאָר, אַז ניט אַלע מאָל סטייען אויך אים די אינטעלעקטועלע און פּאָעטישע כוחות צו דעם. אָבער שוין דער עצם פאַרמעסט אַרויסצוברענגען אָט די מענטאַלע אָפענע —און אינעם רוב— פאַרבאָרגענע נשמה־פלאַטערן גיבן צו זיין ליד אַ באַזונדערן רייץ.

רובינשטיין ברענגט זיי אויפן אויבערפלאַך ווי אַ טויכער דאָס פּערל־געפינס פונעם דנאָ. מיר טרעפן אָט די פילאָזאָפירנדיקע נייגונג אין אַ סך פון זיינע לידער, וואָס זענען גרופּירט אין סעריעס און ציקלען. ער האָט געזונגען

און אַרויסגעבראַכט, געשילדערט און באַזונגען גאַסן און וועלדער, ימען און שטעט, פעלדער און כמאַרעס, שניי־און פרילינגטעג, לידער צום זילבערנעם טוי און לידער פון גרויען האַרבסט — שוין די נעמען פון די גרופּן און ציקלען זאָגן אָן וועגן דער ברייטער, פאַרביקער גאַמע, פון פאַרנעמיקער מאָזאַיִק פון זיין לידערשאַפט.

אוודאי זענען פאַראַן אַ צאָל איבערחזרונגען. ווי דען אַנדערש ? די לידער זענען דאָר אויפגעשריבן געוואָרן אין פאַרלויף פון יאָרן. און דאָך האָט יעדעס ליד זיינס, טראָגט אין זיך יעדעס ליד זיינס, אַן אייגנדיק געמיט, און אַ טאָניקן אויסקלאַנג, — „ווייל ס'איז דאָך אַלץ געבונדן" ווי ער זאָגט :

דער דעמאָלט קען אַן איצט דאָך זיין, דער איצט קען ווערן רעמאָלט,
אויב ס'האָט דיין האַרץ געליכטיקט מיט דער יוגנטלעכער שיין
וואָס לעשט זיך נישט, וואָס לויכט באַהאַלטן טיף אין דיר און פלעמלט,
קען אַלץ דאָך זיין ווי דעמאָלט נאָך, קען אַלץ נאָך ווידער זיין.

דאָס איצטיקע בוך, וואָס נעמט אַריין דעם שרייבערישן עזבון פון יוסף רובינשטיין, שליסט אָפּ די שאַפערישע מגילה פונעם דיכטער, וועמענס ביישטראָג צו דער הײנטצייטיקער יידישער וואָרטשאַפונג איז באַטײַטיק און ווערטיק.

# לידער פון ביים סוף

# מײַן מחשבה

## מײַן מחשבה

אַזוי קומט דער געדאַנק צו מיר, ווי ס׳קומט דער טוי אַראָפּ,
וואָס לייגט זיך אויף די גראָזן אויס, אויף בלעטער אין באַגינען,
אַזוי גייט פון דעם טונקל מײַן מחשבה אויף אין קאָפּ
און אַלע ווערטער הויבן אָן צעפינקלטע צו גרינען.

און ווי דער טוי צעשימערט זיך, ווערט גאָלדיק דורכגעהעלט,
און זאַפט אין גראָז זיך אײַן, און ווערט אין זאַפט זײַנעם צערונען,
אַזוי ווערט מײַן מחשבה אויך אַרײַנגעקווועלט אין ליד,
ווי ס׳וואָלטן ווערטער טויִקע צעפינקלט זיך מיט זונען.

## דו בלאָנדזשעסט

דו טרעפסט זיך אָן מיט זאַכן וואָס דו האָסט נישט קיין דערקלערונג
און בלייבסט אין ספק שטיין פאַר זיי נישט זיכער מיט דײַן טראָט,
ווי עמעצנס אַ כּישוף־שפּרוך מיט קראַפט פון אַ באַשווערונג
וואָלט דיך געלאָזן שטיין דאָרט פול מיט רעטעניש און סוד.

אַזוי אין זיך אַליין פאַרפּלאָנטערט, סודותדיק פאַרוויקלט
דו בלאָנדזשעסט אין דער וועלט און בלאָנדזשעסט אויך אין זיך אַליין,
ווי עמעץ וואָלט דײַן גאַנצע וועלט צעבּרעקלט און צעשטיקלט
און דיך געלאָזט אָן אײנזאַמען אין כּישוף־קרײַז דאָרט שטיין.

## אָן אַ וועג צוריק

ניט יעדער מענטש קען דורכלעבן, קען זײַן, זײַן אייגן לעבן
און זאָל אַ מאָל נישט דורכגיין גאָר אַ פרעמדער דורך דער וועלט,
ער זאָל זײַן אייגן לעבן נישט אַדורכשפּרײַזן דערנעבן,
ווי ס'וואָלט זײַן וועג דער אייגענער געווען פאַר אים פאַרשטעלט.

אַזוי גאָר פון דער אויסדאַכטשײַן דער פאַלשער אַ באַרוישטער,
פאַרנאַרט פון דעם נישט־זײַנעם גאָר — דעם פרעמד־פאַרפירטן גליק
צו בלײַבן שטיין גאָר אויף זײַן וועג אַט פלוצלינג אַן אַנטוישטער,
אַ טראַגישער, פאַרבלאָנדזשעטער שוין אָן אַ וועג צוריק.

## די לבנה

אַזוי פיל יאָרן איז געווען מײַנע די לבנה,
זי האָט באַגלייט נאָך קינדווײַז מיך מיט כּישוף פון איר ליכט.
ווער ווייס, צי איך וואָלט היינט געקענט מײַן יוגנט זיך דערמאָנען
ווען זי וואָלט נישט באַשטראַלט אַ מאָל מיט חלום מײַן געזיכט.

איצט איז זי שוין נישט מײַנע מער. מיט מאָדנע פּחד־צורות
דאָרט שפּרינגען איצטער מענטשן אום פאַרשטעלט, מיט מאָדנע טריט,
נאָר חלומדיק זי כּישופט נאָך דורך ווײַטע יוגנט־שורות
פון מײַנע לידער ערשטיקע מיט בלוי פון מײַן געמיט.

## אין כּישוף־קרײַז

וואָס האָבן מיר אַלץ נישט דערגרייכט און וווּ אַלץ נישט דערגאַנגען,
מיר יאָגן נאָך די שנעלקייט און מיר שטייען אויף אַן אָרט,
ווי עמעץ וואָלט אין כּישוף־קרייז געהאַלטן אונדז געפאַנגען
און נאָר אין וואָרט מיר זײַנען פרײַ, און גלויביק נאָר אין וואָרט.

די יצר־הרעס פּענטען אונדז, אונדז שלעפּט צו זיך דער חומר,
ער שרײַט אַרויס פון אונדזער בלוט מיט גזלה און מיט מאָרד
און ס'רופט אומזיסט דער יצר־טוב מיט בענקשאַפטרייד פון טרוימערס
און ס'בלײַבט זײַן בענקשאַפט נאָר אין רוף, זי בלייבט נאָר אין דעם וואָרט.

## אַ צווייטער זיצט אין מיר

איך האָב געלערנט זיך צו קענען, זיך אַליין פֿאַרשטיין,
מיט ישוב נאָכטראַכטן מײַן יעדע אומגעריכטע האַנדלונג:
פֿאַר וואָס נישט איין מאָל ווערט בײַ מיר גאָר פֿון אַ „יאָ" אַ „ניין",
פֿון וואַנען קומט עס אומדערוואַרט די פּלוצלינגע פֿאַרוואַנדלונג?

ווען איך בין זיכער אַז איך האָב אַלץ דורכגעטראַכט, באַקלערט,
אַז אָפּגעוויגן האָב איך אַלץ וואָס עיקרדיק איז, וויכטיק —
זעט אויס אָבער אַ צווייטער זיצט אין מיר און זאָגט פֿאַרקערט,
להיפּוך גאָר פֿון אַלץ וואָס מיר זעט אויס מכּלומרשט ריכטיק.

## מײַן געשריי

אַ שפּרונג אין כאַאָס איז געווען די ווײַל פֿון מײַן געבורט. נאָך איידער
איך האָב געשטעלט מײַן ערשטן טראָט האָט שוין געוווּסט מײַן לײַב,
מײַן הויט
אַז כ'האָב פֿאַרלאָזט די וועלט פֿון רו ווו ס'הערשט פֿון אייביקייט דער סדר
און בין אַרײַן גאָר אין אַ וועלט ווו ס'אָטעמט כאַאָס, שרעק און טויט.

איך האָב באַצײַטנס דאָס געאַנט, איך האָב געטראָגן שוין דעם וויסן
פֿון אַלץ וואָס שפּעטער וועט געשען, וואָס וואַרט מיך אָפּ און נישט אומזיסט
האָט מײַן געשריי אין ערשטער ווײַל פֿון מײַן געבורט זיך דורכגעריסן
ווי כ'וואָלט די וועלט פֿון שרעק און טויט מיט שטים מיט גרויליקן באַגריסט.

## ס'קען זײַן

ס'קען זײַן, איך האָב געזינדיקט ערגעץ אין אַן אַנדער לעבן
און איצטער קום איך אָפּ פֿאַר דעמאָלט אויף דער ערד די שטראָף,
און קיינער איז נישטאָ מער וואָס זאָל קענען מיר פֿאַרגעבן,
מיר מוחל זײַן — נישט אויף דער וואָך און נישט בײַ נאַכט אין שלאָף.

איך פּרוּוו אין שלאָף אַנטלויפֿן, דורך מײַן חלום צו אַנטרינען
און הינטער זיך דאָרט לאָזן צו דער וואָר די טיר פֿאַרמאַכט,
באַטש כ'ווייס עס איז אומזיסט — איך וועל קיין רו שוין נישט געפֿינען
נישט אויף דער וואָר בײַ טאָג און נישט אין חלום שוין בײַ נאַכט.

## אומזיסט מײַן מוט

אָ, גאָט, דײַן װײַטער רוף, אַט װי דער צאַרטער פּאָך פון פליגל
האָט גאָר אַ מאָל, נאָך קינדװײַז, מיר צום הויכן פלי באַרירט,
נאָר ס'האָט דאָס לעבן מיך מיט קראַטעס פון די טעג פאַרריגלט —
איך בין געפאַנגען, גאָט, פאַרמאַכט איז איצט צו דיר די טיר —

די טיר װאָס פירט צו הויכקייטן. אומזיסט איז איצט מײַן צאַפּלען,
אומזיסט מײַן מוט, מײַן װאָגן, נאָר עס טרעפט אַ מאָל אין ליד
אויף שורות העל־צעזונגענע, װי איבער הויכע שטאַפּלען
איך גיב אַ הויב זיך, שטײַג אַרויף, נאָר פאַל צוריק באַלד מיד.

## אַנדערש װערט מיט יעדער װײַל

דער טײַך ער האַלט אין בײַטן זיך — ס'איז נישט דאָס זעלבע װאַסער
װו ס'האָט אַ װײַלע פריער זיך געשפּיגלט דײַן געזיכט —
אַט װערט דאָס װאַסער זוניק־העל, אַט װערט עס פּלוצלינג בלאַסער,
עס ענדערט זיך, װערט אַנדערש אין דער שפּיל פון שאָטנליכט.

אַזוי װערט אויך דײַן אויסזען אַנדערש, ס'בײַט זיך אויך דײַן פּנים,
ער ענדערט זיך, ער איז שוין נישט װי מיט אַ װײַל צוריק,
כאָטש אַלץ איז װי געװען — די זעלבע שטריכן און סימנים,
נאָר אַנדערש װערט מיט יעדער װײַל דײַן אויסזען און דײַן בליק.

## די װעלט איז טאַקע שיין

די װעלט איז טאַקע שיין, נאָר מיך דערשרעקט אַ מאָל איר שײנקייט —
דער אײן־סוף פון דעם װעלטאַל װײעט אָן אויף מיר אַ קעלט,
דער גרעסטער שטיין דערשרעקט מיך מיט זײַן אײביקער אַלײנקייט
און פול מיט טרויער איז די בלום װאָס װאַקסט אַלײן אין פעלד.

און כאָטש מיר װילט זיך שטײַגן, איבער הויכקייטן צו טרעפּלען —
פון אונדזער ערד אַװעקגײן, נאָר מיך נעמט אַרום אַ שרעק
פאַר אַלע װײַטע מילכװעגן, פאַר יענע שטערן־נעפּלען
װו גאָט אַלײן צעשראָקן שטײט און װיל פון זײ אַװעק.

## אין יעדן טעם און שפּיר

אין ביס פון ברויט, אין זיסקייט פון דעם ווײַן — אין יעדן טעם און שפּיר
אַ ניגון ליגט פאַרקניפּט מיט זיי וואָס גייט אויף אויף מײַן גומען,
ווי ס׳טרעפט אַ מאָל פאַרקערט גאָר, אַז די טענער פון קלאַוויר
דערמאָנען מיר פון ווײַן דעם טעם, צי דעם גערוך פון בלומען.

ס׳איז טיף אין מיר פאַרבונדן אַלץ, פאַרקניפּט איז קלאַנג און טעם,
די שפּירונג פון מײַן גומען — מיט מײַן אויג און מיט מײַן אויער,
ווען ס׳קען אַ ריח מיר דערמאָנען גאָר דעם רויש פון ים
און אויפגיין דורך אַ שלוק פון ווײַן קען פלוצלינג גאָר דער טרויער.

## ס׳קען אַלץ דאָר זײַן

אַ בליק אַ מאָל, אַ האַנטבאַריר רעדט מער פון אַלע שפּראַכן,
אַ שמייכל קען דערציילן גאָר נאָך מערער פון אַ וואָרט
און ס׳קען דער טרויער אויפפלאַצן אַ מאָל אין מיטן לאַכן,
ווי ס׳פּלאַצט אַ סטרונע אין דער מיט פון פריידיקן אַקאָרד.

ס׳קען אַלץ דאָר זײַן — אַ בליק דערציילט אונדז מער פון אַלע ווערטער
און ס׳ווײנט דער שלוכץ אַ מאָל גאָר מער אין נישט-דערטערטער טרער,
ווען שטאַרקער פון געשריי איז גאָר אַ וואָרט אַ קוים-געהערטער,
ווי ס׳ליגט באַהאַלטן דאָרט שוין אַ פאַרלאָשענער באַגער.

## איבערחזרונגען

דאָס אַלץ וואָס קען געשען, געשעט מסתּם ווי שטענדיק,
די זאַכן קומען איצט צו אונדז ווי נעכטן, ווי אַ מאָל —
עס זײַנען זאַכן דאָ וואָס ווערן קיין מאָל נישט פאַרענדיקט
און ס׳טראָגן זיי יאָרהונדערטער — אַ דורות לאַנגן עול.

ווי ווײַטע איבערחזרונגען קומען זיי, פאַרגייען,
פאַרשווונדענע זיי טויכן אויף און קומען אויף צוריק,
ווי אָפּגעוועלקטע עכאָס פון פאַרגעסענע געשרייען,
ווי זעונגען וואָס טויכן אויף פון עבר פאַר דײַן בליק.

## אין יעדער ליניע

אין יעדער ליניע פון אַ וואַנט פאַרקריצט ליגט צײַט און דויער —
אין שטיין און ציגל ליגן זיי מיט שטומער קראַפט פאַרמויערט
און ס׳רעדט אַראָפּ פון דעם קאַרניז בײַם ווינקל פון אַ דאַך
די מורא פון פאַרגענגלעכקייט מיט שטויביק־גרויער שפּראַך.

אַ טיר קוקט אָן מיך, דאַכט זיך, ווי אַן אויפגעריסן מויל,
וואָס שרײַט אַ נישט־געהערטע פול מיט אומרו און מיט גרויל
און ס׳גלאָצט אַ פענצטער אין פאַרנאַכט מיט גליווערדיקן בליק
פון אַלץ וואָס איז פאַרגענגלעך און נישט קומען וועט צוריק.

## כ׳בין נײַגעריק

כ׳בין נײַגעריק צו אַלצדינג וואָס עס קומט נאָר פאַר אַרום מיר,
כאָטש אַלץ למראית עין איז באַקאַנט מיר שוין און קלאָר —
אַז ס׳זײַנען ווינטערס שנייִיק־ווײַס און גרינע זײַנען זומערס,
אַז האַרבסטצײַט וועלקט אַלץ אָפּ און שטאַרבט, אַזוי פון יאָר צו יאָר.

און דאָך שטיי איך פאַרגאַפט, ווי ס׳וואָלט מיין נײַגער ערשט פאַרנומען
די גאַנצע וועלט, אַ יעדן מענטש און יעדן בליק און קול,
ווי איך וואָלט אויף דער וועלט אָט נאָר וואָס אומגעריכט געקומען
און אַלץ דערזען און אַלץ דערהערט אָט ווי צום ערשטן מאָל.

## שוין נישט קיין דיכטער

ס׳קען זײַן, אַז איך האָב זיך צו לאַנג אפשר פאַרהאַלטן
אויף יענער לעצטער סטאַנציע וואָס הייסט: אונדזער ערד,
אַז אפשר ליגט פאַר מיר שוין ערגעץ ווו באַהאַלטן
אַ נײַער איך, וואָס מיר איז שוין צו זײַן אַ מאָל באַשערט.

אַז אין דעם נײַעם גילגול וועל איך דאַרפן קומען
אין קאָסמאָס ערגעץ אויף אַן אַנדערן פּלאַנעט
שוין נישט קיין דיכטער, נאָר אַ מענטש וואָס דאַרף גאָר שטומען
און טראָגן דאָרט זײַן עול מיט ווערטער נישט גערעדט.

## זאַכן

נישט מיר, די מענטשן נאָר, מיר לעבן זיך צונויף מיט זאַכן,
נאָר אויך די זאַכן ווערן מיט די מענטשן ענג פאַרקניפּט,
זיי לעבן מיט געהיים מיט אונדז, זיי טרוימען און זיי וואַכן,
זיי פרייען זיך ווי מיר און ווערן אויך ווי מיר באַטריבט.

ווער ווייס וואָס טראַכט אַ פענצטער וואָס קוקט אָן אונדז אין פרימאָרגן,
וואָס טראַכט בײַ נאַכט אַ טיר אין שטוב וואָס גלאָציקט שטענדיק וואַך —
די וועלט אַרום אונדז לעבט געהיים, זי קוקט אונדז נאָך פאַרבאָרגן
און רעדט מיט אונדז צונויף זיך אויף איר סודותדיקער שפּראַך.

## פאַרגעסן

די גרעסטע פרייד איז אָפט בײַ מיר צו קענען אַלץ פאַרגעסן
נישט טראַכטן מער פון וואַנעט קום איך און וווהין איך גיי,
פאַרמישן זיך מיט אַלע לאַנג פאַרשוווּנדענע מעת־לעתן,
ווּ אויסגעוועפּט און אָפּגעבלייכט איז יעדע פרייד און וויי.

ווּ אַלץ זעט אויס ווי פון אַ בוך אויף שנעל אַדורכגעבלעטערט —
אַ שונד־געשיכטע, צי אַ טראַגיש־נאַרישער ראָמאַן,
ווּ ס'איז דיר דאָרט שוין אַלץ באַקאַנט — דער פריער און דער שפּעטער,
נאָר ווּ עס איז קיין **איצטער** גאָר אין גאַנצן נישט פאַרהאַן.

## אַ משכּון

מיר דאַכט, אַז יעדער טאָג וואָס קומט איז אפשר שוין דער לעצטער,
ווי עמעץ וואָלט נאָר צײַטווײַליק אַהערצו מיך געבראַכט,
ווי איך וואָלט דאָ געלעבט גאָר אַ פאַרמשכּונטער, פאַרזעצטער
וואָס עמעץ קען נאָך קומען הײַנט מיך אויסלייזן בײַ נאַכט.

ווער ווייס מיט וועלכן חוב אַ מאָל ס'האָט יענער זיך פאַרשולדיקט
און מיר צו זײַן גאָר דאָ זײַן משכּון איז געווען באַשערט,
נאָר יעדן טאָג וואַרט איך מיט שרעק פאַרציטערט אָפּ, געדולדיק
אַז באַלד אָט קומט ער אויסקויפן זײַן חוב דאָ אויף דער ערד.

## ווי אַ מענטש אַנטפּלעקט

ס'קען זײַן, איך בין אַ רגע פון אַנטפּלעקונג נאָר אין שטראָם פון אייביקייט,
איך בין אַ פינקל פון דערקענטעניש אין טונקלקייט פון צײַט
וואָס האָט אַרויסגעבליצט און אויפגעשײַנט מיט זעונגען און גלייביקייט
פון טויטן שטאָף צו לעבן אין דעם וווּנדערלעכן בײַט.

אַזוי בין איך אַ שפּרינקל ליכט נאָר, אין דער פינצטערער אומענדלעכקייט,
אַן אויפשײַן פון דערקענטעניש, וואָס האָט פון חושך זיך געוועקט
פאַרוואַנדלען זיך אין שׂכל דורך דער בלינדער אומפאַרשטענדלעכקייט,
כאָטש אויף אַ ווײַלע נאָר, אַן אויגנבליק — אָט ווי אַ מענטש אַנטפּלעקט.

## אין דעם חושך־לאַבירינט

איך בין אַ בלאָנדזשענדיקער, איינזאַמער בן־אדם
אין אימהדיקן חושך פון דעם לאַבירינט.
איך האָב דעם שפּור פאַרלאָרן דאָרט — אַריאַדנעס פאָדעם
און בלאָנדזשע אום אין פינצטערניש פאַרלאָרן, בלינד.

דער וועג אַרום מיר ווינטיקט אימהדיק און שטויביק,
איך בין אין פּלאָנטערנעץ דאָרט שאָטנדיק פאַרשפּינט,
נאָר איך, איך זוך נאָך אַלץ עקשנותדיק און גלויביק
אַריאַדנעס פאָדעם אין דעם חושך־לאַבירינט.

## טויט

צי קען מען טאַקע ווײַזן אויף דער בינע פון טעאַטער
ווי ס'לעבט אַדורך אַ מענטש זײַן טויט, צו נאָכמאַכן אין שפּיל
זײַן לעצטע ווײַל, זײַן לעצטן קרעכץ, זײַן גאַנצע פּײַן און מאַטער,
און פּרוּוון נאָך אַרויסרופן אין זאַל אָט דעם געפיל?

צי זעט נישט אויס דאָס לעכערלעך: די דעקאָראַציע־פאַרבן,
דער שמינק אויף דעם געזיכט און דער געמאַכטער גסיסה־קול?
— ווײַל ס'איז איין טויט נאָר דאָ און נישט קיין נאָכגעמאַכטער שטאַרבן —
אַ טויט וואָס איז דער איינציקער, צום ערשטן־לעצטן מאָל.

## אין יענער רגע

ס׳וואָלט גוט געווען אַ שמייכל טאָן אין יענער לעצטער רגע
ווען ס׳לאָזט אויף דיר די אייביקייט איר פאַרהאַנג שוין אַראָפּ,
ווען ס׳איז די גאַנצע וועלט שוין בלויז דײַן איינזאַמער געלעגער
און ס׳נויגט זיך שוין דער לעצטער טאָג צעשאָטנט אויף דײַן קאָפּ.

אין יענער רגע ווען די וועלט הויבט אָן פאַר דיר צו שטומען,
ווען ס׳לויפט אַדורך צום לעצטן מאָל דײַן לעבן פאַר דײַן בליק —
דערמאָן זיך, אויף דער וועלט ביסטו מיט אַ געוויין געקומען,
איז גיב אַ שמייכל איצטער אויפן וועג וואָס פירט צוריק.

## אַ נײַע וואָר

עס טרעפט אַ מאָל ווי כ׳וואָלט זיך פון מײַן וואָר אַרויסגעצויגן,
אַ שטרענגע וואָר וואָס האַלט די חושים מײַנע ווי פאַרקלעמט,
די שפּיצן פינגער מײַנע ווערן זעעוודיק ווי אויגן,
מײַן יעדער אבר הויבט אָן פילן, זעט אַלץ און פאַרנעמט.

אַזוי הויבט אָן מײַן לײַב אַליין די וועלט אַרום מיר שפּירן
און אַלץ וואָס איך האָב פריִער נישט געזאָגט און נישט געפילט
הויבט אָן מיך מיט אַ נײַער וואָר גאָר אומגעריכט באַרירן,
ווי ס׳וואָלט זיך דורך דער זעלבער ראַם אַנטפּלעקט אַן אַנדער בילד.

## אויף דאָס נײַ

זאָל זײַן, אַז מיר באַשערט איז גאָר, ווער ווייס, אין וועלכער צײַט
געבוירן ווערן נאָך אַ מאָל אין גורלדיקן בײַט
און אויף דאָס נײַ זיך לערנען ריידן, און זיך לערנען גיין,
און ווידער דאַרפן אָנהויבן די וועלט אַרום פאַרשטיין,

צו דאַרפן וואַקסן ווידער, און ווי איצטער ווערן אַלט,
און זײַן ווי איצטער נאָך אַ מאָל דאָס זעלביקע געשטאַלט,
און טראָגן אַ פאַרצאַפּלטער פאַרשטעקט אין מײַן געביין
ווער ווייס צום מאָל דעם וויפלסטן דעם זעלביקן געוויין.

## אַ יוגנטקרענק

ס׳קען זײַן, אַז ליבע איז אַ קרענק ווי מאָזלען, ווי פאַרקילונג —
אַ יוגנטקרענק וואָס קומט אַ מאָל שוין אין די יאָרן שפּעט,
ווי ס׳טרעפט, אַז פלוצלינג ווינטער גיט די לופט אַ שמעק מיט פרילינג —
דער שניי צעגייט, עס שײַנט די זון, זי וואַרעמט און זי גלעט.

אַ ווײַלע נאָר — ס׳איז ווינטער דאָך, אָט באַלד וועט ווערן קעלטער,
די זון פאַרשווינדט, די ערד וועט ליגן ווידער ווײַס, פאַרשנייט,
נאָר ליבע איז אַ קרענק אַזאַ וואָס ווייס נישט פון קיין עלטער,
ווען ס׳פיבערט פלוצלינג פרילינגדיק דײַן בלוט מיט יוגנטפרייד.

## על־פּי טעות

עס חזרט זיך איבער די אייביקע דראַמע —
אין שטורעם פון ליד ווי אויף כוואַליעס פון ים,
אַ שווימער בין איך דאָרט — אַ וואַסקאָ דע גאַמאַ,
וואָס זוכט איצט דעם ברעג פון פאַרכּישופטן גראַם.

און אפשר — קאָלומבוס, וואָס האָט גאָר פאַרביטן,
און האָט על פּי טעות, געפונען אַ לאַנד,
אַזוי טרעפט אין ליד — איך פאַרבלאָנדזשע אין מיטן
און טרעף אָן אַ וואָרט וואָס איך האָב נישט געאַנט.

## דײַן רעיון

איך האָב מער מסתּם גענומען ווי איך האָב דער וועלט געגעבן —
וויפל ווערטער בלויז געהערטע, וויפל — פון אַ פרעמדן בור,
אַלע פאַרבן, אַלע קלאַנגען ליגן גרייטע שוין אין לעבן,
אַלע ריחות, אַלע טעמען ליגן פאַרטיק — נעם, פאַרזור!

אַלץ ליגט גרייט פאַר דײַן אַ שורה, בלויז דײַן אויפגעבליצטער רעיון
איז נאָר דײַנער, איז נאָר דײַנער, ער געהערט צו דיר אַליין,
כאָטש די ווערטער זײַנען אַלטע, וועט זיי דײַן געדאַנק באַנײַען,
ווען באַרירט זיי וועלן ווערן דורך דײַן שמייכל און געוויין.

## פול מיט סוד

מיט סוד איז פול די ערד אַרום, מיט סוד איז פול דער הימל —
ס׳איז אַלצדינג אין דעם גלײַך, נישטאָ קיין קליין, קיין גרויס
און וווּנדערלעך איז אַלץ: דער גאָלד פון זאַנג, דער רויט פון בלימל,
דאָס קלענסטע גרינע בלעטעלע וואָס קריכט פון קנאָספּ אַרויס.

זיי זײַנען פול מיט סוד אַט ווי די ווײַטסטע שטערן אויבן,
אַט ווי די גרעסטע מילכוועגן וואָס טראָגן זיך אין רוים
און ס׳זינגט די זעלבע אייביקייט אין ווירבלזײַל פון שטויבן,
ווי ס׳זינגט דאָס ליכט פון זון באַהאַלטן אין דעם זאַפט פון בוים.

## ווער ווייס דעם זין פון זאַכן?

ווער ווייס דעם זין פון זאַכן? פון געבורט נאָר, פון מײַן וויגל
טראָג איך, קען זײַן, דעם אָפּבילד פון אַן אויסגעטראַכטער וועלט.
און אַלץ אַרום איז אפשר פון מײַן דמיון־וועלט אַ שפּיגל,
און ס׳איז די וועלט די אמתע פאַרהוילן גאָר, פאַרשטעלט.

ווער ווייס דעם זין פון זאַכן? — כ׳בין נאָר, קען זײַן, אַ רמז,
אַן עבֿאָ פון אַן אַנדער וועלט, אַ וועלט אַ צווייטער גאָר.
און וואָס ביי מיר איז נס און וווּנדער איז גאָר דאָרט אַן אמת,
און וואָס ביי מיר איז דאָ התגלות איז גאָר דאָרט אַ וואָר.

## דער צופאַל

ס׳האָט מײַן געפיל געשטריטן מיט מײַן שׂכל, מיט מײַן לאָגיק,
ווער איז פון זיי דער באַלעבאָס פון מײַנע טעג און נעכט —
איז טאַקע דאָס געפיל אַזוי נישט דויערהאַפט — איינטאָגיק
און איז דעם שׂכלס חשבון טאַקע אַלע מאָל גערעכט.

אַזוי בין איך צווישן זיי געשטאַנען ווי געפאַנגען,
געוואָלט דערגיין ווער איז דאָס דער בעל־דעה אין דער שפּיל,
ביז פּלוצלינג מיט אַ חוש אַ זעקסטן אומעטיק דערגאַנגען,
אַז דאָס איז גאָר דער צופאַל, נישט דער שׂכל, צי געפיל.

## מײַן היים

מײַן היים איז דאָרט ווו איך בין דאָ, נישט דאָרט ווו כ'בין געזעסן
אַ יונגער פול מיט פרייד אַ מאָל, נישט דאָרטן אין אַ שטאָט
וואָס איז שוין לאַנג אין מײַן זיכּרון אָפּגעמעקט, פאַרגעסן,
ווו ס'האָט דער ווינט אַ שטויביקער פאַרווישט שוין לאַנג מײַן טראָט.

מײַן שטוב איז דאָרט ווו איך בין דאָ, די גאַס וואָס איז אַרום מיר
דאָס איז מײַן וועלט וואָס רוישט, וואָס זינגט אין מיר דורך איר באַריר —
דער בוים וואָס גרינט לעם שטוב בײַ מיר דאָס איז מײַן שיינער זומער
און ס'איז דער שענסטער טאָג, דער טאָג וואָס זוניקט בײַ מײַן טיר.

## דער נישט־אָנטפּלעקטער סוד

דער הימל שרעקט אונדז שטענדיק מיט זײַן שטראָפנדיק גאָט
ער גלאָצט אַזוי אַריבער אונדז מיט בלויקייט מילד פאַרהאָנגען,
ווו יעדערער פון אונדז גייט אום פאַראורטיילט שוין צום טויט
און לעבט מיט אים און איז פון אים אַ לעבן לאַנג געפאַנגען.

דער הימל שרעקט אונדז שטענדיק מיט זײַן שטראָפנדיקן גאָט
און ס'שרעקט דער טויט אונדז שטענדיק מיט זײַן אומגעריכטן קומען —
אַזוי פאַראייניקט ביידן זיי דער נישט־אָנטפּלעקטער סוד,
וואָס גלאָצט פון הימל איבער אונדז מיט אימהדיקן שטומען.

## מײַן הימל

דעם ברייטן הימל מײַנעם האָב איך ערגעץ ווו געלאָזן,
אַ ברייטן, אויסגעשפּרייטן ביז די ראַנדן פון דער ערד,
דער רחבות דאָרטן האָט געשמעקט מיט אַראָמאַט פון גראָזן,
מיט זאַפטן און מיט זאַטקייטן וואָס האָבן רײַף געעיערט.

דער ברייטער הימל מײַנער ליגט שוין מאַט דאָרט און פאַרלאָשן
נאָר איך טראָג אום אים אין מײַן בלוט אַ זוניקן צעבליט
מיט אַלע זומערס פריידיקע וואָס זײַנען מער נישטאָ שוין,
וואָס איך האָב זיי דער אייביקייט אַדורך מײַן וואָרט פאַרטרויט.

## װײַל ס'איז דאָך אַלץ געבונדן

**דער דעמאָלט** קען אַן **איצט** דאָך זײַן, דער **איצט** קען װערן **דעמאָלט**,
אויב ס'האָט דײַן האַרץ געליכטיקט מיט דער יוגנטלעכער שײַן
װאָס לעשט זיך נישט, װאָס לויכט באַהאַלטן טיף אין דיר און פלעמלט,
קען אַלץ דאָך זײַן װי דעמאָלט נאָך, קען אַלץ נאָך װידער זײַן.

װײַל ס'איז דאָך אַלץ געבונדן, ס'איז נישטאָ קײן פריער, שפּעטער —
דער האַרבסט קען אויפגײן פרײדיק גאָר װי דעמאָלט — פול מיט ליכט
און ס'קען גאָר פרילינג װידער זײַן, כאָטש האַרבסטיק פאַלן בלעטער,
װײַל ס'קען דער דעמאָלט קומען צו דעם איצטער אומגעריכט.

## עס טרעפט

עס טרעפט, אַז צוגעגעסן װערט די װעלט מיר װי מײַן פּנים,
אַז ס'װערט די װעלט מיר לאַנגװײַליק גאָר אָפט מאָל װי מײַן קול.
איך קוק אויף מײַנע אויגן אין דעם שפּיגל װי אויף שונאים
װאָס זעען די טאָג־טעגלעכקײט די זעלבע אַלע מאָל.

איך װײס ס'איז נישט די אויגנס שולד, נאָר פון דער װעלט אַרום מיר,
נישט שולדיק זײַנען זײ װאָס ס'איז די װעלט גאָר גרוי און בלאַס,—
אַז ס'זײַנען אַלע װינטערס גלײַך און ענלעך יעדער זומער
און װאָס אַדורך מײַן פענצטער גלאָצט דאָס זעלבע שטיקל גאַס.

## איצט

אין מײַנע קינדערטעג איז אַלץ געװען פול מיט װוּנדער —
אַ נײַע װעלט האָט דעמאָלט מיר אַנטפּלעקט זיך יעדע װײַל,
איצט ליגט די װעלט אַ פרעמדע שױן, פון מיר װי אָפּגעזונדערט,
װי ס'זעט אַ גאַסט װאָס כאַפּט אַ קוק פון דרױסן, אין געאײַל.

איצט װײס איך שױן נישט װאָס איז שײן און װאָס אַזױנס איז מיאוס —
אַ גלײַכגילט־נעפּל האָט פאַרהילט, פאַרצױגן אַלץ, פאַרדעקט
און נישט איך זע די פאַרבן מער פון אַלע שײנע שקיעות,
און נישט איך פיל די גרױקײט װאָס האָט הײַנט מײַן טאָג פאַרמעקט.

## ס׳קומט אַלץ אויף פאַרן שלאָף

ס׳קומט אַלץ אויף פאַרן שלאָף — דאָס אַלץ וואָס איך וויל פאַרגעסן,
עס קומט נישט אויף ביי טאָג, נאָר דווקא פאַרן שלאָף בײַ נאַכט,
ווי עמעצער וואָלט אײַנגעטיילט בכּיוון די מעת־לעתן
און יעדער דאגה דווקא פאַרן שלאָף צו מיר געבראַכט.

די וועלט פון זאָרג און קריוודע ליגט, זעט אויס, אין דיר פאַרבאָרגן,
דו פילסט זי נישט — פאַרהוילן פאַר דײַן האַרצן, פאַר דײַן בליק
און דווקא נאָר בײַ נאַכט און נישט בײַ טאָג, צי אין פרימאָרגן
זי טויכט אַרויס פון טונקלקייט, גייט אויף צו דיר צוריק.

## דײַן געדאַנק

עס טרעפט אַז דײַן געדאַנק וואַכט אויף, די וועלט ווערט פלוצלינג אָפן,
דו נעמסט אַרום אַלץ מיט דײַן בליק, די ווײַטקייט ווערט דיר נאָנט,
ווי ס׳וואָלט דיין זעונג אויף אַ סטעפּ אַ נאַקעטן געלאָפן,
ווי אַלץ איז אָפּגעדעקט און פרײַ ביז צו דעם האָריזאָנט.

און טרעפט פאַרקערט אַז דײַן געדאַנק בליצט אויף אַן אומגעריכטער,
און בלײַבט שטיין ווי פאַרבלאָנדזשעט, ווי פאַרקראָכן אין דער פרעמד,
ווי ערגעץ אין אַן אורוואַלד גאָר וואָס פינצטערט אַ געדיכטער
און קען פון דאָרט שוין נישט אַרויס אין דעם געפלעכט פאַרקלעמט.

## דער שטראָם פון טײַך

דער שטראָם פון טײַך כאַפּט אויף די לעצטע האַרבסטיק־געלע בלעטער,
וואָס פאַלן אָפּגעוועלקטע שוין און אָפּגעפליקט פון בוים.
דער טײַך כאַפּט מיט זײַן שטראָם זיי אויף און טראָגט אַוועק זיי שפּעטער
אויף מוטנע כוואַליעס אויפגעפּוישטע, פול מיט גרינעם שוים.

ס׳קען זײַן, דאָס איז ער נוקם זיך אַז זיי צוליב זײַן קינאה —
פאַר זייער גרינער שלווה, פאַר דעם צאַרטן בלעטעררויש
און ער צעכוואַליעט ברויזט און זידט, און קען קיין רו׳ געפינען,
איז כאַפּט ער זיי און יאָגט מיט האַס אַ שוימיקער צעפּוישט.

## איך פיל

נישט אָנזעטיקן קען געננג מײַן בליק זיך מיט דער גרינקײט,
דער הימלבלוי מאַכט דאָרשטיקער מײַן בענקשאַפט און באַגער.
מײַן לײַב ווערט פון דער זונשײַן פול מיט שטיפּערישער גרינקײט
און איבערפולט מיט קלאַנגען ווערט, מיט עכאָס, מײַן געהער.

איך פיל, איך ווער צונויפגעגאָסן מיט דער וועלט אַרום מיר,
מיט פליגלען נישט געזעענע איך הויב זיך און איך שוועב,
איך ווער אַליין דער גרין, דער בלוי, דער אָטעם פון דעם זומער —
זיי וויקלען מיך אַרום און איך דערפיל דורך זיי — איך לעב.

## ס'האָט יעדער טאָג

ס'האָט יעדער טאָג געלאָזן אין מײַן לעבן ווי אַ סימן —
איך בין צעוווּנדיקט און צעקראַצט פון אַלע טעג,
די בײזע רײד די מענטשלעכע, די בליקן און די שטימען
זײ ליגן אין געמיט בײַ מיר ווי שטײנער אויף דעם דעק.

און כאָטש דער טײַך פון דויער שווימט נאָך אַלץ זײַן וועג דעם אַלטן
און ווישט די צײכנס אָפּ, פאַרשווענקט דעם גאַנג פון מײַנע טריט,
נאָר וווּנדיקע, צעקראַצטע ליגן טעג אין מיר באַהאַלטן,
געזונקענע ווי שטײנער אויף דעם דעק פון מײַן געמיט.

## אונדז אַלײן

מיך עגבערט אַ געדאַנק, עס לאָזט מײַן נײַגער נישט צורו אים —
איך שטײ בײַ נאַכט און קוק אַרויף צום הימל בלײַך־צעהעלט
און טראַכט, צי איז נישטאָ אויך דאָרט אַן ערד מיט מענטשן, ברואים,
צי אונדזער ערד איז טאַקע אײן און אײנציק אין דער וועלט.

צי וואַנדערט נישט דורך מילכוועגן, וואָס זײַנען גוואַלדיק ריזיק,
אַן ערד מיט מענטשן אָט ווי מיר וואָס קענען אונדז פאַרשטײן,
נאָר ס'שרײַט אין מיר אַ שטים פון אַ בן־יחיד בײז, קאַפּריזיק:
— ס'האָט גאָט באַשאַפן אײן מאָל נאָר אַ מענטשן, אונדז אַלײן! —

## איך בין אין דער מיטן ווג

אין מיר לעבט אַן אַסקעט, עס לעבט אין מיר אויך אַ געניסער
און יעדערער פון זיי איז נאָר מײַן הערשער אויף אַ ווײַל.
עס פּײַניקט מיך דער נזיר, ס׳קוקט מיר נאָך אַ יעדן ביס ער,
דער צווייטער יאָגט: — דײַן טאָג איז קורץ, געניס, פאַרזאַם נישט, אײַל!

און איך בין אין דער מיטן ווג, אַ שקלאַף בין איך פוןביידן —
אַט לויף איך פון מײַן גלוסטונג, איך אַנטלויף פון מײַן באַגער,
נאָר ס׳שלעפּט דער צווייטער מיך צוריק צום ערדישן גן־עדן
און כ׳ווייס נישט פאַרט צו וועמען אויף אַן אמת איך געהער.

## פאַרנאַרטע

אַ יעדערער פון אונדז מיט זיך אַליין, קען זײַן, פאַרטאָן איז —
מיר אײַלן זיך, מיר יאָגן זיך צום אויסגעבענקטן ציל
און ווייסן נישט אַז דער באַשעפער טרײַבט מיט אונדז ליצנות,
אַז דאָס פירט ער מיט אונדז גאָר אַן אַ חוזקדיקע שפּיל.

און מיר, פאַרנאַרטע, מיינען אַז מיר ווייסן וואָס דער ציל איז
און אײַלן צום גן־עדן זיך פון אויסגעדאַכטן גליק,
און פּרוּוון אים נאָך חנפענען מיט דאַנקענדיקע תּפילות,
און קומען פון דעם אויסדאַכטציל אַנטווישטע אויף צוריק.

## מײַן געדאַנק

דער גרעסטער שונא מײַנער איז דאָך דער געדאַנק — מײַן רעיון,
דאָס גיט דאָך ער מיר נישט קיין רו, קוקט נאָך מײַן יעדן טראָט.
איך ראַנגל זיך מיט אים, איך קען פון אים זיך נישט באַפרײַען,
עס העלפט פאַר אים מײַן אָנשטעל נישט — נישטאָ פאַר אים קיין סוד.

ער ווייס, איך טראָג באַהאַלטן אום אַזוי פיל יצר־הרעס,
איך פּרוּוו מיט שיינקייט לײַטערן מײַן גלוסטונג, מײַן פאַרלאַנג,
נאָר ער, ער ווייס דאָך אויף אַן אמת ווי עס זעט מײַן וואָר אויס,
איז חוזקט ער פון מיר אָפּ, ער — מײַן שונא, דער געדאַנק.

## מיר האָבן ליב די וועלט

מיר האָבן ליב די וועלט אַ מאָל נישט בלויז צוליב די פריידן,
נאָר ווײַל מיר האָבן אַלץ פאַרטרויט איר, אַלע טעג און נעכט,
געווידמעט אונדזער לעבן איר, געגלויבט אין איר גן־עדן,
ווען מיר זײַנען געשלאָגענע געווען גאָר אירע קנעכט.

אָט ווי מיר האָבן ליב אַ מאָל פאַרראַטנדיקע פרויען,
כאָטש אָפּגענאַרטע, האָבן מיר זיי ליב נאָך אַלץ דערפאַר,
ווײַל אונדזער פרייד געפרווווט מיר האָבן דווקא זיי פאַרטרויען,
ווײַל ס'איז מיט זיי פאַרבונדן אונדזער בענקשאַפט, אונדזער צער.

## די צײַט מישט אויס

די צײַט מישט אויס דעם אמת מיט דער אויסדאַכטונג אין איינעם,
זי וועבט אַ דמיון־שפּיל אויס, אַ פאַרפּלאָנטערטן אוזאָר,
וואָס האָט צו דיר קיין שײַכות נישט און אפשר נישט צו קיינעם —
אַ דמיון־שפּיל, אַן אויסטערלישע, אויסגעטראַכטע וואָר.

נישט דײַנע און נישט קיינעמס, נאָר ביי דיר אין די מחשבות
האָט אַלצדינג זיך פאַרפּלאָנטערט דאָרט — דיין שׂכל און געפיל,
דײַן אויסדאַכט און דײַן וואָר, ווי ס'וואָלט דאָס אַלץ דאָרט אויף קאַטאָוועס
די צײַט אין דיר פאַרמישט, פאַרפּלאָנטערט אין איר מאָדנער שפּיל.

## רחמנות

ס'קען זײַן, רחמנות, מיטגעפיל צו מענטשן איז אַ ליגן,
שוין קינדווײַז קריכט דער גוואַלד־געפיל, דאָס שלעכטס פון אונדז אַרויס,
מיט ווייפל פרייד מיר רײַסן אָפּ די פליגעלעך בײַ פליגן,
מיט ווייפל נײַגער קוקן מיר די שפּיל פון קאַץ און מויז.

אויף יענער זײַט פון גוטס און שלעכטס פאַרהילט דאָרט אונדזער וואָר איז
און מיר, מיר שטרײַטן, ראַנגלען זיך אין ענגן קרײַז פאַרקלעמט,
און אַלע טאָג מיר קעמפן מיט די זעלבע יצר־הרעס,
און בלײַבן שטיין נישט איין מאָל שוין פאַר זיך אַליין פאַרשעמט.

## אויף יענער זײַט פֿון אַלץ

עס טרעפֿט, אַז פֿון דער ראַם פֿון צײַט וואָס האַלט מיך אַ פֿאַרקלעמטע
איך רײַס אין דמיון זיך אַרויס פֿון איר באַפֿרײַט אַ ווײַל,
מײַן לעבן וואָס געקראַמפּט אין איר האָט, שטרענג — אַן אײַנגערעמטע
צעשווימט, צערינט און ווערט פֿאַרשווּנדן ערגעץ אין געאײַל.

פֿאַרשווינדט אויף יענער זײַט פֿון אַלץ, ווּ ס׳הערשט נישט מער קיין סדר,
ווּ ס׳איז נישטאָ קיין כאָאָס, נישט קיין בראשית, נישט קיין סוף,
ווּ אַלץ איז אויסגעמישט, גאָר אַן אַ נאָכדעם, אָן אַן איידער,
אַזאַ מין ווײַל, ווי ס׳טרעפֿט צווישן וואָך זײַן און דײַן שלאָף.

## מײַן שאָטן

ס׳קען זײַן, עס איז פֿאַרקערט גאָר, אַז נישט מיר גייט נאָך מײַן שאָטן,
אַז דאָס גיי איך גאָר אים נאָך — ער פֿאַרפֿירט מיך מיט זײַן שטיף,
ער לויפֿט אַרום פֿון אונטער טריט פֿון קיינעם נישט צעטראָטן,
אַ רוישלאָזער — אָנוואָגיק, אָן אַ גרעב און אָן אַ טיף.

איז וויל ער ציט ער אויס זיך, ווערט ער לענגער, ווערט ער ברייטער,
ער יאָגט זיך, טראָגט זיך, קריכט אַרום אין אימפּעטיקן יאָג
און איך, קען זײַן, בין אפֿשר גאָר דעם שאָטנס אַ באַגלייטער,
און ער איז דאָס דער באַלעבאָס פֿון אַלץ וואָס איך פֿאַרמאָג.

## ס׳איז אַלץ ווי אויסגעמישט

אַ גרויקייט און אַ גאָלדיקייט — אַ בלייכע אויסגעמישטקייט,
ס׳איז וואָלקנדיק און זוניק, און די ווײַטקייט בלויט און גרינט,
פֿון כוואַליעדיקן וואַסער שטײַגט אַ שמעקעוודיקע פֿרישקייט
וואָס מישט זיך מיט דעם פֿוילגערוך פֿון וואַסערגרינס און ווינט.

ס׳איז אַלץ אַרום ווי אויסגעמישט — די פֿאַרבן און די ריחות
ס׳איז זומער נאָך און ס׳איז שוין האַרבסט — עס הענגט שוין געל אַ בלאַט
אַט איז דער הימל זוניק העל און אַט שוין גרוילעך בלייך איז,
עס פֿינקלט נאָך דער טײַך, אַט ווערט ער אויך שוין פֿלוצלינג מאַט.

## עס גייט אַ שטרײַט

אַזוי פיל גלוסטונגען באַהאַלטענע אין מיר אַלץ ווימלען,
באַגערן נישט־באַפרידיקטע און בענקשאַפטן פאַרשטיקט,
אַט שלעפּן זיי מיך צו דער ערד און אַט גאָר צו די הימלען —
עס גייט אַ שטרײַט צווישן זיי, זיי ראַנגלען זיך צעקריגט.

מײַן לײַב איז ווי אַ שלאַכטפעלד, ווו פאַרהוילן טיף אין מיר איז
אַ קנויל פון צאַרטקייט, ליבע און פון שנאהדיקן ברויז,
אַ פיבערדיקע צאַפּלשפּיל פון ווידערשפּרוכן, סתּירות
און איך, פאַרקלעמט אין אַט דער שפּיל, קען נישט פון דאָרט אַרויס.

## תּפילות

די תּפילות זײַנען אַלט — זיי טראָגן אום צו גאָט אַ שבח,
אַזוי פיל דורות טרויער ליגט באַהאַלטן אין די אותיות,
דו זאָגסט זיי נאָך, ווען אַלע ווערטער בלאָסן אין דײַן שפּראַך,
ווען ס׳לעצטע וואָרט פון טרייסט גייט אויס, ווערט אויסגעלאָשן —
גוססט.

ווער ווייס, וואָס ציט דיך צו, נישט קלאָר איז דיר דאָרט דער געדאַנק
און ס׳איז דער אינהאַלט דיר נישט וויכטיק, ס׳קען זײַן, ס׳איז דער ניגון,
ווי קינדווײַז נאָך אין וויגל — האָסט פאַרנומען נאָר דעם קלאַנג
און נישט דעם טײַטש פון מאַמעס ליד וואָס פלעגט דיך זיס פאַרוויגן.

## פראַגן

די פראַגן קומען אָן צו מיר בײַ נאַכט אויף מײַן געלעגער
וואָס עמעץ שיקט אַרויס צו מיר בײַ טאָג ווען ער איז וואַך —
דאָס וואָרט ער אויף מײַן ענטפער יענער, מײַן געהיימער פרעגער
און איך, איך ליג און טראַכט אַרײַן, טראַכט איבער יעדע זאַך.

דער ספק דריקט, איך שלאָף נישט אײַן, ווי ס׳וואָלט מיט בייזע הענט ווער
געשטיקט מיך און געמאַטערט, און מיט שרעק אויף מיר געוואַכט.
און איך, איך האָב קיין וואָרט נישט מער, און נישט איך האָב אַן
ענטפער —
איך ליג און צאַפּל, כ׳ליג מיט שרעק — אַזוי אַ גאַנצע נאַכט.

## ס׳איז אַלץ אין מיר

ס׳איז אַלץ אין מיר, אין מיר אַליין — די שקיעות און די שטערן,
ס׳איז אַלץ אין מיר — דאָס ליכט פון טאָג, די פינצטערניש פון נאַכט,
זיי וועלן מער שוין קיין מאָל נישט צו קיינעם נישט געהערן,
ס׳קען זײַן, זיי זײַנען גאָר נישטאָ — איך האָב זיי אויסגעטראַכט.

ס׳האָט טאַקע גאָט באַשאַפן זיי, נאָר ערשט מיט מײַנע אויגן
האָב איך צעשײַנט די שטערן און דעם זומערטאָג צעהעלט,
די גאַנצע וועלט מיט חלום און מיט בענקשאַפטן פאַרצויגן —
אָן מיר איז אַלץ נאָר בלינדער שטאָף, אַ בלינדע חומר־וועלט.

## די וועלט איז מיר געוואָרן ענג

עס האָבן אַלע ווײַטקייטן מיך אויפן וועג דעריאָגט —
די וועלט איז מיר געוואָרן ענג און אײַנגעשרומפּן, קליין
און נישט עס נאַכטיקט מער שוין, און נישט עס העלט, עס טאָגט,
ווי ס׳וואָלט די צייט אַליין געבליבן ווי פאַרגליווערט שטיין.

ווי גאָט אַליין פאַרלאָזן וואָלט דעם הימל און אַוועק,
פאַרשוווּנדן ווו, באַהאַלטן זיך אין נעפּלדיקן קנויל
און נישט ער צאָרנט מער אויף אונדז, און נישט ער שטראָפט, ער שרעקט,
און אַלע ווײַטן שטייען איצטער אויסגעליידיקט, הויל.

## יעדער סוף איז נאָר אַן אָנהויב

יעדער סוף איז נאָר אַן אָנהויב פון אַן אַנדער גאַנג, אַ צווייטן,
ס׳איז געבונדן אַלץ, געקייטלט אין אומאויפהערלעכן בײַט,
ווי עס הויבט דער טאָג אָן שטאַרבן, הויבט די נאַכט זיך אָן צו גרייטן —
ס׳איז נישטאָ קיין רו, קיין אָפּשטעל אין דער קרײַזגעלאָף פון צײַט.

ס׳איז נישטאָ קיין ערשטע רגע, ס׳איז נישטאָ קיין לעצטע ווײַלע,
דו, קען זײַן, ביסט שוין געווען אַ מאָל דאָ אין דײַן וואַנדערגאַנג,
ביסט געווען דאָ און פאַרשוווּנדן אין דעם גאַנג דײַנעם של מעלה
וואָס דער גורל האָט געצייכנט לויט דעם העכערן פאַרלאַנג.

## מײַן לעבנסוועג

מײַן לעבנסוועג, קען זײַן, איז נישט געווען גאָר קיין אומזיסטער,
נישט צופעליק בין איך אַדורך אין גאַנג פון דור צו דור —
עס קען דאָך זײַן אַז יעדערער פון אונדז איז גאָר אַ נסתּר,
וואָס טראָגט באַהאַלטן אום אַ סוד אין אונדזער גרויער וואָר.

אַזוי וועט זײַן אַ טאָג אין גאַנג פון אויפקום און פאַרשווינדונג
ווען איך וועל שוין נישט זײַן מער אין דעם דורותדיקן בײַט,
נאָר בלײַבן וועל איך ווי אַ קשר פאָרט אין דער פאַרבינדונג
פון אונדזער בייזער וואָר אין יענער ליכטיק נײַער צײַט.

## דער טרוים פון אַ גן־עדן

דו לויפסט, דו יאָגסט נאָך גליק זיך און דו פּאַלסט — אַ מידער לויפער,
דו זוכסט עס אום, כאָטש ווייסט אַליין נישט וואָס אַזוינס איז גליק,
אַזוי אַ גאַנצן לעבן אָן אָן אָפּשטעל, אָן אָן אויפהער —
דו מיינסט, דו לויפסט פאָרויס און לויפסט, קען זײַן, גאָר אויף צוריק.

די אַלטע בענקשאַפט פון דעם מענטש, דער טרוים פון אַ גן עדן,
אַז ערגעץ מוז ער זײַן דאָך, ערגעץ וואַרט ער אויף דיר פאָרט —
אַזאַ מין חלום וואָס מיר קענען זיך מיט אים נישט שיידן,
וואָס לעבט אין אונדזער דמיון נאָר, אין אונדזער בענקשאַפט־וואָרט.

## SIC TRANSIT GLORIA MUNDI

אין גורל־טויש אין ערדישן קען אויפגיין אַלץ קאַפּויער,
דאָרט האָט די יוסטע זיכערקייט אין גאַנצן נישט קיין האַפט —
ס'איז אַלץ דאָרט מעגלעך: פרייד קען זיך פאַרוואַנדלען גאָר אין טרויער,
די גרויסקייט קען דאָרט ווערן קליין, דער העלד פאַרלירט זיין קראַפט.

קיין זיכערקייט איז דאָרט נישטאָ, ווען אַלץ וואָס ליאַרעמט, ברויזיקט
פאַרשווינדט, צערינט — **אַזוי פאַרגייט די גלאָריע פון דער וועלט.**
עס איז פאַראַן אין גורל־שפּיל אַן אויסטערלישער חוזק
וואָס נאַרט, פאַרפירט זיי אַלעמען: דעם חכם און דעם העלד.

## אויף דער שפּיץ פון דער כוואַליע

כ׳בין אויף דער שפּיץ פון כוואַליע וואָס טראָגט אום מיך אַ צעשוימטע
און כ׳ווייס נישט ווו דער לעבנס־ים וועט ברעגגען מיך אַ מאָל,
נאָר ס׳איז די כוואַליע אויך ווי איך, קען זײַן גאָר, אַ פאַרטרווימטע —
איך הער אַדורך דעם שטורעמברויז איר זינגענדיקן קול.

און פונקט ווי איך זי ווייסט נישט ווו דער ברעג איז דער באַשערטער
זי טראָגט ווי איך אין שטורעם זיך צום אומבאַקאַנטן ציל,
נאָר איך זינג אויס מײַן אומרו דורך מײַן ליד, אַדורך די ווערטער
און זי מיט ברום מיט שוימיקן אין שטורעמדיקער שפּיל.

## נישט איין מאָל

אַט וויפל מאָל דאָס לעבן האָט פאַרבלענדיקט מיך, פאַרבלינדיקט,
מיט שײַנקייטן מיט כּלומרשטע פאַרנאַרט מיך און פאַרפירט,
אַזוי האָב איך נישט איין מאָל אין מיין לעבן שוין געזינדיקט,
כאָטש איך האָב זייער פאַלשקייט לכתחילה שוין געשפּירט.

אַזוי האָב איך נישט איין מאָל שוין פאַרבלינדיקט און פאַרבלענדיקט
געפירט מיט זיך אַליין אַ שטרײַט שוין פילנדיק די שטראָף,
נישט איין מאָל האָט מײַן אויסדאַכט שוין זיך טרויעריק געענדיקט,
כאָטש לכתחילה אַנענדיק — אַזוי וועט זײַן דער סוף.

## מײַן בלאָנדזשענדיקער שאָטן

פון הינטער מיר צעוואַקלט שאַרט זיך בלאָנדזשענדיק מײַן שאָטן,
ער גייט מיר נאָך, ער מאַכט מיר נאָך — באַגלייט מײַן יעדן טראָט.
ער שלעפּט זיך איבער גאַסן אום פון פרעמדע טריט צעטראָטן,
ער קלעטערט איבער אַלע ווענט פון אומטיקער שטאָט.

איך ווייס, דאָס טראָגט ער שטום אַרום מײַן אומעט און מײַן צווייפל,
ער וועבט אַרײַן זיי, ציט זיי אויס אין טונקעלן געפּלעכט,
ווי ער וואָלט אַלע שרעקן מײַנע אין דער נאַכט געכּפלט
און אָפּגעמעקט מײַן יעדע פרייד מיט חושך פון די נעכט.

## דאָס בלאָנדזשע איך אַליין

די קלאָרסטע זאַכן זעען אויס מיר אָפּט מאָל אומפאַרשטענדלעך
און מאָדנע זעט מיר אויס אַלץ וואָס איך זע און וואָס איך הער —
פאַר וואָס דער בלוי פון קאָרנבלום איז צו דעם הימל ענלעך,
פאַר וואָס דער טריף פון רעגן גאָר דערמאָנט מיר אָן אַ טרער.

איך ווייס, אַז דאָס באמת איז פאַר קיינעם גאָרנישט וויכטיק,
דאָס נײַגערט מיך נאָר אַלץ נאָך וואָס זעט אויס פאַרשטענדלעך, קלאָר
און ס׳דאַכט מיר אָפּט, אַז אַלץ אַרום איז טעותדיק, נישט ריכטיק —
דאָס בלאָנדזשע איך אַליין גאָר אום אין אַ פאַרגרײַזטער וואָר.

## דו הער זיך צו

איך זאָג צו זיך אַליין — די וועלט איז מער דאָך ווי דײַן שׂכל,
דאָס לעבן איז דאָך מער ווי דײַן געפיל, ווי דײַן געדאַנק —
דו גיי אַרויס אין גאַס, באַנעם אַ יעדנס בליק און שמייכל,
פאַרנעם דעם הילך פון טריט און פון די פרעמדע רייד דעם קלאַנג.

טונק אָפּ זיך אין דעם מענטשנשטראָם, וואָס פליסט, וואָס פלייצט אומענדלעך —
די אייביקייט זי זינגט אַרויס אין גאַס פון אונטער טריט,
דו הער זיך צו און ס׳וועט איר שטימע ווערן דיר פאַרשטענדלעך,
פאַרנעם איר קול און ס׳וועט איר עכאָ אויפגיין אין דײַן ליד.

## אין נאַרנדיקן קרײַז

עס טראָגט זיך אונדזער שׂכל אום אויף אַלע אומרו־טראַקטן
און זוכט פאַר אונדזער נײַגער דאָרט אַן ענטפער, אַ באַשייד.
פאַרשלאָסענע אין קרײַז פון בלומרשדיקע דאַטעס, פאַקטן,
מיר חזרן דאָרט איבער אַלץ מיט אויסגעטראַכטע רייד

און טראָגן זיך נישט־וויסנדיק פאַרלאָרן אין אַן עיגול,
און זוכן פאַר אילוזיעס אַ באַגרינדונג, אַ באַווײַז —
אַ וועלט וואָס איז אַן אויסדאַכט נאָר, ווי ס׳איז די וואָר אין שפּיגל
און מיר אין איר פאַרלאָרענע אין נאַרנדיקן קרײַז.

## די שיף פון מײַן הײַנטצײַטיקייט

כאָטש אַלץ האָט מען אַרויסגעוואָרפן פון דער שיף אין וואַסער,
דער שיף זאָל לײַכטער ווערן — ווערט גאָר שווערער נאָך דער וועג.
דער הימל נעפּלט, ס׳ווערט דער האָריזאָנט אַלץ בלאַסער, בלאַסער
און אויסגעליידיקט שווימט די שיף איצט הויל — אַ גרויער פלעק.

**די שיף פון מײַן הײַנטצײַטיקייט** — קיין רודער נישט, קיין זעגל,
זי שווימט מיט מיר אויף גליווער־כוואַליעס סתם, אויף גאָטס באַראָט,
נאָר איך אין מײַן געדאַנק בין אַלץ נאָך גלויביק עולה־רגל
דורך נעפּל־רוימען פּוסטע צו אַן אויסגעדאַכטן גאָט.

## דײַן אַנונג

אַן אַנונג, טרעפט, גייט אויף אין דיר, זי הויבט דיך אָן פאַרפּאָלגן,
אַן אַנונג בלויז, נאָר טונקל ווערט און גרוי פאַרהילט די וועלט,
ווי ס׳טרעפט, אַ שאָטן לויפט אַדורך, אַ שאָטן פון אַ וואָלקן —
דעם וואָלקן גופא זעסטו נישט, נאָר אַלץ ווערט גרוי פאַרשטעלט.

אַזוי דײַן אַנונג, ס׳טרעפט, הויבסט אָן ווי אַ באַרירונג פילן
פון עפּעס וואָס דו זעסט גאָר נישט, נאָר הויערט איבער דיר,
ווי זעסט דעם וואָלקן נישט, נאָר פילסט זײַן שאָטנגרוי דעם קילן,
וואָס פאַלט אויף דיר און גרוי ווערט אויך אין דיר פון זײַן באַריר.

## שדים

עס גייען נאָך מיר שדים אַלץ, זיי לויערן כּסדר,
זיי טשאַטעוועון אויף מיר, די וועלט מיט זיי, זעט אויס, איז פול,
זיי גייען מיר פון קינדווייז נאָך, פון שטעטל נאָך, פון חדר,
דאָרט האָבן זיי געשראָקן מיך פון בוידעם פון דער שול.

איצט שרעקן זיי מיך אויך נאָך אַלץ, שוין נישט דורך שאָטן־שפּאַלטן,
נאָר אָפן, פרײַ דאָ אויף דער גאַס, אין מיטן טאָג צעהעלט,
איצט גייען זיי אַרום לעם מיר אין גאַנצן נישט באַהאַלטן —
די זעלבע שדים אַלץ נאָך, נאָר ווי מענטשן שוין פאַרשטעלט.

## די שרעק

ס׳וואָלט אויסגעזען, ווען דאָס טרעפֿט מיט אַ מאָל גאָר, אומדערטערגלעך —
מיר קענען נישט פֿאַרנעמען אַלע זאָרגן מיט אַ מאָל,
נאָר אויב עס בײַט פּאַמעלעך זיך און ביסלעכווײַז, טאָג טעגלעך,
ווערט לײַכטער אונדז צו אויפֿנעמען דעם סאַמע שווערסטן עול.

אָט ווי מיר פֿילן נישט אויף זיך פֿון אַטמאָספֿער די שווערקייט,
ווי ס׳פֿילט נישט גאָר דעם דרוק פֿון ים אַ פֿיש טיף אויף דער דעק,
אַזוי מיט שווערע זאָרגן פֿול פֿון פֿײַנלעכער באַשערטקייט
מיר גייען אום און פֿילן נישט ווי ס׳דריקט אויף אונדז די שרעק.

## די שעה פֿון חשבון

דו מאַכסט מיט זיך דעם חשבון, מאַכסט אים מיט דער וועלט דער גאַנצער,
עס טרעפֿט, אַז אָט די שעה קומט אויף צו דיר גאָר אומגעריכט,
ביי טאָג גייסטו אַ יוסטער אום מיט פֿעוונעקייט פֿאַרפֿאַנצערט
און ס׳שײַנט די שטאָלצע זיכערקייט אַראָפּ פֿון דײַן געזיכט.

נאָר בײַ דער נאַכט, ווען ס׳ליגט אין פֿרעמדן, שטעכנדיקן דרויסן
דער טאָג שוין אַ פֿאַרלאָשענער צווישן ווענט פֿון שטיין
און דו מיט זיך אַליין בלײַבסט איבער, ווי פֿון וועלט פֿאַרשטויסן
גייט אויף די שעה פֿון חשבון מיט דער וועלט, מיט זיך אַליין.

## דער מענטש

וואָס איז די וועלט אַרום? צי ליגט זי שטרענג פֿאַרזיגלט
אויף יענער זײַט פֿון אונדז — אַ סודותפֿולע שפּיל?
צי איז זי גאָר אַזוי ווי ס׳האָט זי אָפּגעשפּיגלט
דאָס אויג און דאָס געהער מיט שׂכל און געפֿיל?

ווער קען דעם סוד פֿאַרענטפֿערן? אין שטראָם פֿון וווּנדער
דער מענטש — אַ שטויבעלע שטייט קעגן וועלט און גאָט.
נאָר מיט זײַן פֿרעגן און זײַן אייביק זײַן פֿאַרוווּנדערט
איז ער אַליין, קען זײַן, דער גרעסטער סוד.

## ער וואַרפט אָן אויף מיר אַ שלאָף

איך פיר נאָך אַלץ מיט גאָט מײַן אַלטן ווייטאָגלעכן שמועס
אויף מײַן געלעגער אין די נעבט, אָן ווערטער, שטום, אָן רייד.
אין מײַנע בלוטן רוישן נאָך די עכאָס פון נבואות,
וואָס האָבן מיר פון קינדווײַז נאָך, פון חדר נאָך באַגלייט.

דער הימל שטייט אין פענצטער און ער בלויט אַ שטום־פאַרהערטער
ער ווייס זײַן יעדן ענטפער און זײַן מוראדיקע שטראָף,
און איך, איך רייד צו גאָט מיט שטומע, ווייטאָגלעכע ווערטער
און ער אָנשטאָט צו ענטפערן — וואַרפט־אָן אויף מיר אַ שלאָף.

## פון אויסגעדראַכטע לופטשלעסער

עס פעלן אין דער וועלט נישט אויס קיין נאַרישע בעלנים
וואָס זײַנען גרייט זיך אײַנהאַנדלען אָן אויסגעדראַכטן טרוים.
זיי טראָגן זיך ווי קינדער אום מיט פאַרביקע באַלאָנען
פון האָפענונגען ווינטיקע וואָס שוועבן אום אין רוים.

די פאַרביקע באַלאָנען מיט צעפינקלטע קאָלירן
זי נאַרן זיי, זיי לאָקן זיי מיט זייער רויט און בלאָ
און לאָזן זיי פאַרפירטע שטיין בײַ נעפלדיקע טירן
פון אויסגעדראַכטע לופטשלעסער וואָס זײַנען גאָר נישטאָ.

## לויט לערמאָנטאָוון

כ׳האָב ליב אַרויסצוגיין אין פעלד אין שפעטן זומער־אָוונט,
ווען פינצטער ווערט, די וועלט אַרום ווערט דורכגעבלויט מיט סוד,
ווען אין דער שטילקייט, ווי אַ מאָל אין ליד בײַ לערמאָנטאָוון,
דערפילסטו ווי די וועלט ליגט אין דער נאַכט פאַרהערט צו גאָט.

די נאַכט איז שטיל, אַ שטערן ווינקט זיך איבער מיט אַ שטערן,
די בלויקייט נעמט אַרום דיך, בלײַבסט פאַרגאַפט אַ רגע שטיין
און דו הויבסט אָן אין נאַכטיקייט פון זיך אַליין דערהערן
ווי גאָט אַליין רעדט מיט דער וועלט מיט יעדן גראָז און שטיין.

## אומרו

דער אומרו אַ צעווינטיקטער אין מיר איז דורכגעפּלויגן,
מיך אויפגערודערט און אַוועק, אַנטלאָפן ווי געשווינד —
איצט שטיי איך ווי אַ בוים אין פעלד צעשויבערט און געבויגן,
און ס׳רוישט אין מיר דער אומרו אַלץ, ווי ס׳רוישט אַ בוים אין ווינט.

און ווי עס רוישט דער בוים, כאָטש ס׳איז אַוועק שוין דער געוויטער,
און פלאַטערט אַלץ נאָך פול מיט שרעק געבויגן צו דער ערד,
אַזוי טראָג איך דעם אומרו אום וואָס בויגט מיך מיט אַ ציטער
און אַלץ אין מיר איז צו זײַן רויש מיט שטומער שרעק פאַרהערט.

## איצט שטייען מיר פאַרלאָזט אַליין

מיט שאַרפע, היציקע דעבאַטעס
און מיט אַ בייזן וואָרט דערבײַ —
פאַרלאָזן האָבן מיר די טאַטעס
און אַלץ געמיינט: מיר זײַנען פרײַ.

דורך ווילדע ווייטאָגלעכע דראַמעס,
מיט שטילע רייד און מיט געוויין,
פאַרלאָזן האָבן מיר די מאַמעס —
איצט שטייען מיר פאַרלאָזט אַליין.

## כ׳האָב ליב

כ׳האָב אַלץ נאָך ליב דעם רעדערראָל פון אײַלנדיקע באַנען,
כ׳האָב ליב פון דעם לאָקאָמאָטיוו דעם סאָפּענדיקן ברום,
די קליינע סטאַנציעלעך וואָס לויפן אָן נישט וויסנדיק פון וואַנען
מיט פענצטער־אויגן פוסטע און מיט טירן ליידיק, שטום.

זיי לויפן דורך און קוקן אָן מיך קינדעריש־פאַרוווּנדערט,
און איך קוק אָן זיי אויך פאַרחידושט דורך דער שויב פון באַן.
די וועלט פון דאָרט זעט אויס ווי פון פאַרגאַנגענעם יאָרהונדערט,
נאָר איבער אונדז אין הימל פליט צערוישט אַן עראָפּלאַן.

## מיט פאַלשער לויב

אַזוי האָט מיט זײַן בראשית־וואָרט גאָטס ווילן אַלץ געפורעמט,
אַז אויפגיין זאָל פון דר׳ערד, פון שטויב דער מענטש אין זײַן געשטאַלט —
דער מענטש מיט זײַנע גלוסטונגען, פון לײַדנשאַפט צעשטורעמט,
מיט קינאה־שינאה־טראַכטונגען, מיט לעבצונגען צו געוואַלט.

איז דאָס געוועזן זײַן — כּי טוב? — דער מאָרד פון די מיליאָנען?
פאַר וועלכע זינד טראָגט אום דער מענטש פון טויט די האַרבע שטראָף
צו דאַרפן אים נאָך לויבן, דאַנקען, אַלע טאָג דערמאָנען
און נאָכזאָגן מיט פאַלשער לויב, ווי ער אַליין: — כּי טוב! —

## פון ווײַסער אייביקייט

אַרום מיר בושעוועט אַ ווײַסע זאַווערוכע
אין ווײַטקייטן פאַרבאָרגן זוניקט ווו מײַן היים.
דער שטורעם יאָגט מיך מיט זײַן שנייִק־ווײַסער יובע
און איבער מיר קרײַזט אום דאָס צפון־ליכט געהיים.

און כאָטש מײַן בלוט נאָך פול מיט דרומדיקער זון איז,
און כאָטש מײַן בליק איז נאָך מיט בלויקייטען צעגליט, —
נאָר ס׳זינגט שוין איבער מיר אויף צפונדיקע סטרונעס
פון ווײַסער אייביקייט דער שניישטורעם אַ ליד.

## אויף פאָטאָגראַפיעס זע איך ערשט

אויף פאָטאָגראַפיעס זע איך ערשט אַז איך בין טאַקע אַלט,
אין שפּיגל איז מיר שווער צו זען דעם אונטערשייד פון יאָרן,
ס׳קען זײַן, אַז זי, די שפּיגלגלאָז, פאַרשטעלט עפּעס, באַהאַלט,
זי איז אַליין דאָך פאַר דער צײַט געעלטערט שוין געוואָרן.

ס׳האָט אים אַליין, דעם שפּיגל, שוין אַ מאַטקייַט גרוי באַדעקט,
די אַלטקייט האָט אויף אים געלאָזט פון יאָרן די סימנים,
זײַן ראיה איז שוין שוואַך, ער קוקט אויף מיר צעקראַצט, צעפלעקט —
איז נאָר אויף פאָטאָגראַפיעס זע איך ווי ס׳זעט אויס מײַן פּנים.

## אין יענעם לאַנד

אָט זע איך מײַנע העלדן וואָס איך האָב אַ מאָל באַשריבן,
איך טראַכט פון זייער גורל, זייער לעבן, זייער טויט,
ס׳קען זײַן, **אין יענעם לאַנד** איז איינער לעבן נאָך געבליבן
און טראַכט פון מיר, פון זײַנס אַ וואָרט וואָס ער האָט מיר פאַרטרויט.

ווער ווייס, עס קען דאָך זײַן אַז די געדאַנקען פון אונדז ביידן
באַגעגענען זיך ערגעץ אין אַ סודותדיקן אָרט
און הויבן אָן צווישן זיך גאָר ווי אַ מאָל צו ריידן,
און ווידער הער איך אין געדאַנק זײַן ווייטאָגלעכן וואָרט.

## און מיר האָט זיך געדאַכט

כ׳געדענק ווי איצט, דער הימל האָט געהאָט אַ מאָדנע מראה —
מיט קליינע, בלויע וואָלקנדלעך געלאָפן איז דער ווינט,
פון הינטער אָט די וואָלקנדלעך געגאַנגען איז אַ כמאַרע,
זי האָט געשאַרט זיך בלײַיִק־שווער, אַדורכגעפּינצטערט, בלינד.

נאָר איבער אַלע ווײַטקייטן איז שוין די נאַכט געלעגן,
דער הימל האָט צעשטערנט זיך און מיר האָט זיך געדאַכט —
דאָס גייט דער הימל שטערנדיק דער כמאַרע איצט אַנטקעגן,
אַ ליכטיק־דורכגעבלויטער גייט ער צו דער לעצטער שלאַכט.

## אָט ווי אַ פלאַש אַ טונקעלע

עס טרעפט אַ מענטש זיצט און ער שווײַגט, דו ווילסט פאַרשטיין וואָס טראַכט ער,
זײַן שטומער פּנים גלײַכגילטיקט אָן אומעט און אָן גלוסט,
אָט ווי אַ פלאַש אַ טונקעלע, פאַרקאָרקעט, אַ פאַרמאַכטע,
וואָס דו מיט זען בלויז קענסט נישט ווייסן — איז זי פול, צי פּוסט.

נאָר פּלוצלינג גיט זײַן פּנים זיך אַ וועק, מיט בליקן אויפגעהעלטע
ער רעדט צו דיר און דו דערפילסט די פרישקייט פון געדאַנק,
די ווערטער גייען אויף, זיי שפּרודלען ליכטיק־אויפגעקוועלטע,
ווי ס׳וואָלט פון פלאַש געגאָסן זיך דערקוויקנד אַ געטראַנק.

## אַ סודותפולער קול

דו ווייסט נישט ווען, דו ווייסט נישט ווו — אין גאַס, צי אין דײַן צימער —
דו וועסט דערהערן פּלוצלינג אַזאַ סודותפולן קול
און איבער דיר וועט אויפגיין אין דעם אָוונטיקן שימער
אַ וועלט וואָס איז נישטאָ שוין מער, אַ וועלט גאָר פון אַ מאָל.

אַזוי וועט זײַן, אין יום־טוב־רויש, אין בלענד פון העלע ליכטער,
צי אפשר גאָר ווען דו פון שלאָף וועסט געבן זיך אַ וועק
וועט פּלוצלינג אָט דער קול אין יענער ווײַל דער אומגעריכטער
דיך ברענגען אויף צוריק צום אָנהויב פון דײַן לעבנסוועג.

## אַ פּנים

דו קוקסט אַ מענטשן אָן און ביסט נישט זיכער מיט זיין פּנים,
דו פילסט אַז זײַנע אויגן זײַנען מיט זײַן מויל צעקריגט —
די ליפּן שמייכלען, נאָר די אויגן קוקן אָן דיך — שונאים,
ווי ער מיט זײַנע בליקן וואָלט געוואָרגן דיך, געשטיקט.

און מעג ער ריידן שטיל, געלאַסן, פרײַנדלעך און בנעימות,
נאָר דו דערפילסט — פון זײַנע אויגן קריכט צו דיר אַ גרויל,
כאָטש מיט געמאַכטע פרײַנדשאַפט־ווערטער פול נאָר אַלץ זײַן שטים איז,
נאָר זײַנע אויגן ריידן אַנדערש ווי עס רעדט זײַן מויל.

## אַ ווײַטע שרעק

מיר שרעקן נאָך די שפּאַרעס פון נישט גוט פאַרמאַכטע טירן,
פון זייער טונקל לויערט אַ פאַרשאָטנטער פאַרדאַכט.
מיר קומט עס פאָר — אָט הויבט זיך דאָרט דער טונקל אָן צו רירן
ווי גאָר אַ מאָל, ווי קינדווייז אין אַן אומרויִקער נאַכט.

אַ ווײַטע שרעק! זי פלאַטערט נאָך אַרום אין מיר באַהאַלטן
מיט שאָרכן מיט געהיימע נאָך. זי לעבט אין מיר און וואַכט,
זי גנבעט זיך צו מיר אַדורך די שאָטנדיקע שפּאַלטן,
אַדורך די טירן נאַכטיקע וואָס שטייען האַלב־פאַרמאַכט.

## אַ שטיין

אָפט מאָל זאָג איך אויף אַ מענטשן: — עלנט ווי אַ שטיין! —
אפשר איז עס גאָרנישט אמת ווי איך זאָג און מיין,
ס'קען דאָך זײַן, דער שטיין טראָגט אויך אום טיף אין זײַן געביין,
טיף, ווי איך, באַהאַלטן דאָרט אַ בענקשאַפט אַ געוויין.

אפשר איז ער גאָרנישט עלנט, אפשר נישט אַליין,
ס'ליגן שטיינדעלעך לעם אים ווי קינדער פּיטשינק־קליין,
וועלן זיי מיט אים דאָ וואַקסן און מיט אים דאָ שטיין —
ס'לעבט קען זײַן דאָ אַ משפּחה — ווער קען זיי פאַרשטיין?

## כ'בין פון דער אַלטקייט שוין געפאַנגען

איך האָב אַזוי פיל גוטע פרײַנד אין לעבן זיך דערוואָרבן
און ביטערע דערמאָנונגען וואָס קענען מאַכן טריב —
אַזוי פיל נאָנטע מענטשן זײַנען פאַר דער צײַט געשטאָרבן,
אַזוי פיל גוטע פרײַנד וואָס זײַנען מיר נאָך נאָנט און ליב.

און איצט ווען איך אַליין בין פון דער אַלטקייט שוין געפאַנגען,
ווען איך אַליין בין עלטער פון אַ סך וואָס זײַנען טויט
איז דאַכט מיר, כ'בין אין לעבן אויף לוויות נאָכגעגאַנגען,
כאָטש ס'האָט אויף מיר דער הימל בלומרשט פרילינגדיק געבלויט.

## אַ פרעמדנס בליק

עס טרעפט, אין מענטשנשטראָם, אין דורכמאַרש פון געזיכטער,
פון בליקן הונדערטער אין גאַס, אין סאַבוויי, צי אין באַס —
אַ פרעמדנס בליק רײַסט זיך אַדורך, אַ בליק אַן אומגעריכטער,
וואָס גיט אַ זונג אין בלוט בײַ דיר, נישט ווינסדיק פאַר וואָס.

אַרום צונויפגעגאָסן, ווי אין איין צעפליקטער צורה
אַ שטראָם פון הונדערטע פנימער און דאָ אַ בליק צעהעלט,
דו כאַפּסט אים אויף און זינגסט אַרײַן אים שפּעטער אין אַ שורה —
אַ פרעמדנס בליק, וואָס ווייסט נישט ווען אויף ער אין דער וועלט.

## גלויב!

עס טרעפט, אַז ווען דיר דאַכט — דײַן וועלט צעבראָכן ליגט אין שערבלער,
אַז ס'ליגט דײַן לעבן אויך צעמורשט, צעדריבלט שוין אין שטויב,
אַז דווקא דעמאָלט גאָר דערפּילסטו פֿלוצלינג — ביסט אומשטערבלער,
ווי עמעצער אין דיר באַהאַלטן וואָלט געפּליסטערט: — גלויב! —

ווי ס'וואָלט די וועלט, וואָס האָט געגרויט, געוואָרן פֿאַר דיר ליכטיק,
צעזוניקט וואָלט געוואָרן אַלץ — די מענטשן און די רייד,
און אַלץ, וואָס האָט דיר אויסגעזען הײַנט נישטיק, ווערט גאָר וויכטיק,
באַקומט אַ זין אַ העכערן, אַ טיפֿערן באַשייד.

## די זעלבע בענקשאַפֿט

די אַלטע וועלט וואָס נויגט זיך פֿאַר דער טאַנצנדיקער דאַמע,
וואָס קושט נאָך אין אַ פֿראַק גאַלאַנט די בלייכע פּרויענהאַנט,
זי לעבט נאָך אין טעאַטער ערגעץ אין אַן אַלטער דראַמע,
זי קוקט נאָך אין מוזעומס פֿון די בילדער אויף דער וואַנט.

און כאָטש די וועלט איז אַנדערש הײַנט — אָן פֿראַקן און צילינדערס,
און ס'הענגט שוין נישט אַראָפּ ביז דר'ערד דאָס קלייד פֿון זײַד, צי פּליוש,
נאָר זייער בענקשאַפֿט נאָך, די זעלבע טראָגן אום די קינדער
און ס'צאַפּלט אַלץ די זעלבע גלוסט אין הייסן מיידלקוש.

## די גרינקייט

די גרינקייט ציט אַרײַן מיך אין איר פֿליסטערדיקער שטילקייט —
דאָס רוישט דער וואַלד אַרום מיר אַ צעבלעטערטער אין ווינט,
אַזוי אַדורך זײַן טונקעלער, פֿאַרשאָטענער פֿאַרהילטקייט
ווער איך מיט זײַנע גרינקייטן נישט ווילנדיק פֿאַרשפּינט.

כ'ווער וואַלדיק-שטיל אַדורך זײַן ברום, פֿאַרניגונט פֿון זײַן גרינקייט,
זײַן טונקל ווערט אין בלוט בײַ מיר אויך ניגונדיק צעהעלט —
דאָס בינדט נאָך אונדז אַ קרובהשאַפֿט, אַ קאָסמישע פֿאַרשפּינטקייט
וואָס ציט זיך נאָך פֿון בראשית ביז אָט דאָ איצט אויף דער וועלט.

## דער העלד

עס שפּילט די שטאָט טעאַטער הײַנט אויף גאַסן־באַריקאַדן,
דער טאָג גייט אויס — אָט וועט דער פאָרהאַנג געבן באַלד אַ פאַל,
עס גייט אַ שפּיל, כאָטש קיינער האָט דאָ קיינעם נישט געלאַדן —
דאָס פירט דער גורל אָן די שפּיל. די גאַס — דאָס איז דער זאַל.

די נאַכט קומט אָן — דער ערשטער אַקט פון שפּיל איז שוין געענדיקט,
זי בײַט דאָס ליכט, די דעקאָראַציעס: שרפה־שײַן... רויט...
נאָר ווו איז ער, דער העלד פון שפּיל?! דער העלד — ער ליגט ווי שטענדיק
אין גאַס, אין אַ קאַלוזשע בלוט אַדורכגעשאָסן, טויט.

## די פייגל זינגען פון דעם טאָג

די פייגל זינגען פון דעם טאָג, דער ווינט נאָר זינגט נאָך פון דער נאַכט,
די טויען פינקלענדיקע בליצן מיט ערשטער זון אויף גרין פון גראָזן —
עס איז שוין טאָג, נאָר ס'האָט דער ווינט מיט זיך די קילקייט נאָך געבראַכט
וואָס ס'האָט די נאַכט פון הינטער זיך מיט שאָטן־טונקלקייט געלאָזן.

די נאַכט זי גייט אַרײַן אין טאָג, זי ליגט אין זײַן געביין פאַרשטעקט,
זי שאַרט זיך פאַזע בײַ דער ערד, זי קריכט אַרויס פון אַלע שפּאַלטן,
עס שײַנט די זון, עס פאָכט דער ווינט, די ערד ליגט פון איר שלאָף
געוועקט,
נאָר הינטער יעדן פינקל ליכט ליגט אַלץ די נאַכט נאָך דאָרט פאַרבאָרגן.

## ווער איז ער, ווער?

אַלץ וואַרט אויף דר'ערד פון אונטער טריט צעטאָפּטשעט און צעטראָטן,
דער זאַמד וואַרט אויך פון אונטער טריט צעדריבלט מיט דער צײַט —
אַ יעדע זאַך צעריבן ווערט, צעמורשט, נאָר נישט דער שאָטן,
מען טרעט אויף אים און ער, ער ליגט דער זעלבער אָן אַ בײַט.

ווער איז ער, ווער? ער איז מיט דיר דאָ אויף דער וועלט געקומען —
דײַן נישטיקייט וואָס גייט דיר נאָך אָן פריידן און אָן פּײַן,
ער מאַכט דיר נאָך, באַגלייט דיך שטענדיק מיט זײַן גאַנג דעם שטומען
און וועט ווי דו פאַרשווינדן און וועט אויך נישט מערער זײַן.

## זי וויַזט מיר

איך וואָלט געדאַרפט שוין לויט די יאָרן בענקען נאָך מנוחה,
נאָך אַלע בייזע טעג, די אָפּגערווישטע גרויליק, ווילד,
נאָר ס׳קאָכט און ס׳זידט נאָך אַלץ אין מיר די נישט־געשטילטע יוכע,
זי טרײַבט מיך, יאָגט מיך מיט אַ דראַנג וואָס איז נאָך נישט געשטילט.

זי וויַזט מיר: זע, די וועלט אַרום איז אַלץ נאָך פאַרביק, בלענדיק,
ווי שיין איז נאָך די ווינטערנאַכט, ווי שיין דער זומערטאָג
און דו, דו האָסט נאָך אַלץ דײַן ליד פון פרילינג נישט פאַרענדיקט,
די צײַט איז קורץ, עס וואַרט דײַן וואָרט, איז אײַל זיך צו און זאָג! —

## כאָטש אויף אַן אמת איז ער דאָ

דו שטעלסט זיך פאָר, געוועזן אַ מענטש, געלעבט און איז נישטאָ שוין,
אַט ווי דו וואָלסט געזען בײַ נאַכט אין פענצטער אַ געזיכט
וואָס קוקט אויף דיר, נאָר אַט האָט מען דאָס ליכט אין שטוב פאַרלאָשן
און ס׳איז דאָס פּנים שוין נישטאָ — פאַרשוווּנדן אומגעריכט.

כאָטש אויף אַן אמת איז ער דאָ — ער איז דאָך נישט פאַרשוווּנדן,
ס׳קען זײַן, ער קוקט נאָך אַלץ אויף דיר, כאָטש זעסט נישט מער זײַן בליק,
נאָר אַט גיט זיך אַ צינד דער לאָמפּ און אין זײַן שײַן געצונדן
גייט פּלוצלינג אויף אין פענצער אַט דער פּנים אויף צוריק.

## מײַן צימער

איך בלאָנדזשע אום און קען נישט פון מײַן צימער הײַנט אַרויס,
ווי איך וואָלט אַט דעם צימער מיינעם אַנדערש הײַנט פאַרנומען,
ווי איך וואָלט גאָר פאַרבלאָנדזשעט אין אַן אומבאַקאַנטן הויז,
ווו אַלץ איז פרעמד, ווי איך וואָלט דאָ צום ערשטן מאָל געקומען.

איז גיי איך אין מײַן צימער אום ווי אין אַ פרעמדן לאַנד,
וואָס זעט איצט אַנדערש אויס פאַר נאַכט ווי הײַנט נאָך אין פרימאָרגן,
ווו אַלץ איז אומבאַקאַנט מיר איצט: די טיר, דער דיל, די וואַנט —
אַ צימער וואָס פאַר מיר ביז איצט געוועזן איז פאַרבאָרגן.

## דער וויַינגעטראַנק

ווי אַלט איז שוין דער וויַינגעטראַנק, דורך לאָגלען און דורך קרוגן
איז ער צו אונדז דערגאַנגען מיט דעם שיכּרות־טרוים פון גליק
מיט פאַלשער פרייד פאַרשפּילט דעם תּם, צו נאַר געמאַכט דעם קלוגן
און שפּעטער צו דער גרויער וואָר געבראַכט זיי אויף צוריק.

דער זעלבער וויַין וואָס האָט געגאַרט אין קרוגן און אין לאָגלען
נאַרט וויַיטער אָפּ אין פלעשער שוין די מענטשן פון מיַין דור
און זיי מיט טריט פאַרפּלאָנטערטע, פאַרבלאָנדזשעטע, זיי וואָגלען
און זוכן אַלץ די פאַלשע טרייסט דורך אים אין אונדזער וואָר.

## פון יענער זיַיט

ווי זונפלעקן אויף ווענט וואָס פאַלן דורך די לאָדן־שפּאַלטן
פאַרגנבענען געדאַנקען זיך, זיי קומען אומגעריכט
ווי ערגעץ פון אַ יענער זיַיט, זיי פינקלען אויף באַהאַלטן
און העלן אויף דעם טונקל פון דיַין וועלט מיט זייער ליכט.

אַזוי, פון יענעם דרויסן, ווי פון לאָדנס אַ פאַרשטעלטער,
צעזוניקטע געדאַנקען קומען אומגעריכט אַריַין
און ליכטיק ווערט אין דיר אַליין — דו בליַיבסט שטיין אַ צעהעלטער
מיט ווערטער נײַ־אַנטפּלעקטע פול מיט ווונדערלעכער שיַין.

## דעם מענטשנס גאַנג

דורך אַלע טייכן שווימט נאָך אום די מענטשלעכע געשיכטע,
זי ליגט נאָך ערגעץ ווו באַהאַלטן אויף דער דעק פון ליים,
דעם מענטשנס עבר טונקלט זיך אין וועלדער נאָך געדיכטע,
זיי שאָטענען אין אַלטן מאָך פאַרהוילן דאָרט געהיים.

דעם מענטשנס גאַנג ליגט אומעטום, כאָטש ס׳זעט אַ מאָל נישט קיינער,
למראית עין דאַכט זיך אויס — אַרום איז ליידיק, פּוסט,
נאָר ס׳ליגט באַהאַלטן אומעטום — אין שטויב, אין זאַמד, אין שטיינער
דער מענטשנס גאַנג, זיַין בענקשאַפט־דראַנג, זיַין אומעט און זיַין גלוסט.

## „באַפרײַערס"

מיט חניפהדיקע רייד, מיט פאַלש־געמאַכטן דרך־ארץ,
מיט פרומע פּנימער — זײַ קומען צביעותדיק פאַרשטעלט,
זיי גרייטן זיך פאַרשקלאַפן דיך און מיט אַ פרומען תּירוץ
צו קענען מיט פאַרגלאָצטע אויגן קוקן אויף דער וועלט.

זיי קומען כּלומרשט העלפן דיר, זיי קומען דיך באַגליקן,
די וועלט באַפרײַען, אויסלייזן, זיי מאָנען יושר, רעכט —
נאָר אויף אַן אמת ווילן זיי דײַן פרײַהייט גאָר דערשטיקן
און ווען זיי געטרויען, ווערסטו בלײַבן זייער קנעכט.

## צו וועלטן נישט־אַנטפּלעקטע

איך רײַס דורך מײַנע שורות זיך ווי דורך אַ שטײַג מיט קראַטעס
צו וועלטן נישט־אַנטפּלעקטע נאָך וואָס וואַרטן ווי צעהעלט.
איך וויל נישט מער מיט ווערטער ווי מיט פאַרביק־אַלטע לאַטעס
פאַרשטשאָבען זי, די אַלטע וועלט, וואָס ליגט פאַרענגט, פאַרשמעלט.

די וועלט ליגט אָפּגעטראָגן מיט צעפליקטע הײַנטן, נעכטנס
און איך דורך מײַנע שורות וויל זיך דורכרײַסן, אַרײַן
צו וועלטן נײַע, וווּ מײַן וואָרט וועט זיך אויף ס'נײַ פאַרפלעכטן
מיט מאָרגנס, איבערמאָרגנס פול מיט בלענדנדיקער שײַן.

## די וועלט איז ווי אַ בילד

די וועלט איז ווי אַ בילד — באַטראַכט עס שטענדיק פון דער ווײַטנס,
טרעט אָפּ אַ טראָט צוריק און ערשט דערזען ווערסטו דאָס בילד,
פון נאָענטן זעט מען פאַרבן בלויז, וואָס טוישן זיך און בײַטן,
מען זעט קאָלירטע פלעקן בלויז וואָס שימערן צעשפּילט.

די וועלט איז אויך אַזוי, זי מעג פון נאָענט שײַנען, גלאַנצן
מיט מיניענדיקע פאַרבן וואָס פאַרבלענדיקן צעהעלט
און נאָר פון ווײַטנס אָפּגערוקט ווערסטו דערזען זי ערשט אין גאַנצן —
ווען ווי אַ בילד וועט אויפגיין דיר די גאַנצקייט פון דער וועלט.

## שפּורן פון אַ ווײַטער וועלט

איך האָב אין קאָפּ אַלץ אויסגעטראָגן, אַלץ געמאָסטן און געוווגן,
די ווײַטסטע שפּורן פון מײַן קינדהייט — האַלב ווי חלום, האַלב ווי וואָר,
איך האָב זיי אויסגעשיילט פון נעפּל וואָס האָט טונקל זיי פאַרצויגן
און זיי געבראַכט צו מײַנע ווערטער, זוניק דורכגעהעלט און קלאָר.

נאָר אין די קנייטשן פון זכּרון ליגן אַלץ נאָך דאָרט פאַרבאָרגן
קינדער־זעונגען צעשפּילטע — שפּורן פון אַ ווײַטער וועלט:
די בלויען פון אַן ערשטן אָוונט, פינקלען פון אַן ערשטן מאָרגן,
נאָר איך קען צו זיי נישט גרייכן און זיי בלייבן דאָרט פאַרשטעלט.

## אַ צווייטע וועלט

ס׳קען זײַן ס׳איז דאָ אַ צווייטע וועלט וואָס ליגט לעם אונדז דערנעבן
מיר זײַנען דאָרטן אויך פאַראַן ווי דאָ אין אונדזער וועלט,
נאָר אַנדערש גאָר, להיפּוך ווי אָט דאָ אין אונדזער לעבן,
ווו צײַטווײַליק מיר גייען אום ווי שאָטנס נאָר, פאַרשטעלט.

ווו יעדערער פון אונדז איז דאָ אַן אָנדייט נאָר, אַ רמז
פון יעדערן פון אונדז וואָס לעבט זיך דאָרטן אויס פאַרקערט,
אין גאַנצן גאָר אַן אַנדערער, וואָס לעבט דאָרט אויף אַן אמת
און דאָ מיר זײַנען שאָטנס נאָר וואָס לעבן אויף דער ערד.

## דער ניגון פון דער וועלט

די לאָקנדיקע רופן פון דער וועלט זיי ווערן מערער —
און פאַרביקער ווערט יעדער רוף — מײַן זעונג לויפט צעהעלט,
אַלץ גיסט צונויף זיך טיף אין מיר — דער זעער און דער הערער,
פון יעדן קלאַנג גייט אויף צו מיר דער ניגון פון דער וועלט.

דורך אַלע חושים קומט די וועלט צו מיר דורך מײַן באַרירונג,
דורך יעדן טעם און ריח, דורך דער שפּיל פון שאָטנליכט,
איך פּרוּוו זי צו אַנטפּלעקן דורך דער מינדסטער, דינסטער שפּירונג
און קען אַלץ נישט באַנעמען איר פאַרהוילענעם געזיכט.

## אַן אויסגעטראַכטע וועלט

ווו בין איך אַלץ נישט אויסגעווען אין מײַנע טעג פון לעבן,
כאָטש אויב נישט אויף אַן אמת איז אין דמיון, אין געדאַנק —
אַן אויסגעטראַכטע וועלט וואָס כּלומרשט ליגט לעם מיר דערנעבן,
ווו אַלץ גייט אויף פאַרווירקלעכט לויט מײַן ווילן און פאַרלאַנג.

ווו בין איך אַלץ נישט אויסגעווען, וואָס האָט מיך נישט פאַרבלענדיקט —
די אויסגעטראַכטע שיינקייט, ווען אַרום האָט גאָר געגרויט,
ווו יעדעס מאָל ווען ס'האָט אַ חלום זיך פאַר מיר געענדיקט
האָב איך שוין גלײַך אַ נײַעם חלום גלויביק זיך פאַרטרויט.

## איך קער זיך אום

איך קער זיך אום פון אַלע מײַנע לעבנס־עקספּעדיציעס,
ווי פון די לענדער נײַ־אַנטפּלעקטע פול מיט פרייד און גרויל
און מיט דעם גאַנצן האַנטגעפּעק מײַנס פול מיט זינד און מיצוות
שטיי איך בײַם לעצטן ראַנד איצט אויף אַן אמת נאַקעט, הויל.

אַזוי בין איך דערגאַנגען איצט דורך אַלע פריידן, שרעקן,
כאָטש ס'מאַניען פון מײַן לעבנס־מאַפּע סודותדיק צעבלייכט
אַזוי פיל זאַכן אַלץ נאָך נישט־אַנטפּלעקטע — ווײַסע פלעקן,
וואָס איך האָב אין מײַן שטרויכלגאַנג צו זיי שוין נישט דערגרייכט.

## מײַן אומעט

מײַן אומעט איז נאָך אַלץ דער זעלבער ווי פון אַלע דורות —
אַן אומעט וואָס זיי האָבן אים אַרויסגעאָטעמט שטום.
איך טראָג נאָך אַלץ ווי זיי אַרום די זעלבע אַלטע מוראס
און אַלע אַלטע בענקשאַפטן צו אייביקייט און רום.

זיי לעבן אַלץ נאָך אין מײַן בלוט די זעלבע שרעקן, גרוילן,
זיי זײַנען אייביקער פון אונדז, פון הימל און פון ערד
און מעג איך שמייכלען, וואָכן זיי אין בלוט בײַ מיר פאַרהוילן,
און איך אַדורך מײַן שמייכל גיי צו זיי אום אַלץ פאַרהערט.

## אין טעג פון אומעט

עס טרעפט אין טעג פון אומעט און פון אויסזיכטלאָזן טרויער
גיט אומגעריכט אַ העל אין דיר מיט אָפּשײַן פון אַ טרוים,
ווי בלאַנדזשענדיק דו וואָלסט אַדורך אַ דעמערוועלט אַ גרויער
דערזען אין ווײַסטער זאַמדיקייט פאַר זיך צעגרינט אַ בוים.

אין מיטן גרוי, אין מיטן זאַמד — בלײַבסט שטיין פאַרגאַפט און פריידיק,
דער בוים ווערט גרינער, גרינער אַלץ, דער גרוי פאַרשווינדט, פאַרגייט,
אַזוי טרעפט אין דײַן אומעטטאָג — די וועלט אַרום גרויט ליידיק,
נאָר פּלוצלינג גיט אַ בלענד אין דיר און דו ווערסט פול מיט פרייד.

## דער אומעט האָט זיך ליב מיט מיר צו רייצן

דער אומעט האָט זיך ליב בײַ נאַכט מיט מיר צו רייצן,
ער לאָזט נישט שלאָפן מיך, ער וואַכט אין מײַן געביין,
ער פּרוּווט מיט עבר, מיט זכרונות מיך פאַרפּלייצן
און פירט צוריק מיך ביז מײַן קינדערשן געוויין.

ער פירט צוריק מיך צו דער שוועל פון אַלע יאָרן
און לאָזט מיך איבער דאָרט אין איינזאַמקייט אַליין,
און איך מיט מײַן געוויין אין נאַכטיקייט פאַרלאָרן
הויב אָן פון דאָרט צוריק דורך אַלע יאָרן גיין.

## דער אומעט שטעלט דיך פּלוצלינג אָפּ

דער אומעט שטעלט דיך פּלוצלינג אָפּ, ווי ער האָט דורך יאָרהונדערטער
נישט איינעם אָפּגעשטעלט אַ מאָל אין בלווילעכן פאַרנאַכט
און דו בלײַבסט שטיין אין מיטן גאַנג אַן אומגעריכט פאַרוואונדערטער,
ווי ס'וואָלט אין דיר אַ ווײַטער אומעט עמעצנס דערוואַכט.

אַן אומעט וואָס פאַראייניקט אונדז דורך דורות און יאָרטויזנטער,
וואָס איז פאַר נאַכט נישט איין מאָל אונדז באַפאַלן אומגעריכט,
אַן אומעט וואָס דעקט אַלצדינג אָפּ, אַן אומעט אַן אַנטבלויזנטער,
וואָס מאַכט אונדז זען די פאַלשע וואָר גאָר אין אַן אַנדער ליכט.

## דער אומעט

אַ פרומער ייִד שטילט אײַן זײַן אומעט מיט קאַפּיטלער תּהילים,
דער גוי גייט אים פאַרטרינקען מיט אַ גלעזל אין דעם שענק
און איך האָב גאָר דעם אומעט ליב, פון קינדווײַז נאָך איך פיל אים,
פון קינדווײַז נאָך ער זינגט אין מיר, איך טרוים דורך אים און בענק.

אַזוי גייט דורך מײַן אומעט אויף די וועלט פאַר מיר געלײַטערט.
די חומרדיקע וועלט ווערט דורך דעם אומעט לופטיק, גרינג,
די שווערע וואָר ווערט אָפּגערוקט, די גרויע וואָך דערוווײַטערט
און איך דערפיל ווי טיף אין מיר דער אומעט ליכטיקט, זינגט.

## אומעטטײַך

אומעטטײַך, דו האָסט זיך ערגעץ אויף דײַן וועג פאַרשפּעטיקט,
ביסט געקומען, ווען די זון גייט אויס בײַם האָריזאָנט.
ס'ליגט די ערד שוין טונקל, מיד, מיט ליכט און זון געזעטיקט
און די נאַכט זי וואַרט שוין ערגעץ, וואַרט שוין זייער נאָנט.

אומעטטײַך, דו האָסט פאַרשפּעטיקט — ס'איז דער טאָג נישטאָ שוין,
ביסט געקומען ווען די ווײַט ליגט שאָטנדיק פאַרמאַכט,
ס'האָט דער לעצטער וואָלקן אויך אין הימל זיך פאַרלאָשן,
האָסט פאַרשפּעטיקט — דיר אַנטקעגן שווימט צעבלויט די נאַכט.

## דער אומעט-ניגון

מײַן אומעט הײַנט איז נאָגנדיק, מײַן אומרו באַנג און שאַרף איז,
און פול בין איך מיט שטומער זאָרג וואָס מאַכט מיך הילפלאָז, מיד.
אויף רעגן־סטרונעס שפּילט דער ווינט אויס ווי אויף זילבער־האַרפעס
דעם זעלבן אומעט־ניגון וואָס טריפט אָפּ אין מײַן געמיט.

דער רעגן ברענגט אים טריפנדיק פון הימלען גרויע אויבן,
איך טראָג אים אום אַן ערדישן מיט ווערטער דורכגעטרערט,
דער רעגן זינגט אים ציטערדיק מיט טראָפּנס אויס אויף שויבן
און איך מיט ווערטער ניגונדיק — צום רעגנטריף פאַרהערט.

# לאַנדשאַפטן

## מיט צוגעמאַכטע אויגן

איך זע זיי אָפט די לאַנדשאַפטן צעגרינטע און צעבליטע —
מיט צוגעמאַכטע אויגן זע איך זיי ווי אין אַ טראַנס,
מיט וויינגערטנער, מיט הימלען דורכגעזוניקטע, צעגליטע,
מיט ווערטער און אַ ניגון — אַן אַלטמאָדישער ראָמאַנס.

זיי קומען אויף צוזאַמען און פאַרשווינדן נישט־פאַרענדיקט
ווי נאָר איך מאַך די אויגן אויף, ווי אויפגעמאַכט פון שלאָף —
זיי קומען ווי פון קינדער־מעשיות אויפגעשײַנט און בלענדיק,
צי פון אַ חלום ערגעץ, וווּ ס׳איז נישט פאַראַן קיין סוף.

## אַן אויסמיש פון ריחות

אַ ריחות־געווירבל, אַ מישמאַש פון דופטן,
די ערד ווערט פאַרנאַכטיק מיט ריחות געוועקט,
זיי טראָגן זיך דושנע אַרום אין דער לופטן
און מישן מיט בלי זיך פון ליפּעס צעשמעקט.

אַן אויסמיש פון ריחות, די נאַכט ליגט פאַרחלשט,
זי וואַלגערט זיך שיכּור אין אָנמאַכט אויף דר׳ערד,
די גרילן נאָר שפּילן אין גראָז מוזיקאַליש
און ס׳בלייכט די לבֿנה פון אויבן פאַרהערט.

## לאַנדשאַפט

אַפּריל, די ביימער שטייען נאַקעט נאָך מיט צווײַגן, שוואַרץ, אָן בלעטער.
עס שמעקט מיט ערד צעטײַעטער, מיט פײַכטקייט און מיט ווינט,
מיט ביטערקייט פון רויך, וואָס ציט זיך דורך דעם וואַלד און קלעטערט,
צעשמעקט מיט דאָרף, מיט היימישקייט. פון ערגעץ בילן הינט.

דער רויך שווימט אום, ער וויקלט זיך און נעפלדיק ער רינצלט
מיט ציטערדיקן בלוי דעם דאָרף וואָס טוליעט זיך צום וואַלד.
עס בילן הינט און ווי מיט עכאָס גאָלדענע צעבלינצלט
עס ענטפערן קאַלוזשעס אָפּ מיט זונפינקלען צעשטראַלט.

## דער הימל

דער הימל נאַרט אונדז אָפּ — ער הענגט אַ ליגנעריש־פאַרשטעלטער,
ער ווײַזט אונדז נישט זײַן פּנים — אָטאָ ליכטיקט ער צעבלויט,
אָט וואָלקנט ער, נאָר באַלד שוין ווידער מיט זײַן בלויקייט העלט ער,
ווי ער וואָלט אונדז זײַן פּנים צו באַווײַזן נישט פאַרטרויט.

ער איז אַזאַ, ווײַל אויף אַן אמת עפּעס וואָס באַהאַלט ער
און טרעפט טאַקע אַ מאָל אַז ער אַנטפּלעקט זיך גאָר פאַרקערט,
ווען גרויזאַם מיט געוויטער אונדזער ערד מיט כּעס באַפאַלט ער
און שמײַסט מיט רעגן פּלייציקן די הילפלאָז־מידע ערד.

## אַ באַרג אַ הוילער שטײַגט

די זון פאַרגייט, זי קוקט אַרויס אַדורך אַ נעפּל־הײַטל,
אָט גיט זי רויט אַ גלי און באַלד צוריק זיך אַ באַהאַלט.
אַ באַרג אַ הוילער שטײַגט, נאָר אויף זײַן קאָפּשפּיץ ווי אַ שײַטל
עס גרינט אַ ווילד־צעוואַקסענער, געדיכטער שוויבערוואַלד.

אָט רײַסט די זון זיך דורך, זי ווערט אַלץ שרפהדיקער, רויטער,
דער וואַלד פלאַמט אויף בײַם סאַמע שפּיץ געצונדן אין דער מיט,
דער באַרג ליגט אונטן פינצטער שוין, אַ נאַכטיק־דורכגעבלויטער
און נאָר דער וואַלד נאָך אין דער הויך מיט לעצטער רויטקייט גליט.

## וואָלקנס

אַ שוואַבינקע זון אַזאַ בלייכע, זי קעמפּט מיט דעם ווינט דעם צעפּאָכטן,
די צוויטיקע וואָלקנס צעפּליקטע זיי פּרווון פֿאַרלויפֿן איר וועג.
צוויי ביימער שוין האַלב אָפּגעשאָטן זיי שטייען מיט צווײַגן פֿאַרפּלאָכטן
און קוקן זיך צו ווי די וואָלקנס זיי אײַלן אין ווילדן געיעג.

די וואָלקנס זיי טראָגן זיך פֿריילער, צעווינטיקט ווי שיכּור צעהוליעט,
די זון שלעפּט זיך נאָך זיי צעוואַקלט — אָט קומט זי און אָט גאָר
פֿאַרשווינדט.
די ביימער מיט צווײַגן געאָרעמט זיי שטייען צעשראָקן פֿאַרטוליעט
און בלעטער צעפּלאָטערטע, טויטע זיי פֿאַלן צעפּאָכטע אין ווינט.

## דער דעמער

אַריבער דעם נישט טאָגיקן, נישט־אָוונטיקן דעמער
לויפֿט אום אויף גאַס אויף האַרבסטיקער אַ פּײַכטער, געלער ווינט,
ער טראָגט אַרום אַ ברומענדיקן, אומרויִקן זמר
וואָס ס'זינגט דער טונקל אויס — אַן אַלטער בעטלער גרוי און בלינד.

דער דעמער זיצט אויף פּײַכטער ערד מיט נאַסע הענט און בעטלט,
דער געלער ווינט דער האַרבסטיקער ברומט צו אים אויף זײַן באַס,
אַ יונגער בוים גיט זיך אַ נויג און ס'פּאַלט דאָס לעצטע בלעטל —
אַ קופּער־גראָשן וואָס בלײַבט ליגן אין זײַן דלאָניע נאַס.

## בריקן

די זון לויפֿט אום זיגזאַגיק אויף דעם כוואַליעדיקן וואַסער,
ווי ס'וואָלט פֿון גאָלד אַ קרײַצער דאָרט געבוירערט אין דער טיף.
ס'דערנענטערט זיך די שקיעה שוין, דער טאָג גייט אויס, ווערט בלאַסער
און ס'מישט דאָס גאָלד אין וואַסער זיך מיט ערשטן רויטן טריף.

אין שקיעה־שײַן עס לעבן אויף די בריקן־סילועטן,
געשפּענסטיק אויף דעם הימלפּאָן זיי שאָטענען דערוואַכט —
זיי שווימען לופֿטיקע אַרויס פֿון הינטער דעבער פֿון מאַנהעטן
און רינען אויס צעבלויטע אין דעם ברוקלינער פֿאַרנאַכט.

## פאַר טאָג

עס בלויט, עס בלויט, די שפּיצןביימער דורכזיכטיק צעשווומען,
זיי שאַרן זיך אַרויס פון טונקל־שאָטנדיקן קנויל.
אַ יאָדלע קריכט אַרויס פון נעפּל מיט אַ צווײַג אַ קרומען,
וואָס וויקלט זיך אַ רויכיקער ווי אָפּגעשיילט און הויל.

די וועלט ליגט נאָך נישט אָנגעטאָן, ווי שעמעוודיק באַהאַלטן,
ווי זי וואָלט נאָך איר נאַקעטקייט פאַרשטעלן אַלץ געוואָלט,
נאָר אָט רײַסט זיך דער נעפּל אויף — דורך ערשטע בלויע שפּאַלטן
גייט אויף די זון און טוט די ביימער קרוינען אָן פון גאָלד.

## אַ שאָטנדיקער רײַטער

אין נעפּל טראָגט אַ רײַטער זיך, דו זעסט אים קוים — אַ שאָטן,
דיר דאַכט, ער שוועבט אום אין דער לופט, אין גאַנצן נישט אויף דר׳ערד,
דו הערסט פון פערד דעם טופּען נאָר, ווי ער וואָלט שווער געטראָטן,
נאָר ער, ער פלאַטערט אין דעם רוים — אַ שאָטן נישט קיין פערד.

דאָס פערד, דער רײַטער שוועבן אום ווי רויכיקע קאָנטורן,
דער נעפּל ציט זיי אויס, דער רײַטער פלאַטערט ווי אַ ריז,
די גרויקייט שלינגט פוןביידן אײַן די שאָטנדיקע שפּורן
און נאָר פון פערד נאָך עכאָט אָפּ דער טופּען פון די פיס.

## אין שאָטן

דער וואָלקן איז געקומען און האָט אַלץ אַוועקגענומען:
דעם גאָלד, די גרינע זאַפטיקייט, די דורכגעבליטע ווײַט,
די פישופדיקע שפּיל פון שאָטנליכט און נאָר די בלומען
געוואָרן זײַנען פאַרביקער פון אומגעריכטן בײַט.

די זון מעקט אָפּ, די זון קען מיט איר שאַרפן ליכט פאַרפירן,
פאַרבלענדן אַלע פאַרבן און זיי מאַכן בלאַס און מאַט
און נאָר אין שאָטן גליִען אויף צעבלענדטע די קאָלירן,
און נאָר אין שאָטן שאַרפער ווערט נאָך זייער אַראָמאַט.

## אויף יענער זײַט פון פּאַרק

אויף יענער זײַט פון פּאַרק, אַדורך דער שאָטנשפּיל פוןביימער
די הײַזער בלויען נעפּלדיק און דורכזיכטיק פּאַרהויכט.
דער הימל מילכיקט, מיניעט זיך, ווערט טונקעלער, געהיימער
און נאָר מיט זונגאָלד בליציקן אַ פענצטער גיט אַ לויכט.

אַ לויכט — און לעשט זיך אויס. מיט בלוי ווערט ווידער אַלץ פּאַרכליניעט,
די הײַזער־סילועטן שווימען נעפּלדיק אַרום —
אין צווײַגן־דורכזיכט בלויט די שטאָט אַ רויכיקע צעמיניעט,
זי רוישט פּאַרשטיקט — אַ נעפּל־ים מיט אומרויִקן ברום.

## די אָזיערע

די אָזיערע זי מיניעט זיך — אָט ווערט זי מאַט, אָט בלויער,
זי שפּילט מיט שאָטנליכט אַ גאַנצן קײַלעכדיקן יאָר —
אין זומערן אַ פרייִלעכע, אין האַרבסטן פול מיט טרויער
און ווינטער נישט פּאַרפרוירן העלט זי קאַלט, נאָר בלווילער־קלאָר.

די ביימער רינגלען זי אַרום: אין פרילינגן מיט בליטן,
אין האַרבסטן גרויע שטייען זיי שוין אָפּגעוועלקט, פּאַרגעלט,
נאָר זי אַ שטענדיק ליכטיקע צווישן זיי אין מיטן,
זי קוקט מיט נײַגער ווי אַרום איר בײַט זיך אַלץ די וועלט.

## הייסע כוואַליעס

די כוואַליעס הייסע, דורכגעפּעטסטע יאָגן נאָך אַ זעגל,
זיי קומען צו דעם ברעג צוריק און פאַלן אויפן זאַמד.
די סקאַלעס שוימען, זיצן ווי זיי וואָלטן זיך געפּרעגלט
אויף כוואַליעס אײַליק־קאָכיקע וואָס ס׳האָט די זון צעפלאַמט.

די כוואַליעס פעטע, שוימיקע זיי טראָגן זיך צעזאָטן
און קענען נישט אַנטרינען — ס׳יאָגט די זון זיי נאָך צעגליט,
און נאָר פון הינטער שיפן אין דעם קילן גליוער־שאָטן
די הייסע כוואַליעס לעשן אויס זיך אָפּגעשוימט און מיד.

## זיי גיסן זיך צונויף

אַ נישט־פֿאַרגעסענער פֿאַרנאַכט, אַ רויטע, גליענדיקע שקיעה,
דו האַלטסט איר האַנט און שווייגסט, און אַלץ איז קלאָר אַזוי — אָן רייד,
דו פֿילסט איר בליק נאָר איבער זיך אַדורך איר שאָטנדיקע וויע —
אַ מיניענדיקער בלויער בליק מיט יונגער אויפֿגעוועקטער פֿרייד.

אַ מאָדנע ווײַל וואָס פֿירט צונויף דעם רויט פֿון שקיעה־פֿלאַמען
מיט מיידל־ליפּן גלוסטיקע וואָס צינדן אויך זיך רויט —
זיי ווערן איינס, זיי גיסן זיך צונויף צעגליט צוזאַמען
און דו ביסט יונג, די שקיעה לעשט, דער אָוונט קומט צעבלויט.

## דער ים איז אַלט

דער ים איז אַלט, דער ברעג כאַפּט אויף די כוואַליעדיקע שוימען,
עס שמעקט דער ברעג מיט וואַסערגרינס, מיט זאַלציקייט און יאָד.
דאָ האָט דער ערשטער מענטש, קען זײַן, גאָר אָנגעהויבן טרוימען,
דערזען דעם בלויען הימל מיט דעם פֿײַערדיקן ראָד.

דאָ איז געווען דער אָנהויב, קען דאָך זײַן, פֿון מענטשנס שטאַפּלען
צום הימלהויך, צו אין־סוף אין זײַן וואַנגדיקן גאַנג.
דער ים איז בלינד, די כוואַליעס זײַנע לויפֿן אום און צאַפּלען,
און נאָר דער מענטש ער שוימט צעהעלט אויף כוואַליעס פֿון געדאַנק.

## פֿאַרנאַכטיקע וואָלקנס

אַ סטאַדע וואָלקנס טראָגט דער ווינט, זיי טראָגן זיך צעפּלאָטערט —
אָט זעען זיי ווי קעמלען אויס און אָט ווי מאָנסטערס ווילד,
זיי ווערן באַלד צעשוווּמען גאָר — דער ווינט איז שוין פֿאַרמאַטערט.
איז ווערן זיי גאָר דורכזיכטיק מיט שקיעה־גאָלד צעשפּילט.

איצט זעען זיי ווי קינדער אויס מיט בלייכן ראָז פֿאַרשוווּמען,
וואָס ס'האָט די שקיעה שטיפֿעריש, קען זײַן, זיי אויסגעטראַכט —
ווי קינדערלעך וואָס טוליען זיך אין שלאָף אַרומגענומען
אויף פּוכקע וואָלקן־פּערענעס אין ווינטיקן פֿאַרנאַכט.

## נאָר בלאַסער איז דער שאָטן שוין

עס איז פאַראַן אַזאַ מין האַרבסטיק אומרויִקער פיבער —
נאָך גרינט אַרום, נאָך גליט די זון, עס שמעקט נאָך פריש די ערד,
נאָר ס׳פילט אַ יעדעס גרעזל שוין — דער זומער איז אַריבער
און ס׳אַנט אַ בוים מיט יעדן בלאַט וואָס אים איז שוין באַשערט.

כאָטש ס׳רוישט דער בוים ווי שטענדיק נאָך, נאָר ס׳איז זײַן רויש שוין שטילער,
נאָך גרינט אַרום, דער הימל בלויט נאָך דורכזיכטיק צעהעלט,
נאָר בלאַסער איז דער שאָטן שוין, אַדורכגעווינטיקט, קילער —
עס שמעקט באַצײַטנס שוין מיט שניי, מיט פראָסטיק־ווײַסער קעלט.

## אַ פאַרבן־קאַרנאַוואַל

די שקיעה בלענדט, פון מערב קומט אַ כּישופדיקע אויסשטראַלונג —
אַ פאַרבנשפּיל פון גאָלד מיט פּאַנס, פון פיִאָלעט מיט ראָז
און אונטן אויף דער ערד אַ פוילנדיקע האַרבסט־צעפאַלונג
פון בראָנדז און ברוין אויף זשאַווערדיקער וועלקונג פון דעם גראָז.

ס׳וואָלט דער הימל מיט דער ערד אין פאַרבנרויש צוזאַמען
געפרווּווט זיך צו פאַרשטעלן מיט אַ פאַרבן־קאַרנאַוואַל —
מיט בלעטערגליִ פון וועלקונג און מיט שקיעהדיקע פלאַמען
די שרעק, דעם פּחד־טאַנץ פון טויט אין לעצטן בלעטערפאַל.

## דער נאַכטיקער הימל

דער נאַכטיקער הימל איז אומרויִק שטענדיק —
ער ווינקט מיט די שטערן און כּישופט מיט ליכט,
ער פינקלט, ער שימערט, אָט גיט ער אַ בלענדיק,
אָט ווערט ער פאַרטונקלט אַ ווײַל אומגעריכט.

נאָר פּלוצלינג דערזעסטו — דער הימל גאָר בלייך איז,
ער בײַט זיך — אָט לויכט ער, אָט איז ער פאַרקערט
און אונטן די נאַכט לויפט מיט טויזנטער ריחות,
וואָס ס׳טראָגט אום אַנטקעגן צעאָטעמט די ערד.

## אַ נעפּל הילט אַלץ איַין

אַ נעפּל הילט אַלץ איַין מיט גרויען רעגנדיקן טריפֿן,
דער נעפּל וויקלט איַין דעם ברעג, מען זעט דעם ים שוין קוים.
געשפּענסטיקע, ווי דורכזיכטיקע שאָטנס שווימען שיפֿן.
זיי שווימען נישט, זיי שוועבן אין דעם דעמערדיקן רוים.

אין נעפּלדיקער שטילקייט הערסטו נאָר דעם שווענק פֿון כוואַליעס,
אַ הילך פֿון אַ סירענע גיט אַ ציטער און צערינט,
די כוואַליעס פּליעסקען שטיל און זינגען אויס צווישן סקאַלעס
דאָס ליד פֿון ים וואָס רייַסט זיך צו דעם ברעג אָן אויפֿהער בלינד.

## אַ פּוסטקייט אַ פּאַרוואָרלאָזטע

די ביימער שטייען שטויביקע מיט מאַטן גרוי פּאַרצויגענע,
די קאָרע די פּאַרטריקנטע זי שיילט זיך ברוין, צעפּלאַצט.
די הײַזער שטייען קרום לעם זיי, הויקערדיק־געבויגענע
מיט ווענט מיט אָפּגעשונדענע וואָס רויטיקן צעקראַצט.

עס קוקן צו דער גאַס אַרויס די פֿענצטער פּוסט, אָנשויביקע,
אַ יעדעס פֿענצטער — אַ געשריי ווי פֿון אַ שטומען מויל,
די שאָטנס אויף דער ערד זיי ליגן אויסגעצויגן, שטויביקע —
אַ פּוסטקייט אַ פּאַרוואָרלאָזטע וואָס גרוילט אַ ווּיסטע, הויל.

## אין וואַלד

דער וואַלד שמעקט נאָכן רעגן מיט דעם פֿוילגערוך פֿון בלעטער,
די צווייַגן פֿינקלען ציטערדיק מיט טראָפּנדיקן טריף.
אין מאָרגנוואַלד איז טונקל נאָך, די זון שטייַגט הויך, זי קלעטערט
און ס׳פּאַלט דער ערשטער גאָלדפֿלעק אין זיין שאָטנדיקער טיף.

דער מאָך ווערט העל, ער ליכטיקט־אויף אַ גאָלדיק דורכגעגרינטער,
די שאָטנס ציִען אויס זיך ווי פֿון שלאָף געוועקטע פֿויל,
זיי וואַכן־אויף באַהאַלטענע, פֿאַרשטעקטע נאָך פֿון ווינטער,
ווי אויפֿגעוועקט וואָלט זיי די זון פֿון געל־פֿאַרוועלקטן קנויל.

## דער וואַלד

דער וואַלד ער האַלט אין גרינעם נעץ דעם טאָג בײַ זיך געפאַנגען,
מיט צווײַגנפלעכט פאַרפלאָנטערט אים, פאַרשפּונען אים געדיכט.
ער האָט פאַרשלונגען מיט זײַן שטילקייט אַלע שאָרכן, קלאַנגען
און אויסגעלאָשן מיט זײַן טונקל יעדן שפּור פון ליכט.

דער וואַלד האָט נאָר זײַן טונקל ליב דעם שאָטנדיקן גרינעם
און גיט אַ זונשטראַל ווען אַ גלי, פאַרלעשט ער זיך געשווינד —
דאָס האָט דער וואַלד געגעבן מיט זײַן גרינקייט אַ פאַרשפּין אים,
אים אָפּגעקלעקט און ווידער שטייט ער שאָטנדיק צעגרינט.

## ווינטן

די ווינטן לויפן אום און וואָיען שטורעמדיק צעבלאָזן,
זיי טראָגן זיך מיט קרעכצנדיקן ברום אַדורך דער וועלט,
די ביימער בויגן זיך צו דר'ערד, עס פלאַטערן די גראָזן,
דער הימל האָט פאַר שרעק זײַן פּנים וואָלקנדיק פאַרשטעלט.

ס'קען זײַן, די זעלבע ווינטן זײַנען גאָר געווען מילדע,
האָט גאָט באַשטראָפט פאַר עפּעס זיי, פאַר גאָר אַ שווערער זינד —
איז לויפן זיי איצט אום געטריבן וואָיענדיקע, ווילדע
און טראָגן זיך נישט ווויסנדיק וווהין, און בלאָנדזשען בלינד.

## דער ווינט

אַדורך די בלעטער פון די ביימער לויפט אַרום דער ווינט,
ווי ער וואָלט זיי געוואָלט פון זייער היים און רו פאַרטרײַבן.
די בלעטער אָפּגעפליקטע לויפן אום, זיי פליִען בלינד,
זיי טראָגן זיך נישט וויסנדיק ווו וועלן זיי פאַרבלײַבן.

די ביימער שטוינען — ס'איז דער ווינט געווען אַ מאָל דאָך מילד,
ער פלעגט דאָך זומער אין די היצן לײַטזעליק זיי קילן,
איצט לויפט ער אום אַ בייזער גאָר, אכזריותדיק און ווילד
און רײַסט זיי, פליקט, און קען זײַן צאָרן און זײַן כּעס נישט שטילן.

## דער וואַלד שטייט ווי אַ גרינע וואַנט

אין רעגן ווערן אַלע ביימער ענג צונויפגעבונדן,
זיי ווערן מיט די רעגן־פעדעם זילבערדיק פאַרשטעפּט.
דער טונקל האָט פאַרשלונגען אַלץ, די טיפקייט איז פאַרשוווּנדן,
דער וואַלד שטייט ווי אַ גרינע וואַנט מיט גרויקייטן פאַרוועבט.

אַ דינער נעפּל שאַרט זיך אויף דער ערד און ווערט צערונען —
דאָס רויכערט זיך די ערד נאָך אַלץ פון הייסן טאָג צעגליט.
דער רעגן שטעפּט, די ביימער ווערן דורכזיכטיק פאַרשפּונען,
אַ בלויער טונקל הילט אַלץ אײַן און רויִק אַלץ פאַרציט.

## אין דעם נעפּל

די שטערן ווינקען בלייך־פאַררויכערטע, די נאַכט העלט בלאָס־לבנהדיק,
דער נעפּל דורכזיכטיקט אַ מילכיקער, אין לויער ווייִנען קעץ,
די לאַנגע שאָטנס ווי פון דר׳ערד זיך אויפהויבן נישט קאָנענדיק,
צעוויגטע הענגען אין דעם נעפּל ווי געפאַנגען אין אַ נעץ.

די וועלט צערינט, דער נעפּל שווימט ווי ער וואָלט בייז זיך גרוי פאַרטײַענדיק
די שטערן אַלע, די לבנה אַלץ פאַרווישט און אָפּגעמעקט —
די וועלט איז אויס, ס׳קען זײַן אַזוי אַ מאָל נאָך אין דעם בראשית זײַענדיק
געשוווּמען איז זי פּונקט ווי איצט — אַ רויִק־נעפּלדיקער פלעק.

## פאַר טאָג בײַם ים

עס רוישט דער ים, די מעוועס שרײַען הייזעריק צעגאָרגלט,
זיי טראָגן איבער כוואַליעס זיך מיט גרינע פאַסמעס שוים,
עס רוישט דער ים, ער ברומט אויס אין באַגינען ווי אַן אָרגל
זײַן רוגזה־ליד, וואָס עכאָט אָפּ אין נעפּלדיקן רוים.

איך שטיי פאַרבלאָנדזשעט בײַ דעם ברעג, ס׳קען זײַן, אַז דער פרימאָרגן
פאַרפירט האָט מיך, געבראַכט אַהער נישט וויסנדיק פאַר וואָס —
איצט שרײַט דער ים אויף מיר, ער ברומט מיט שינאה טיף פאַרבאָרגן
און ס׳גאָרגלען מעוועס איבער מיר מיט פײַנטלעכן פאַרדראָס.

## אויף יענער זײַט פון שטורעם

אויף יענער זײַט פון שטורעם ליגט אַ גליווערדיקע שטילקייט,
ווי אַלץ אַרום וואָלט אָפּגעווישט דער רוגזהדיקער ווינט.
געבליבן איז אַ טויטער גרין, אַ זוניק־קילע מילדקייט,
אַ הימלבלוי אַ מאַטער ווי מיט גרויקייטן פֿאַרשפּינט.

דער שטורעם האָט אַוועקגענומען אַלץ מיט זיך: דעם פּלאַטער
פון ביימער און פון גראָז, יעדן שאָרך און יעדן קלאַנג —
אַ טויטע שטילקייט גליווערט, גליווערט, ס׳גלאָצט דער טײַך אַ מאַטער,
ווי ער וואָלט אויך פאַרלאָרן ווו דעם אימפּעט פון זײַן גאַנג.

## צוויי וואַנדערער

ווער פאַרבט זי, די לבנה, אָפּ — אַ גרינע,
ווער מאָלט זי אָפּ אויף קופּערדיקן רויט.
מיר זײַנען פון דער זעלביקער מדינה —
צוויי וואַנדערער אין לאַנד פון נאַכט און טויט.

זי האָט פון דר׳הייך מײַן אומעט נישט פאַרנומען,
זי האָט מײַן שטימע קיין מאָל נישט געהערט,
כאָטש האָט מײַן שאָטן פלאַטערדיק אַ קרומען
געשלעפּט נאָך מיר צעשראָקן אויף דער ערד.

## אַ פונק פון שײַן

פון נאַכט אַרויס, פון חושך, פון איר שאָטנדיקער טיף
עס טויכן אויף אַ מאָל צו דיר אַנטפּלעקט די העלסטע רגעס,
ווי דו וואָלסט אין דער פינצטער אויף אַ בלאַנדזשענדיקער שיף
אין חושך פון דער נאַכט דערזען די אויסגעטרוימטע ברעגעס.

און מעג די נאַכט פאַרשווענקען דיך, נאָר יעדער פונק פון שײַן,
וואָס טויכט אַרויס פון פינצטערניש אַ פריידיק־אומגעריכטער,
מאַכט ליכטיקער, מאַכט גלויביק מער דײַן בלאַנדזשענדיקן זײַן,
ווי די פון דיר געצונדענע אַליין די העלסטע ליכטער.

## אומעטיקער טײַך

אומעטיקער טײַך וואָס גליווערסטו אין נאַכט,
האָסט מסתּם פאַרגעסן שוין ווּהין דו ביסט געגאַנגען —
שטאַרסטו בײַ דעם ברעג מנוחהדיק פאַרטראַכט,
ווי ס'וואָלט דיך אַ לבנה־חלום אומגעריכט געפאַנגען.

האָסט פאַרגעסן אַלץ, פאַרגעסן ווײַטער גיין
ווו מיט שײַן לבנהדיקער אויסגעבעט דײַן וועג איז —
אומעטיקער טײַך, דו ביסט געבליבן שטיין
און גליווערסט אַ געפאַנגענער צווישןביידע ברעגעס.

## דער ברייטער טײַך

דער ברייטער טײַך ער מיניעט זיך פון ביימער אַ פאַרשטעלטער,
דאָס גאָלד פון זונליכט שלאָגט זיך אָפּ צוריק פון אים צעגלאַנצט
און פלאַטערט אויף די ביימער אום אַ ציטערדיק־צעהעלטער
מיט פלעקן ליכטיק־גרינלעכע וואָס וויגן זיך צעטאַנצט.

דער טײַך וויגט הינטער צווײַגן זיך ווי אין אַ נעץ געפּענטעט —
אַ צאַפּלפיש וואָס מיניעט זיך מיט גאָלדשופּן פאַרהילט,
די מאַטע ביימער גליווערן, דער ים נאָר מיט זײַן בלענד האָט
צעפינקלט זיי מיט אָפּשײַנען מיט גאָלדיקע צעשפּילט.

## אַ באַרג

אַ קלעטערדיקער באַרג קריכט אין דער הויך מיט שטיגן — טרעפּלדיק,
אויף יעדן טרעפּ — אַ וואַלד, נאָר אויף זײַן שפּיץ איז הויל — אַ פּליך.
דער הימל הענגט אויף אים אַ קרומער, מילכיקבלוי און נעפּלדיק,
אַ וואָלקנדל גיט אומגעריכט צום שפּיץ דאָרט אַ פאַרקריך

און בלײַבט פאַרטשעפּעט הענגען דאָרט אַ האַלבן באַרג פאַרדעקנדיק,
דער ביימערגרין ווערט גרוי פאַרהילט, דער באַרג זעט אויס שוין הויל,
ווי ס'וואָלטן שאָטנס הונדערטער געלאָפן, אַלץ פאַרמעקנדיק
דעם גרין, דעם בלוי און וויקלען אײַן אַלץ אין אַ נעפּלקנויל.

## אַ שטוב אין וואַלד

אַ שטוב אין וואַלד, ס'איז שפּעט אין נאַכט, דיך וועקן, דאַכט זיך, גלאָקן,
אַ שאָרכנדיקע שטילקייט שווימט מיט ביימעררויש אַרום,
דו ליגסט אַ וואַכער און דו הערסט מיט אומרו שטום צעשראָקן,
ווי ס'שווימט צו דיר מיט גלאָקנקלאַנג אין טיפער נאַכט אַ ברום.

אַ שטוב אין מיטן וואַלד, די וועלט איז ערגעץ אָפּגעטראָטן,
ס'איז נאַכט, דו ביסט אַליין, עס שמעקט מיט פינצטערניש און ערד,
די ביימער שאָרכן און עס צאַפּלט אויף דער וואַנט אַ שאָטן —
ער פלאַטערט, צאַפּלט פונקט ווי דו אין טונקלקייט פאַרהערט.

## דער שטרײַט

דער רויט פון ציגלוואַנט רײַסט הייס זיך דורך דעם גרין פון צווײַגן,
ווי ס'וואָלט דער קילער גרין אים זאַפּטיק, שאָטנדיק גערייצט.
ער פּרוווט אַדורך די ביימער זיך אַדורכרײַסן און שטײַגן,
און צאַפּלט אין דעם בלעטערפלעכט וואָס האָט אים גרין פאַרפלייצט.

אַ גאַנצן טאָג שרײַט הייס דער רויט, ער רײַסט זיך, פלאַטערט, קלעטערט,
ביי נאַכט אפילו גייט דער שטרײַט באַהאַלטן אין דער שטיל,
עס שלאָפט די וועלט אַ מידע שוין, עס שלאָפן גראָזן, בלעטער,
נאָר ס'גייט דער שטרײַט פון רויט און גרין אין ליכט־און שאָטנשפּיל.

## דער נאַכטיקער ווינט

דער איינזאַמער ווינט זוכט פאַר זיך אויך אַ ווינקל
צו קענען פאַרטוליען אַ ווײַלע זײַן קאָפּ.
דורך וואָלקנס צעפליקטע מיט שטראַליקן פינקל
אַ שטערן פאַרוווּנדערט קוקט פלוצלינג אַראָפּ.

דער שטערן, צעשימערט פאַר שרעק, הויבט אָן גרינען,
ער קוקט זיך פון דר'הייך צו ווי אונטן דער ווינט
ער זוכט אַלץ אַ רופלאַץ און קען נישט געפינען,
און טראָגט זיך, און יאָגט זיך און בלאָנדזשעט אום בלינד.

## די שיפן

די ליכטער די קאַלירטע שלאָגן אָפּ זיך אויף צוריק,
זיי טויכן אויף פון גאַסנגלאַנץ, פון טראָטואַרן נאַסע
און פלאַטערן אין ווינט אַרום צעהוידעטע און בלאַסע,
ווי טאַנצנדיקע נאָטן פון אַ ווינטיקער מוזיק.

די שיפן שטייען פינצטערע מיט פײַערן צעגרינט,
זיי גלאָצן שוואַרץ־געשפּענסטיקע, באַהאַלטענע אין שאָטן
און הערן צו זיך ווי אויף פאַרביק־טאַנצנדיקע נאָטן
זינגט אויס זײַן אומרו־ניגון אַ צעשראָקענער דער ווינט.

## דער טײַך

עס שלינגט דער טײַך אַלץ אײַן אין זיך: דעם הימל און די שטערן,
די וואָלקנס און די זון און בײַ דעם ברעג דעם גרינעם וואַלד.
ער ציט אַרײַן אַלץ טיף אין זיך, אַלץ מוז צו אים געהערן
און טראָגט פון אַלץ אַרום אין זיך דעם אָפּשײַן און געשטאַלט.

די וועלט אַרום זי ענדערט זיך — אַט בלויט דער הימל בלענדיק,
אַט גרויט ער גאָר, פון וואַלד קוקט שוין דער בלאָנדער האַרבסט אַרויס,
נאָר ער, דער טײַך, ער בײַט זיך נישט, ער שווימט, ער פלייצט ווי שטענדיק,
מעג פרילינג זײַן, מעג האַרבסט שוין זײַן — דער טײַך ער שטראָמט פאַרויס.

## בלויקייט

די נעפּלדיקע בלויקייט וואָס צעשווימט זיך אויף דעם וואַסער
ווערט פלוצלינג גאָלדיק דורכגעזיפּט מיט פּערלמוטער־שײַן
וואָס מיניעט זיך אין פאַרבנשפּיל דאָ העלער און דאָ בלאַסער
און זאַפּט זיך אין די כוואַליעס אין די ווינטיקע אַרײַן.

די בלויקייט ווערט אַלץ גאָלדיקער, דער נעפּל ווערט צערונען,
די זילבער־כוואַליעס לעשן זיך, זיי ווערן העל באַגילדט.
דער גאַנצער טײַך ווערט מיט אַ פּערלמוטער־שײַן פאַרשפּונען
און נאָר די לופט נאָך מיניעט זיך מיט בלויקייטן צעשפּילט.

## איך ווייס עס

איך קוק אויף דעם פעלדז, אויף די בויגיקע כוואַליעס
וואָס רײַסן צום ברעג זיך — איך קוק און איך טראַכט:
ווי שיין אָט די שפּיל איז, ווי פּרעכטיק דער שטראַל איז,
וואָס ציטערט צעפינקלט מיט גאָלד אין פאַרנאַכט.

נאָר ווייסט אָט דער ים און דער פעלדזיקער ברעג עס?
פאַרשטייט עס פון שקיעה דער גליִיקער פלאַם?
נאָר איך וואָס מײַן דויער געציילט איז אין רגעס —
איך ווייס עס, ווײַל אייביקער בין איך פון ים.

## די שיף

די שיף זי שטייט שוין בײַ דעם ברעג, זי איז נאָר וואָס געקומען.
עס דעמערט שוין, די פּאַסאַזשירן קומען שנעל אַרויס.
ס'ווערט אַלץ פאַרמישט: דער מענטשנשטראָם פון שטאָט דער ווײַטער ברומען
און פון דעם ים דער ווינטיקער, דער כוואַליעדיקער ברויז.

ס'ווערט טונקל שוין. ס'האָט אַ לאַמטער זיך אויף דער שיף צעאַפּלט
באַלד וועלן אַלע זיך צעגיין — די נאַכט פאַלט האַסטיק צו
און שטיל וועט זײַן. די שיף נאָר טראָגן וועט אין זיך דעם צאַפּל
פון ים, פון כוואַליעס רוישיקע וואָס ווייסן נישט פון רו.

## דער ים פאַר טאָג

אַ נעפּל האָט דער ים פאַרשטעלט, דער ים ליגט בלוי פאַרשוווּמען,
אַ מאַטער, אויסגעלאָשענער אין טונקל פון באַגין.
די נאַכט איז שוין אַוועק און ס'איז דער טאָג נאָך נישט געקומען
און ס'רייסט זיך קוים אין נעפּל דורך דער ים זיך מיט זײַן גרין.

זײַן כוואַליעשוועגק נאָך טראָגט זיך אום מיט מורמלענדיקן ברומען,
וואָס ציט זיך, ציט זיך אָן אַן אויפהער פול מיט שטילן קלאָג,
ווי ס'וואָלט אַ קינד אָן ווערטער נאָך בלויז מיט אַ קרעכץ אַ שטומען
געריסן זיך אין נעפּל פון דער נאַכט צום העלן טאָג.

## דער ווינט איז שוין פון לאַנג אַוועק

דער ווינט איז שוין פון לאַנג אַוועק, דער בלויער טײַך נאָך ציטערט
און ס'ציטערט אויף זײַן אויבערפלאַך אַ מילכיק־ווײַסער שטעג,
ווו ס'צאַפּלט די לבנה נאָך, צעפּיצלט און צעשפּליטערט —
אָט שווימט זי זיך פאַנאַנדער שוין — אַ זילבער־גרינער פלעק.

די ביימער רוישן ווי פאַרשטיקט, עס שאַרכן שטיל די גראָזן,
ווי אין דער נאַכט זיי וואָלטן זיך אַן אומרו־סוד פאַרטרויט...
דער ווינט איז שוין פון לאַנג אַוועק און האָט אין טײַך געלאָזן
אַ בלוי־גערינצלטע לבנה אויף איר זילבערהויט.

## כוואַליעס

מיט גרינע שנאָבלען שוימיקע, מיט אויסגעשטרעקטע פליגל
די כוואַליעס טראָגן זיך ווי פייגל פול מיט אויפגערוישטן שטיף —
און ווערן אויס. דער ים ווערט שטיל — אַ דורכגעהעלטער שפּיגל,
וואָס האָט די כוואַליעס אײַנגעשלונגען אין זײַן בלויער טיף.

און ווידער לויפן כוואַליעס אָן — אַ פלאָנטערקנויל אַ ווילדער
פון לייבן גרין־צעגריוועטע אין האַסטיקן געיעג —
און ווערן אויס. דער ים ליגט רויק, שטיל, אַ כּלומרשט מילדער —
די כוואַליעס ליגן אײַנגעשלונגען ערגעץ אויף זײַן דעק.

## אַ פאַרנאַכטיקער נעפּל

די וואָלקנס גרייכן שוין צום דאַך, אַ קנוילנדיקער נעפּל
פאַרציט די גאַס, ווי ס'וואָלט אַ שפּינוועבס אַלץ אַרום פאַרשפּינט.
פון גרויען טונקל שווימט אַרויס אַ פענצטערשויב, אַ טרעפּל,
אַ קאַץ און אַ לאַמטער וואָס גלאָצט נאָך נישט־געצונדן בלינד.

דער טאָג גייט אויס, דער נעפּל קנוילט, די קאַץ ווערט גרויער, גרויער,
זי שאָטנט זיך אַ ווײַלע פון דער גרויקייט נאָך אַרויס,
דער נעפּל האָט פאַרשלונגען אַלץ, פאַרשוואומען אַלץ מיט טרויער —
די קאַץ בײַ דעם לאַמטערן און דאָס טרעפּל פון דעם הויז.

## די וואָלקנדיקע גרויקייט

די וואָלקנדיקע גרויקייט הענגט אַ פּערלמוטער־בלאַסע,
זי ווערט אַלץ שווערער, טונקעלער — זי שלינגט אַלץ אײַן, פֿאַרצערט,
זי קוועטשט צונויף די גאַנצע שטאָט — אַ בלייִיק־שווערע משא,
וואָס דריקט אַראָפּ די ווענט, די דעכער, פּרעסט זיי צו דער ערד.

דער טאָג זעט אויס ווי אַ פֿאַרנאַכט גאָר, דעמערדיק פֿאַרשווומען,
די שטאָט זעט אויס געזונקען אין אַ וואַסער אויף דער דעק.
פֿאַרנעמסט נאָר ווי פֿון גרויער טיף גייט אויף איר קרעכץ, איר ברומען
און ווי עס שרײַען ליכט־סיגנאַלן בלוטיק־רויט מיט שרעק.

## אַ סצענעבילד

דאָס הויז מיט טורעמס בײַ דעם טײַך — די גאַנצע פּאַנאָראַמע:
דער שמאָלער וועג וואָס ציט זיך באַרג אַרויף און בײַ זײַן סוף,
דער וואַלד, דאָס אַלץ זעט אויס — אַ דעקאָראַציע פֿון אַ דראַמע,
אַ סצענעבילד, וואָס גליווערט שטום אין אַ לעטאַרגיע־שלאָף.

קיין קול אַרום, קיין פֿייגלטריף — אַ שרעקעוודיקע שטילקייט,
ווי ס'וואָלטן אויך די קלאַנגען דאָ פֿאַרשטיינט געוואָרן — שטום,
ווו אַלע פֿאַרבן לעשן זיך אין רויִקער פֿאַרפֿילטקייט —
פֿאַרשטומטע פֿאַרבן אין אַ גרוי־פֿאַרגליווערטן אַרום.

## דער ווינט ליגט אײַנגעלייגט

דער הימל איז נישט בלוי, נישט גרוי, ער הענגט אַ ליימיק־בלאַסער
מיט וואָלקנדלעך מיט געלבלעכע פֿאַרקוקטע צו דער ערד,
ווו פֿון דער רעגנדיקער נאַכט נאָך שטייט אַ בוים אַ נאַסער
און דורכגענעצטע גראָזן גרינען שאָטנדיק־פֿאַרטרערט.

די לופֿט איז שווער אַדורכגעווייקט פֿון נאַכטיק־לאַנגן רעגן,
דער ווינט ליגט אײַנגעלייגט, פֿאַרקלעמט — קיין פֿלאַטער נישט,
קיין בלאָז,
ווי צוגעפּרעסט ער קען זיך נישט אַ ריר טאָן, זיך באַוועגן
און ס'שאָרכט דער ווינט, און קרעכצט, ווי ער געשטיקט וואָלט זיך
אין גראָז.

## אַ שוואַרץ־צעפּליקטער קאַפּעליוש

דער פּאַרק שטייט מיט קאַלוזשעס אַ נאָכרעגנדיק פאַרגאַסענער,
די ביימער רוישן ווינטיק נאָך און גלאַנציק־פּייַכט צעגרינט
און ס׳פּלאַטערט ווי אַ פויגל מיט די פליגלען דורכגעשאָסענע
אַ שוואַרץ־צעפּליקטער הוט פאַרפלויגן אויף אַ צווייַג אין ווינט.

ער פּלאַטערט דאָרט דער קאַפּעליוש אַ ווינטיקער, צעריסענער,
וואָס עמעץ האָט אַרויפגעוואָרפן קען גאָר זייַן אין שפּאַס.
דער ווינט ער רייַסט, ער פליקט אים אַזאַ רישעותדיק־פאַרביסענער
און ער, ער צאַפּלט, פּלאַטערט דאָרט אַדורכגערעגנט, נאַס.

## אַ פייגעלע ליגט טויט

דורך בלויע ווייַטקייטן גייט אויף אין מיר אַ זוניקער פרימאָרגן —
איך בין אַ קינד און אויף דער גאַס בייַם ראַנד פון טראָטואַר
אַ פייגעלע אַ קליינס ליגט טויט — צעטראָטן, צו דערוואָרגן
מיט אויגן גלאָזיק־גלאַציקע וואָס קוקן אויף מיר שטאַר.

אַזוי פיל יאָרן שוין, וואָס האָט מיט מיר אַלץ נישט פאַרלאָפן,
דורך מענטשן־אויגן טויטע האָט דער חורבן מיך געיאָגט,
נאָר איך זע אַלץ דאָס פייגעלע, די אָפלען טויטע אָפן,
זי קוקט אויף מיר, איך זיץ בייַם שוועל און זוניק איז דער טאָג.

## אַ שאָטנדיקע שיף

דער טאָג גייט אויס, די שקיעה ברענט, ווי אין אַ קופּער־טיגל
זי פלאַקערט אַ צעשמאָלצענע, צעגליט בייַם ראַנד פון ים.
דער ים שלאָגט רויק אָפּ אין גליווער פון זייַן גרינעם שפּיגל
די פלאַטערדיקע רויטקייט פון דעם שקיעהדיקן פלאַם.

די מעווען גאָרגלען הייזעריק, די גרינע כוואַליעס שוימען,
זיי לעקן קוים, נאָר קוים, דעם ברעג מיט שווענקנדיקן שטיף
און נאָר בייַם האָריזאָנט מיט שוואַרצן סילועט פון קוימען
עס שווימט אַרייַן אין שקיעה־פלאַם אַ שאָטנדיקע שיף.

## אין דעם דעמערדיקן סקווער

דער װײַטער רויש פון גאַסן װי דער כוואַליעשװוענק פון ים,
וואָס טראָגט זיך מורמלענדיק צעברומט בײַ אויסגעדראַכטע ברעגעס,
דער סקװער מיט גרינע ביימער אין דער גרױער הײַזערראַם,
דער טאָג וואָס טריפט שוין אָפּ מיט לעצטע שקיעהדיקע רגעס —

כ׳האָב ליב פאַר נאַכט צו זיצן אין דעם דעמערדיקן סקװער,
ווען פענצטער צינדן בלייכע זיך מיט ערשטע אָװנט־ליכטער,
וואָס טריפן אָפּ מיט אומרו און מיט נאַכטיקן באַגער,
מיט אומעט און מיט בענקשאַפט פון פאַרגעסענע געזיכטער.

## דער הונט

אַ זומערטאָג, די זון שטייט הויך — זי שטײַגט. אַ זייגער עלעף
וערט גאָלדיק־העל די גאַס, די שויבן שײַנען הייס צעגליט.
אַן אַלטע פרוי פירט אויף אַ פּענטע דורך דער גאַס אַ כּלב,
דער הונט ער לויפט, ער יאָגט. זי לויפט אים נאָך מיט מידע טריט.

דער הונט איז יונג, אים רופט די גאַס אַ זוניקע, צעבלענדטע,
ער בילט, ער שפּרינגט, בײַ יעדן טראָט גיט ער זיך בייז אַ ריס
און ס׳דאַכט, אַז נישט די פרוי פירט אים, דעם כּלב, אויף דער פּענטע,
נאָר ער פירט גאָר די פרוי, וואָס לויפט אים נאָך מיט אַלטע פיס.

## אַ זומערטאָג

עס גליט די זון, בײַם ראַנד פון פעלד שטייט אויסגעשפּאַנט אַ פערד,
ער טרינקט פון קאָריטע בײַם קילן, שאָטנדיקן ברונעם.
אַ גרויסער, גרויער שטיין ליגט אַ פאַרגליווערטער אויף דר׳ערד.
זײַן דאָרשטיקייט טרינקט גלייך אָן מיט הייסן ליכט די זון אים.

שוין אָנגעטרונקען, הויבט דער פערד צוריק צום שטאַל אָן גיין,
ווו ס׳פינקלט אַ צעגלאַנצטער אויף דער זון דער שטאָל פון אַקער
און נאָר אַ גרוי־פאַרגליווערטער, אַ דאָרשטיקער דער שטיין,
ער טרינקט און טרינקט אָן אויפהער אַלץ דעם זוניק־הייסן פלאַקער.

## אַ טאַטערישער ניגון

אַ טאַטערישער ניגון שווימט אַ דאַוונענדיקער פרומער,
ס'איז פרײַטיק — האַלבער טאָג, דער ניגון שווימט מיט כוואַליעס ליכט.
דאָס פענצטער שטייט צעעפנט ברייט — ס'איז זוניק־הייסער זומער
און פון דער זײַט פון פענצטער קוקט באַהאַלטן אַ געזיכט.

אַ מיידל קוקט אַרויס, די זון באַגילדעט איר מויל, די באַקן,
די קרומע פינקל־אויגן און די לאַנגע שוואַרצע צעפּ,
וואָס וויקלען זיך ווי שלאַנגען אויף איר האַלדז און אויף איר נאַקן,
און הינטער איר דער ניגון פון אַ ווײַטן מזרח־סטעפּ.

## דאָרפישער לאַנדשאַפט

דער היי אַ פריש־געשניטענער, ער שמעקט מיט גרינער קילקייט,
מיט ווינטיקייט מיט פייכטער און מיט שאָטנדיקער נאַכט.
נאָר ס'עבאָט נאָך דער זילבערקלאַנג פון קאָסעס אין דער שטילקייט
מיט שטימעס פון די שניטערינס צעזונגענע, צעלאַכט.

דער טאָג ליגט אַלץ פאַרשטעקט נאָך דאָ, ער ווימלט אין די גראָזן,
ער שאַרכט נאָך אַ באַהאַלטענער פון הינטער מײַנע טריט.
עס שמעקט די קילקייט נאָך מיט זון וואָס ס'האָט דער טאָג געלאָזן
צוזאַמען מיט דעם קאָסעקלונג און עכאָ פון אַ ליד.

## אַ בוים

דער טאָג איז הייס, אין פענצטער הענגט האַלב־צוגעמאַכט אַ לאָדן,
אין שטוב איז קיל, איך שטיי נאָר ביי דער שפּאַרע און איך קוק —
אַ בוים שווימט אום אין הימל, ווי ער וואָלט זיך דאָרט געבאָדן,
געטרונקען זיך אין בלויקייט וואָס טריפט אָפּ פון אים צום ברוק.

ס'ווערט אַלצדינג בלוי, די בלויקייט הויבט שוין אָן צו אונדז פאַררינען
דער הימל רײַסט זיך דורך דער שפּאַרע אויך צו אונדז אַרײַן,
דער בוים לעם פענצטער ראַנגלט זיך, ער וויל פון בלוי אַנטרינען,
נאָר שווימט אַוועק אַ הילפלאָזער אין ים פון בלויער שײַן.

## אַ ביימעלע אַ יונגס

אַ ביימעלע אַ יונגס שטייט אין דעם שטורעמדיקן וועטער,
עס בויגט זיך, נויגט זיך נידעריק, צעשראָקן צו דער ערד,
ס׳קען זײַן, עס איז מתפּלל איצט מיט רויש פון זײַנע בלעטער
צום גאָט פון ווינט און וויינט מיט טראָפּנס רעגנדיק פאַרטרערט.

די אַלע ביימער שטייען שטײַף, פאַרהאַרטעוועט אין שטורעמס,
זיי וויסן שוין און טראַכטן פאַר זיך גלײַכגילטיק און שטום —
ס׳אַרט ווייניק וואָס דעם גאָט פון ווינט דעם ביימעלעס יסורים
און ס׳איז אומזיסט זײַן תּפילה טאָן, זײַן קרעכצנדיקער ברום.

## אַ נידעריקער בוים

אַ נידעריקער בוים, די צווײַגן הענגען — גרינע שלאַנגען,
זיי ציִען מיט די שפּיצן זיך אַלץ נענטער צו דער ערד,
ווי זיי וואָלטן געוואָלט אַלץ צו דעם גראָז אַראָפּ דערלאַנגען
וואָס פינקלט גרין־צעזוניקט פון דעם מאָרגנטוי פאַרטרערט.

די לאַנגע צווײַגן ציִען זיך פון בוים אַראָפּגעהאַנגען
און קענען נישט דערגרייכן צו דעם פינקלענדיקן גראָז,
און ציטערן ווי לעבעדיקע, כּישופדיק געפאַנגען,
און שאַרכן אין דער מאָרגנשײַן פון יעדן ווינטלבלאָז.

## ביימער

צונויפגעשטיקט מיט צווײַגן שטייען ביימער ענג פאַרפּלאָכטן,
כּאָטש אָפּגערוקטע שטייען זיי אַ יעדער מיט זײַן שטאַם.
די שקיעה גליט, דער מערבֿ־הימל רויטיקט ווי געשאָכטן
און ס׳טריפט מיט רויטע בלוט־טראָפּנס אויף צווײַגן הייס איר פלאַם.

איז שטייען זיי, די ביימער, מיט דעם הייסן רויט פאַרלאָפן,
זיי טוליען זיך צעשראָקענע פאַרגליווערט, פאַרכטיק־שטיל,
קיין פויגלפּיפּס, קיין שאָרך, קיין פאָך, דער ווינט איז אויך אַנטלאָפן
און נאָר די גראָזן ציטערן אין ליכט און שאָטנשפּיל.

##ביימער אין רעגן

די ביימער שטייען אין דעם רעגן אויסגעשפּרייט די צווײַגן,
ווי זיי וואָלטן דעם גרויען רוים אַרומגענעמען געפּרוּווט,
ווי זיי וואָלטן אַרײַנזאַפּן געוואָלט דעם קילן שווײַגן,
וואָס שווימט אַרום פֿאַרנאַכטיק אין דער האַרבסטיק־פֿײַכטער לופֿט.

די צווײַגן פֿלעכטן זיך צונויף אין טונקעלער פֿאַרהילטקייט,
זיי וויקלען אײַן דעם גאַנצן פּאַרק, פֿאַרשטריקט ווי אין אַ נעץ,
וווּ ס׳ליגט שוין אַלץ געפֿאַנגען דאָרט: די גרויקייט און די שטילקייט,
פֿאַרשוווּמענע מיט פֿײַכטקייטן פֿון רעגנדיקער נעץ.

## אַ שוואַרצער בוים

דער נעפּל האָט דעם פֿײַכטן גראָז מיט גרויקייטן פֿאַרצערט,
דער דעמער האָט אַ רויִקער דעם וואַלד פֿאַרהילט, פֿאַרוויקלט
און ווי אַ מאַטער שפּיגל אַ צעבראָכענער אויף דר׳ערד
דער טײַך גלאַנצט אָפּ אין נעפּלגרוי צעשפּליטערט און צעשטיקלט.

אַ לעצטע בלויקייט מיניעט נאָך, אָט ווערט זי אויך שוין מאַט,
דער נעפּל ווערט געדיכטער אַלץ, הויבט אָן אַלץ העכער שטײַגן
און נאָר אַ בוים אַ שוואַרצער מיט אַ האַרבסטיק לעצטן בלאַט
ער רײַסט דעם נעפּל דורך מיט זײַנע שפּיציק־שאַרפֿע צווײַגן.

## הוילע ביימער

די ביימער שטייען הוילע שוין, די צווײַגן טונקלען נאַקעט,
אַ קראָ אַן אויפֿהער קראַקעט אויף אַן אָפּגעבלױזטן בוים,
די וואָלקנס בלאָנדזשען צוויטיקע, צעפֿלאָשעט, אָפּגעבליאַקעט,
זיי שלעפּן זיך ווי בעטלערס אום מיט טאָרבעס אין דעם רוים.

אַזוי גייט אויף דער טאָג אין האַרבסט. אין דעמער פֿון באַגינען
אַ קלעפּעדיקער נעפּל הילט אַלץ אײַן מיט פֿײַכטער קעלט,
די ביימער קריכן שוואַרץ אַרויס ווי גליווערדיקע שפּינען,
ווי זיי מיט שפּינוועבס־נעפּלען וואָלטן גרוי פֿאַרוועבט די וועלט.

## דער רויך

דער רויך וואָס גייט פון קוימען אויף איז דער פאַרברענטער בוים,
ער קרײַזלט זיך אַרויף, אַרויף אין שווערבנדיקן שטײַגן,
ווי דאָס וואָלט זײַן נשמה גאָר געפלאַטערט איצט אין רוים,
געצויגן זיך, געהויבן זיך מיט רויכיק־בלויע צווײַגן.

דער זעלבער בוים, נאָר אויפגעלייזט אַרויסגעשיילט פון הויט,
אין פלאַמענגלי זיך אויסגעטאָן פון גוף אין לעצטער ווײַלע
צו שטײַגן איצט אַרויף, אַרויף און אויפגיין העל צעבלויט —
אַ וווּנדערבוים אַ הימלשער, אַ בלויער בוים של מעלה.

# טאָג און נאַכט

## אויף יענער זײַט טאָג

די נאַכט פון דעם טאָג וואָס דאַרף קומען שטייט הינטער מײַן טיר נאָך פאַרסודעט,
נאָר איך פיל באַצײַטנס איר אָטעם וואָס ווינטיקט מיט קילן באַריר,
כאָטש זי איז אין גאַנצן נישטאָ נאָך, זי וויגט זיך נאָך ערגעץ צעהוידעט
אויף יענער זײַט טאָג וואָס דאַרף קומען, אויף יענער זײַט שוועל פון מײַן טיר.

זי קנוילט נאָך אין כאָאָס פון שעהען, ווו ס׳ווערט נאָך געשטאַלטיקט מײַן מאָרגן,
מיט וואָלקנס וואָס זײַנען נישטאָ נאָך, מיט חושך אויף יענער זײַט ליכט,
מיט ווערטער וואָס זיינען נאָך שטומע, אָן חידוש, אָן פרייד און אָן זאָרגן,
נאָר איך פיל באַצײַטנס איר אָטעם, איך זע שוין אַצינד איר געזיכט.

## אַ ספק־טאָג

אַ ספק־טאָג גייט אויף צו מיר אין דעם געדיכטן שנייפאַל,
די קאַלטע ווײַסקייט רוקט אַרײַן פון גאַס צו מיר איר האַנט,
דער גאַנצער צימער צאַפּלט אויף מיט דורכגעבלייכטן צווייפל,
ווי ס׳וואָלט אַ וואַנט צעשראָקן נישט דערקענט די צווייטע וואַנט.

אַלץ פלאַטערט אום צעשראָקן אין דעם אויפגעוואַכטן ספק
און פרוּווט צוריק באַהאַלטן זיך, נאָר ס׳יאָגט זיי נאָך דער ווײַס,
וואָס שווימט פון גאַס אין שטוב אַרײַן אָן אויפהער אַלץ, אָן־סופיק
און וויקלט אײַן, און וועבט אַלץ אײַן אין שנייק־ווײַסן קרײַז.

## די מאָנטיקס

די מאָנטיקס קומען זיך צונויף מיט גרויקייטן לעם דיר,
דער ערשטער טאָג פון נייער וואָך גייט בלייך אויף, אָפּגעבליאַקעט,
פון אין דער פרי צעשראָקן קוקט דיך אָן פון גאַס די טיר —
אַ נײַע וואָך בלײַבט שטיין פאַר דיר נישט אָנגעטאָן נאָר, נאַקעט.

דער טאָג איז שיין — אַ פרילינגטאָג, ס'איז מײַ — עס גרינט, עס העלט,
נאָר הינטער אָט דער שיינקייט קוקט אַרויס דער בלויער מאָנטיק.
מאַכסט אויף די טיר און גייסט אַרויס — עס קוקט דיך אָן די וועלט,
דו זעסט זי נישט —איר פּנים איז פאַרשטעלט נאָך און נישט קאָנטיק.

## אַ טאָג

דער טאָג אַ צעשוואומענער גרויט — אַ פאַרגליווערטע בלאַסע מעדוזע,
וואָס קוקט ווי דורך גלאָז פון אַקוואַריום צו מיר אין דעם פענצטער אַרײַן
און איך אויף מײַן איינזאַמקייט־אינדזל, איך בלאָנדזשע — אַ ראָבינזאָן
קרוזאָ,
פון וועלטישן שיפסבראָך פאַרוואָרפן אין לאַנד דאָ פון קיינעמס נישט זײַן.

אַרום מיר עס פליעסקען מיט כוואַליעס די ימען פון מענטשלעכער
פרעמדקייט
און איך אויף מײַן איינזאַמקייט־אינדזל, אין אָנפלייץ פון צווייפל און קלאָג
איך קוק אַ פאַרלאָרענער הילפלאָז, דערוואָרגן פון שטומער פאַרקלעמטקייט,
ווי ס'גלאָצט ווי אַ גרויע מעדוזע אין פענצטער פאַרגליווערט דער טאָג.

## גלאַדיאָלאַס

דער אָפּשײַן פון שקיעה נאָך גלעט מיך און צערטלט —
איך זיץ בײַ דעם פענצטער פאַרחלומט און קוק,
ווי ס'דעמערט אין ראַם פון די שויבן צעפערטלט
אַ גאַס אין פאַרנאַכט מיט אַ טונקעלן ברוק.

דאָרט לעשט זיך דער טאָג שוין. מיט צויטיקע פאַלעס
עס שאַרן די שאָטנס זיך לאַנגזאַם צום ראָג,
נאָר דאָ אויף מײַן טיש, נאָך צעהעלט גלאַדיאָלאַס,
זיי טראָגן נאָך זוניק אויף קעפּלעך דעם טאָג.

## אַ מפּיל־טאָג

אין גרויען מאָרגן בלייכט אַ טאָג, אַ טויטער טאָג — אַ מפּיל,
וואָס ס'האָט די נאַכט געבוירן אויף אַ נעפּלדיקער גאַס.
מיַין פענצטער גרויט פאַרנאַכטיק ווי אַ מאַטער בעלמע־אַפּל,
אַ נעפּלדיק־פאַרגליווערטער ער גלאָצט פאַרלאָשן, בלאַס.

דער נעפּל האָט אַלץ אײַנגעשלונגען אין זײַן קנויל צעגרויטן,
אַלץ אָפּגעווישט, אַלץ אָפּגעמעקט — אַ דעמערדיקער פלעק,
ער האַלט אין זײַנע אָרעמס דאָרט אַ בלינדן טאָג, אַ טויטן —
אַ מפּיל־טאָג, וואָס ס'האָט די נאַכט געבוירן אים פאַר שרעק.

## אַ טאָג גאָר אָן אַ נאָמען

איך טראָג אַ קינדערש טאָג אַרום, אַ טאָג גאָר אָן אַ נאָמען,
אָט דאַכט מיר — ער איז האַרבסטיק־גרוי און אָט צעפּרילינגט־בלוי,
אַ מאָל ווערט ער אַ שבת גאָר מיט צוגעמאַכטע קראָמען
און גאָר אַ מאָל — אַ מאַרקטאָג מיט אַ שיכּורלעכן גוי.

אַ טאָג — אָן אויסגעמיש פון טעג, אָן אויסטערליש צעשפּילטער,
ווער ווייס אים ווען ער איז געווען, ווער ווייס אין וועלכן יאָר,
ער לעבט אין מיר דורך ווײַטקייטן אַ נעפּלדיק־פאַרהילטער,
ווו אַלץ איז דאָרטן אויסדאַכט בלויז, נאָר איך אַליין בין וואָר.

## אַ נעפּלדיקער טאָג

מיט הימלען פלאַכע, טונקעלע, מיט נעפּלען גרוי־פאַרשווומען
אַרײַנגעקוקט אין פענצטער האָט דער טאָג מיט מוטנעם בליק,
ווי ער וואָלט גלײַך פאַר טאָג שוין אַ פאַרנאַכטיקער געקומען,
אַ נישט־דערשלאָפן מידער באַלד אַוועקצוגיין צוריק.

ער האָט צו מיר זיך דורכן פענצטער נעפּלדיק געצויגן
און אָנגעוואָרפן אויך אויף מיר אַ דרימל מיד און פויל,
און אין דעם ספק טאָג און נאַכט מיט דעמערדיקע אויגן
געשווומען בין איך צו אַ וועלט פון גליווערדיקער גרויל.

## צו דעם געהיימען ציל

דו קענסט די טעג פון לעבן זיי נישט איַינפּאַסן אין ראַמען,
ווי בילדער אָפּגעמאָלענע פון גורלדיקער האַנט —
זיי שטייען נישט־פאַרענדיקטע און גיסן זיך צוזאַמען
אין המשך דעם פאַרהוילענעם וואָס איז אונדז נישט באַקאַנט.

נישטאָ אַ טאָג אַזאַ וואָס שטייט פאַר זיך אַליין פאַרענדיקט,
דיַין לעצטער טאָג אַפילו בליַיבט נישט אָפּגעזונדערט שטיין —
ער ציט זיך, ציט זיך וויַיטער אַלץ, ווי אַלע טעג, ווי שטענדיק
צו דעם געהיימען ציל ווו אַלץ באַקומט אַ זין, אַ מיין.

## דער טאָג גייט אויס

דער טאָג גייט אויס, די זון הויבט אָן זיך צו דעם מערב נויגן,
אַ שאַרכנדיקער מינחה־ווינט גיט אומגעריכט אַ בלאָז,
ער דאַוונט שטיל, די ביימער שטייען פאַרכטיקע געבויגן
און הערן צו זיך ווי ער דאַוונט פרום דער ווינט אין גראָז.

דער טאָג גייט אויס, דער טאָג איז קורץ — עס איז שוין ענדע זומער,
די וועלט שוויַיגט בלוי־פאַרנאַכטיק שוין ווי איַינגעהילט אין סוד,
די ביימער שטייען, הערן צו זיך ווי דער ווינט אַ פרומער
אין געלע גראָזן דאַוונט צו אַ ווינטיק־וויַיטן גאָט.

## און קיינעם וועט נישט איַינפאַלן

אַ שווינדזיכטיקער טאָג גייט אויס פאַרחלשט ביַי די שוועלן,
מיט קראַנקער רויטקייט קוקן פענצטער אָן זיך מיט פאַרדאַכט,
די גוססדיקע שקיעה לייגט אָן אָפּשיַין אויס אַ געלן —
דער אָוונט קומט, דער טאָג ליגט שוין אין מיסטקאַסטן פון נאַכט.

די גאַס צינדט מיט לאַמטערנס זיך ווי מיט נשמה־ליכטער
און קיינעם וועט נישט איַינפאַלן אין אָוונט־שנעלן יאָג
פון מענטשנשטראָם, וואָס איַילט מיט כּלומרשט פריידיקע געזיכטער,
אַז דאָס גייט ער באַגלייטן אפשר גאָר זיַין לעצטן טאָג.

## דער טאָג

עס טרעפט דער טאָג האָט אָפּגערוישט, דער טאָג איז שוין אַנטשוויגן,
נאָר אין דײַן אויער ברומט ער נאָך, כּאָטש ס׳איז אַרום שוין נאַכט,
אָט ווי עס גייט אַ מאָל דיר נאָך דער עכאָ פון אַ ניגון,
כּאָטש אָפּגעשפּילט דער פידל ליגט שוין אין פוטליאַר פאַרמאַכט.

נאָר ס׳ברומט נאָך אַלץ זײַן ניגון און ער עכאָט אין דײַן אויער,
אַזוי איז אויך דער טאָג וואָס האָט דיך פריידיק־העל באַגלייט —
ער לעבט אין דיר, ער זינגט אין דיר, זײַן עכאָ אַלץ נאָך דויערט,
כּאָטש ס׳האָט די נאַכט באַהאַלטן אים, פאַרמאַכט אים אין איר שייד.

## אָט וועט דער טאָג באַלד דעמערדיק פאַרגיין

פון אונטער מײַנע פענצטער לעשט זיך דער געוויין פון גאַס,
ווי זי וואָלט זיך געבעטן איך זאָל איר געוויין דערהערן.
דער טאָג גייט אויס, די פענצטער טונקלען אומעטיק און בלאַס
און נאָר די שקיעה אויפן ברוק טריפט אָפּ מיט רויטע טרערן.

איך הער זיך צו, ווי ס׳לעשט זיך אונטער פענצטער איר געוויין,
אָט שאַרט זיך שוין פון הינטער ווענט אַ אָוונטיקער שאָטן,
דער רויש גייט אויס, אָט וועט דער טאָג באַלד דעמערדיק פאַרגיין
און ליגן וועט שוין טויט די גאַס פון אונטער טריט צעטראָטן.

## אַ בייזער טאָג

אַ זלידנער, בייזער טאָג, ער האָט געדראָט מיך צו פאַרשטיינען
מיט חוזק און מיט שינאה־רייד, מיט בליקן פול מיט האַס.
מיר האָט געדאַכט — מיט קינדערשע פאַרגעסענע געוויינען
איז פול מײַן בלוט, איז פול מײַן האַרץ, איז פול די גאַנצע גאַס.

ס׳האָט אַלץ אויף מיר געלויערט הײַנט — אַ יעדער בליק, באַרירונג,
דער טאָג האָט מיך באַלאַגערט מיט נסיונות און פאַרדראָס,
אַ טאָג אַזאַ איך טראָג נאָך איצט אַרום פון אים די שפּירונג —
אַ וועלט איז קעגן מיר און איך, איך ווייס נישט אַלץ פאַר וואָס.

## דער מאָרגנדיקער טאָג

דער מאָרגנדיקער טאָגווינקט פון דער נאַכט אַרויס באַצײַטנס,
כאַטש טיף פאַרבאָרגן אין דעם חושך שוועבט ער אום און וואַכט,
זײַן אָטעם פלאַטערט נאָך באַהאַלטן ערגעץ אין דער ווײַטנס
און נאָר דער ווינט טראָגט אים אַרום אַדורך דער בלינדער נאַכט.

דעם אָנזאָג פון אַן אָפּשײַן נאָר, וואָס ס'טראָגט דער ווינט פאַרבאָרגן
אין דעם צעבלויטן פלאַטער פון זײַן שטיפערישן יאָג,
ווו הינטער אים אין פינצטערניש שלײַכט אום פאַרשטעלט דער מאָרגן,
וואָס גנבעט זיך שוין דורך דער נאַכט — דער קומענדיקער טאָג.

## צווישן טאָג און נאַכט

ס'איז גוט אַזוי פאַרטוליען זיך, נישט וואַך זײַן און נישט שלאָפן,
פאַרגליווערן ווי אין דער מיט צווישן טאָג און נאַכט,
ווי איך וואָלט פון דעם לאַנד פון מײַן טאָג־טעגלעכקייט אַנטלאָפן
און אַלע טירן צו דער וועלט פון הינטער זיך פאַרמאַכט.

אַזוי אין אַט דעם דעמערלאַנד פון זיך אַליין אַנטרינען,
אין יענעם לאַנד, ווו ס'איז נישטאָ קיין אָנהויב און קיין סוף,
ווו דו אַליין הויבסט אויף זיך אַן צעשווימען זיך, צערינען,
אין ספק טאָג און נאַכט, אין ספק וואַכיקייט און שלאָף.

## ווײַל באַלד וועט אויך דער טאָג נישט זײַן

זאָפּ אײַן אין זיך דעם האַרבסטטאָג, זאָפּ אײַן אים מיט די אויגן
און זאָל ער זיך צעשווימען אין דײַן בלוט מיט לעצטן גרין.
ס'וועט מאָרגן שוין דער הימל זײַן מיט גרויקייטן פאַרצויגן
און אָפּמעקן דעם גרין וועט שוין אַ געלבלעכער בורשטין.

טאָ, זאָפּ אים אײַן דעם טאָג מיט לעצטער זוניקייט און פרישקייט,
און זאָל ער אין דײַן לײַב פאַרבלײַבן אײַנגעקריצט, פאַרקאַרבט,
מיט לעצטן גרין, מיט ערשטן גאָלד אין בונטער אויסגעמישטקייט,
ווײַל באַלד וועט אויך דער טאָג נישט זײַן — ער לעשט זיך שוין און שטאַרבט.

## דער רויטער טריף

די זון איז שוין אין מערב־זײַט מיט לעצטן רויט פֿאַרגאַנגען
נאָר ס׳ליגט נאָך אַלץ אַ רויטער טריף פֿאַרגעסן אויף אַ שויב,
ווי ס׳וואָלט מײַן פֿענצטער אים געהאַלטן אין דעם גלאָז געפֿאַנגען
כאָטש ס׳ליגט דער טאָג פֿאַרלאָשן שוין, צעטראָטן לאַנג אין שטויב.

דער רויטער טריף — ער גליט נאָך אַלץ, ער ציטערט נאָך און פֿינקלט
דער לעצטער אָפּשײַן פֿון דעם טאָג, אָט בלאָסט ער, ווערט שוין ראָז.
די נאַכט זי קוקט שוין בלינד אַרויס פֿון שאָטנדיקן ווינקל,
זי שאַרט זיך צו דער שויב און לעשט אים אויס אין קאַלטן גלאָז.

## אין בין־השמשות

דער בין־השמשות פֿירט צונויף די וואָר מיט אויסגעדאַכטקייט,
זיי גיסן זיך צונויף, זיי ווערן איינס ווי אויסגעמישט,
ווען ס׳וויקלט אַלץ געהיים אײַן די צעדעמערטע פֿאַרנאַכטקייט
און אַלץ ווערט טונקל אָפּגעמערקט, ווערט שאָטנדיק פֿאַרווישט,

ווי ס׳וואָלט דער טאָג זיך מיט דער נאַכט צווישן זיך פֿאַרשטענדיקט —
זיי בלײַבן שטיין און קוקן אָן זיך ביידע אויף אַ ווײַל,
ס׳קען זײַן צום ערשטן מאָל און איז די רגע שוין געענדיקט
זיי שיידן זיך — דער טאָג פֿאַרגייט, די נאַכט קומט אין געאײַל.

## שאָטנס טאָגיקע

דורך אויפֿגעמאַכטע טירן פֿאַלן פֿאַסן ליכט אַרײַן,
די שאָטנס ווערן אומרויִק, זיי פּרוּוון ווו אַנטרינען,
זיי שפּרינגען פֿון די ווענט אַראָפּ אַריבער פֿאַסן שײַן
און פּרוּוון אין דער נאַכט אַ מקום־מקלט ווו געפֿינען.

דאָס זײַנען שאָטנס טאָגיקע. באַגינען פֿול מיט סוד
זיי שלײַכן שטיל אַרײַן זיך מיט פֿאַרשלייערטע געזיכטער,
זיי זיצן אויף די ווענט און קוקן נאָך דיר יעדן טראָט,
און ווערן ווו פֿאַרשוווּנדן בײַ דער שײַן פֿון אָוונט־ליכטער.

## אין נעפּל פון פאַרטאָג

אין נעפּלען, וואָלקנס אײַנגעהילט איז דער פאַרטאָג געקומען,
ער האָט די ביימער ווינטיק זיי געבויגן צו דער ערד,
ווי ער וואָלט מיט די אָרעמס זײַנע זיי אַרומגענומען
און איבער זיי מיט ערשטע טראָפּנס רעגנדיק געטרערט.

די פענצטער האָבן נאַכטיק נאָך דעם רעגנטריף געטרונקען,
מיט שווינבלענד מיט בלעכענעם געטונקלט גלאָציק־שווער.
די גאַס האָט אין דעם נעפּלגרוי געזונקען אַלץ, געזונקען,
אַ נעפּלדיק דערוואָרגענע אָן גלוסטן, אָן באַגער.

## עס זײַנען טעג פאַראַנען

עס זײַנען טעג פאַראַנען — כ׳גיי אַרום פון גאָט געפאַנגען,
איך גײ אַרום פאַרשיכּורט פון זײַן מאַכט, באַרוישט, צעהעלט,
ווי ער וואָלט מיר געהיים פאַרטרויט: די אַלע פאַרבן, קלאַנגען
דאָס האָב איך דאָך פאַר דיר פאַרגרייט — די שיינקייט פון דער וועלט!

— דאָס אַלץ פאַר דיר: דאָס ליכט פון זון, דעם שימער פון די שטערן,
דעם זומער־ווינטער־איבערבײַט, דעם טויש פון טאָג און נאַכט
און דיך אַליין, דעם מענטש פון גלוסט, פון לײַדנשאַפט, באַגערן,
האָב איך אין קאַלטער איינזאַמקייט מיט בענקשאַפט אויסגעטראַכט.

## נאָר קומט די נאַכט

דער טאָג איז פאַר דײַן זוונג און די נאַכט פאַר דײַן געדאַנק,
בײַ טאָג איז אַלץ ווי אָפּגעדעקט — דו ביסט פאַרקוקט צום דרויסן,
דו ווילסט די וועלט גאָר אָנקוקן — איר פּנים און איר גאַנג,
איר אומרו צו באַנעמען, צו פאַרשטיין וואָס זי איז אויסן.

נאָר קומט די נאַכט, בלײַבסטו אַליין, זי הילט דיך אײַן די נאַכט
און דײַן געדאַנק גייט אויף אַנטפּלעקט, טויכט אויף פון דײַנע טיפן,
און אַלץ קריגט פאַרעם און געשטאַלט, אַלץ ווערט אויף ס׳ניי פאַרטראַכט,
ווי דו וואָלסט אויף אַן אמת ערשט דעם סוד פון וועלט באַגריפן.

## נאַכט

דער נאַכטיקער הימל איז אומרויִק שטענדיק —
ער כּישופֿט מיט שטערן, מיט בלויקייט און ליכט,
ער פֿינקלט, ער שימערט, אָט גייט ער אַ בלענדיק,
אָט ווערט ער פֿאַרטונקלט אַ ווײַל אומגעריכט.

ער כּישופֿט — אָט דאַכט דיר, דער הימל גאָר בלייך איז,
ער טוישט נאָך אַנאַנד זיך — אָט איז ער פֿאַרקערט
און אונטן די נאַכט לויפֿט מיט טויזנטער ריחות
וואָס ס׳טראָגט איר אַנטקעגן צעאָטעמט די ערד.

## אין מיטן נאַכט

עס טרעפֿט אַ מאָל אין מיטן נאַכט נישט ווײַט שוין פֿון באַגינען
דערפֿילסטו ווי עס רירט דיך אָן דער עבֿר מיט זײַן האַנט,
ווי ער וואָלט דיך געזוכט, געפּרוּווט אַ גאַנצן טאָג געפֿינען
און דיך געטראָפֿן ליגן מיטן פּנים צו דער וואַנט.

דו ליגסט אַלץ איינס אַ שלאָפֿלאָזער, די נאַכט ווערט גרויער, גרויער,
דער עבֿר זעצט אַוועק דיך פֿלוצלינג אויף דעם ראַנד פֿון בעט
און אַלץ גייט אויף צוריק, טויכט אויף צוריק מיט שטומען טרויער
ווען ס׳איז נישטאָ פֿאַר רחמים מער קיין וואָרט און קיין געבעט.

## דער שאָרך פֿון נעכט

אין טיפֿן בלעטערקנויל דעם גרינעם, אין פֿאַרהוילענעם געפֿלעכט,
ווו ס׳טונקלט זיך קילקייט אַ פֿאַרשאָטענע באַהאַלטן,
דאָרט פֿינצערט נאָך דער סודותדיקער אומרו פֿון די נעכט,
וואָס שאָרכט אַרויס דורך צווײַגנדיקע אויפֿגעמאַכטע שפּאַלטן.

דער שאָרך פֿון נעכט — ער פֿלאַטערט דאָרט אין צווײַגנפֿלעכט אַרום
און זינגט דער זון דער אַנטקעגן גאָר פֿון שטערנדיקע וועלטן
אַ ליד וואָס ס׳קען דער טאָג אים נישט פֿאַרשלינגען מיט זײַן ברום —
אַ נאַכטיק ליד וואָס פֿלאַטערט אום אין מיטן טאָג צעהעלטן.

## אין נאַכטיקן סך־הכּל

איך מאַך אַ חשבון בײַ דער נאַכט, איך ליג אויף מײַן געלעגער
און קוק אַדורך, איך וועג און מעסט מײַן יעדע שעה פון טאָג:
ווער איז געווען דער מאָנער הײַנט, וואָס האָט געוואָלט דער פרעגער —
איך ליג און טראַכט אַדורך מײַן יעדן ענטפער, יעדן זאָג.

בײַ נאַכט זע איך געניוי מײַן יעדן שטרויכל, יעדן וואַקל,
בײַ נאַכט ווערט ערשט מיר אַלצדינג קלאָר און ניגלה יעדע זאַך,
ווען אַלץ דערזע איך אויף דאָס נײַ אין נאַכטיקן סך־הכּל —
איז ליג איך און איך וועג, און מעסט, און שלאָף נישט אַלץ, און וואַך.

## בײַ נאַכט קום איך צוריק

בײַ נאַכט קום איך צוריק צו זיך, בײַ טאָג פּרוּוו איך אַנטרינען
פון זיך, פון אַלע גלוסטונגען וואָס ראַנגלען זיך אין מיר,
איך פּרוּוו אין רויש פון טאָג אין פרעמדע רייד אַ טרייסט געפינען,
כ'פּרוּוו לײַטערן זיך דורך אַ וואָרט, דורך מענטשלעכן באַריר.

נאָר בײַ דער נאַכט קום איך צוריק, צו טונקעלע באַגערן
זיי טויכן אויף און אַלץ פאַרשווינדט — די גאַנצע וועלט אַרום
און איך הויב אָן אין רויש פון בלוט מײַן אייגן שטים דערהערן,
וואָס איז פאַרשטעקט אַ גאַנצן טאָג געלעגן אין מיר שטום.

## אין דער פינצטער

פאַר וואָס זשע פילן מענטשן זיך גאָר אַנדערש אין דער פינצטער,
פאַר וואָס זשע ווערט דאָס בלוט אין דיר מיט גלוסטונג פול בײַ נאַכט?
אַ יעדעס וואָרט אַ יעדער בליק, אַ יעדער שפּיר דער מינדסטער
גייט דעמאָלט אויף מיט פיבערדיקע בענקשאַפטן דערוואַכט.

די פינצטערניש טראָגט אום, קען זײַן, אַן אוראַלט־ערשטע שפּירונג
וואָס לאָזט דיך נישט צו רו בײַ נאַכט — דײַן בלוט ווערט גלוסטיק־שווער,
דײַן לײַב געוועקט ווערט וואַך אַדורך איר טונקעלער באַרירונג
און רוישט מיט אורנאַכט אויף, און ברויזט מיט ערשטיקן באַגער.

## פינצטערניש

די ווייכע פינצטערניש זי וויקלט איַין דיך צערטלענדיק ווי פּליוש,
זי גלעט דיך מיט אַן ערשטער, לאַנג־פאַרגעסענער באַרירונג
און דו דערפילסט גאָר פּלוצלינג מיט אַ ניַי־אַנטפּלעקטן חוש
ווי ס׳גייט פאַר דיר די וועלט אויף מיט אַ בראשיתדיקער שפּירונג.

דאָס טויכט זי איצט אַרויס אַדורך דעם פינצטערן געהיל,
ווו זי געוואַכט האָט טיף אין דיר אַ שאָטנדיק־פאַרדעקטע
פון יענע טעג ווען דו ביסט נאָך געקראָכן אויפן דיל —
דיַין ערשטע זעונג פון אַ וועלט אַן אומבאַקאַנט־אַנטפּלעקטע.

## אַ זומערנאַכט אַ פינצטערע

אַ זומערנאַכט אַ פינצטערע, אַ זומערנאַכט אָן שטערן,
דער הימל אַ פאַרכמאַרעטער גלאַצט טונקל פון דער הייך.
דער חושך הילט דיך איַין, דו קענסט נישט זען, דו קענסט נישט הערן,
ווי ס׳וואָלטן פּליוש־געוואַנטן דיך פאַרהילט, פאַרוויקלט ווייך.

ווי ס׳וואָלט אַ סאַמעט־פינצטערניש די גאַנצע וועלט פאַרהאַנגען,
דו פילסט, דו ווערסט דערשטיקט, דו ווערסט דערוואָרגן פון דער נאַכט.
זי נעמט אַרום — פאַרוויקלט דיך, דו ביסט פון איר געפאַנגען,
ווי ס׳וואָלט דיך אין אַ סאַמעטשטיַיג די פינצטערניש פאַרמאַכט.

## כ׳האָב מורא פאַר דער פינצטערניש

כ׳האָב מורא פאַר דער פינצטערניש ווי אין די קינדער־יאָרן,
איך ליג אין מיטן נאַכט און הער מיט אויגן צוגעמאַכט —
עס רוישט די וועלט, זי לויפט, ווי כ׳וואָלט אין ערגעץ ווו געפאָרן,
געטראָגן זיך דורך פנימער פאַרהוילענע אין נאַכט.

איך ווייס און פרוו אין מיַין געדאַנק זיך שׂכלדיק באַהערשן —
דאָס איז דאָך נאָר אַן אויסדאַכט, ס׳רוישט די גאַס אַרום, דער ווינט,
נאָר ס׳שריַיט די נאַכט, עס קען דאָך זיַין, אָט ווי אין טאָג דעם ערשטן,
ווען ס׳האָט די וועלט באַגעגנט מיך — אַן ערשט־געבוירן קינד.

## חצות

די נאַכט געלעגן איז פאַרהערט, נאָר ס'האָט דער ווינט געשוויגן,
ווי ער וואָלט אַ פאַראומערטער באַהאַלטן זיך אין גראָז.
אַ לאַנגער שאָטן האָט זיך פּלוצלינג אָנגעהויבן וויגן,
צעשאָקלט זיך, ווי גרייטנדיק זיך אָפּצוריכטן חצות.

דער גראָז האָט זיך צעשאָרכט, דער רויש געוואַקסן איז, געשטיגן,
דער ווינט האָט אויך זיך אויפגעכאַפּט, געגעבן לײַכט אַ בלאָז,
די נאַכט געלעגן איז פאַרהערט צום נישט־געהערטן ניגון,
ס'איז שטיל, דער שאָטן שאָקלט זיך — דאָס ריכט ער אָפּ שוין חצות.

## פאַרנאַכטן רופן מיך צוריק

פאַרנאַכטן רופן מיך צוריק מיט גליענדיקע שקיעות
איך גיי מיט זיי אַהין פון וואַנען כ'בין אַ מאָל אַוועק,
בײַ נאַכט קער איך זיך אום פון אַלע פלאַמיקע נסיעות
איך קום צוריק אַ מידער פון דעם אויסטערלישן וועג.

דער וועג דערציילט פון אַלץ וואָס איך האָב שוין געהאַט פאַרגעסן
נאָר מאָדנע איז, וואָס דווקא אין דער שקיעהס פאַרבנשפּיל
גאָר גייען אויף פאַר מיר די סאַמע טונקלסטע מעת־לעתן,
ווען איך האָב דורך אַ פרעמדער וועלט געבלאָנדזשעט אָן אַ ציל.

## נאַכטיקע שאָטנס

אַ יעדער שאָטן ליגט בײַ טאָג — אַ טויטער גליווער־גולם,
ער ליגט פאַרשטעקט ווו אומבאַמערקט און גיט זיך נישט קיין ריר.
בײַ נאַכט כאַפּט אויף זיך אין דער שטוב פון שאָטנס אַ בית־עולם,
זיי שאַרען זיך אַרײַן דורך אַלע שפּאַרעס, דורך דער טיר.

פון שאָטן־הימלען קומען זיי, פון שאָטנגאָט שליחים
און פילן אָן די ווענט מיט שטומען, טונקעלן געשריי.
זיי פלאַטערן אַרום אין שוואַרצע, ווינטיקע תּכריכים
און ווערן אויס, ווי פון אַ נישט־געהערטן שאָטנקריי.

## אין שטערנגעץ

איך ליג אויף דר׳ערד און קוק אַרויף. ס׳איז נאַכט און אין מײַן דרימל
מיר קומט עס פֿאָר — אַז נישט דער הימל שטערנט אויף מײַן קאָפּ,
נאָר איך ליג גאָר אין דר׳הייך און אונטער מיר ליגט גאָר דער הימל,
אַט פֿאַל איך אין זײַן שטערנגעץ, איך זינק אַראָפּ, אַראָפּ.

אַט שלינגט ער אײַן מיך באַלד און איך מיט זיסער שרעק אַ שטומער,
איך פֿאַל אָן אויפֿהער אַלץ, איך זינק אַלץ אָן אַ סוף.
די שטערן ווערן נענטער, ווערן גרעסער שוין אַרום מיר —
אַט ליג איך שוין אין שטערנגעץ און רײַס זיך אויף פֿון שלאָף.

## דײַן קינדערשער געוויין

אַט זיצן בײַ דער נאַכט אַליין ,פּאַרקוקט אויף דעם פּאַפּיר,
ווען ס׳פֿאַלט פֿון לאָמפּ אַ מאַטער קרײַז פֿון דורכגעלײַכטער העלקייט.
אין שטוב איז שטיל: עס דרימלען ווענט, עס שאָטנט זיך די טיר
און ס׳שטומען אַלע ווערטער נאָך אין נאַכטיקער פֿאַרשטעלטקייט.

און אין דער שטילקייט פּלוצלינג גאָר, אַט ווי פֿון זיך אַליין,
דורך נאַכטיקייט פֿאַרהוילענער אין טונקלקייט דערהערן
דײַן ווײַטן, נישט פֿאַרלאָשענעם נאָך קינדערשן געוויין,
וואָס בלאָנדזשעט אין די נעכט אַרום מיט נישט־געשטילטע טרערן.

# דעם דיכטערס גאַנג

## אַזוי איז שוין דעם דיכטערס גאַנג

וואָס יאָגט דעם דיכטער, טרײַבט אים, רעגט אים אָן צום אַלעם ערשטן ?
דעם מענטשנס גורל און גערענגל, זײַן געבורט און טויט.
דערנאָך זוכט ער דאָס וואָרט אויף און אין וואָרט שוין דעם באַהערשטן
ווערט זײַן מחשבה אין אַ ליד דער אייביקייט פאַרטרויט.

אַזוי איז שוין דעם דיכטערס גאַנג — זײַן זעונג צו אַנטפּלעקן,
פאַרנעמען אַלץ און זײַן געדאַנק פאַרוועבן אים אין וואָרט,
אין ליד פאַרוואַנדלען זײַן געפיל — די אַלע פריידן, שרעקן,
ביז ער אַליין וועט מיט זײַן טויט גאָר ווערן דער אַקאָרד.

## דורך דעם דיכטערישן כּישוף

איך בין די וועלט מגלה, כ'בין איר שטענדיקער אַנטפּלעקער —
די וועלט זי טונקלט אין איר שאָל פאַרשלעפּערט און פאַרשטעלט.
איך פּרוּוו מיט וואָרט באַצווינגען זי, איך ווער מיט וואָרט איר וועקער,
אַז אויפגיין פון איר טונקלקייט זי זאָל צו מיר צעהעלט.

נאָר זי, די וועלט, זי לאָזט זיך נישט, ווי זי וואָלט זיך געשוווירן
צי זאָל זי פון דער טונקלקייט אַרויסגיין צו דער ליכט,
נאָר אויפגעוועקט, באַצוווּנגען פון דעם דיכטערישן כּישוף
גייט אויף אַדורך די שורות פון מײַן ליד ערשט איר געזיכט.

## דעם דיכטערס זעונג

דער דיכטער ברענגט אַדורך זײַן וואָרט די זעונג פון דער וועלט,
ווי ס'ברענגט פון יאַגד דער יעגער זײַן געפאַנג נאָך זײַן צוריקקער.
דאָס וואָרט ליגט הינטער אותיות ווי מיט אַ פּלויט פאַרשטעלט,
נאָר ס'וועקט דער דיכטער אויף אים, פון זײַן זעונג ווי פאַרשיכּורט.

אַזוי ווערט דורך דעם דיכטערס דמיון ערשט דאָס וואָרט צעהעלט,
ווען ס'וועקט זײַן זעונג אויף דאָס וואָרט וואָס גליווערט מאַט, פאַרשלעפערט,
ווי גאָר אַ מאָל, ווען בראשיתדיק פאַרטראַכטנדיק די וועלט
געוועקט דאָס וואָרט פון שלאָף האָט דורך זײַן זעונג דער באַשעפער.

## דורך שורות פון זײַן ליד

דער דיכטער פּרוּווט אין שורות פון זײַן ליד זיך אויסבאַהאַלטן,
ער וויל אַ נישט געזעענער צו קענען גאָר פאַרשטעלט
אַרײַנקוקן און זען ווי דורך אַ שליסללאָך, צי שפּאַלטן
ווי קוקט זי אויף אַן אמת אויס, די פאַרמאַסקירטע וועלט.

די וועלט זי נאַרט אונדז אָפּ, זי טראָגט אום טויזנט פאַלשע צורות,
זי טרויט אונדז נישט און יעדע זאַך פאַרהוילט זי און באַהאַלט
און ער, דער דיכטער, פּרוּווט אַדורך די שפּאַרעס פון די שורות
אַרײַנקוקן און פאָרט דערזען איר אמתע געשטאַלט.

## איך טראָג דאָס וואָרט

מען זאָגט, ס'איז דאָ אַ מיסטישער צוזאַמענהאַנג פון ציפער,
אין צאָלן גאָר באַהאַלטן ליגט די גורלדיקע שפּיל —
אין זייער שײַכות ליגט אַ זין אַ געטלעכער, אַ טיפער,
דער סוד פון גאַנצן וועלטבאַשאַף, דער תּכלית און דער ציל.

נאָר איך, דער מענטש, וואָס טראָגט אויף זיך די וועלט מיט אירע עולן,
וואָס האָט דעם טונקל פון דער וועלט מיט מײַן געדאַנק צעהעלט,
איך טראָג אַריבער ציפערן, אַריבער אַלע צאָלן,
**דאָס וואָרט**, וואָס נאָר מיט אים האָט גאָט באַשאַפן אונדזער וועלט.

## דורך די שפּאַרעס פון די שורות

מײַן שורה איז אַ פענצטערל, מײַן וואָרט איז ווי אַ שפּאַרע
ווו עמעצער אַרײַנקוקן דורך זיי וועט אין מײַן וועלט
און אַלץ דערזען: מײַן פרייד וואָס רײַסט ווי זון זיך דורך אַ כמאַרע,
ווי ס'ווערט מײַן וואָרט פון האָפענונג צעגאָלדיקט און צעהעלט.

און אפשר דורך די שפּאַרעס פון די שורות, פון די ווערטער
וועט ער פאַרנעמען דאָרטן גאָר דעם הילך פון מײַנע טריט
און ער אַליין וועט בלײַבן שטיין גאָר פלוצלינג אַ פאַרהערטער,
און מיך דערזען, דעם מענטש אַליין, דורך שורות פון מײַן ליד.

## דער חשק צום שרײַבן

דער חשק צו דעם שרײַבן איז ווי שיכּרות, איז ווי ליבע
און דו ביסט הילפלאָז — ווערסט געיאָגט, געטריבן פון דעם דראַנג,
און כאָטש דו ביסט פאַרשיכּורט, דאָך, נישט ווײסנדיק די סיבה,
דערפילסטו גאָר אַז טיף אין דיר וואַכט ניכטער דײַן געדאַנק.

ווי מאָדנע איז, דער חשק יאָגט, נאָר ערגעץ אָפּגעזונדערט
וואַכט קיל גאָר דײַן געדאַנק, ער קוקט אַדורך אַלץ וואָס דו טוסט,
ער ציילט און מעסט און דו, דו פילסט אַליין פאַרגאַפט, פאַרוווּנדערט
ווי עמעץ זיצט אין דיר און צוימט דײַן לײַדנשאַפט, דײַן גלוסט.

## דער אימפּעט פון מײַן גאַנג

כאָטש ס'גייען אין די לידער מײַנע לאַנגזאַמע די שורות,
נאָר הינטער זיי לויפט נאָך די גאַס מיט אימפּעט און מיט האַסט,
מיט אויפגערויש פון פרעמדע רייד, מיט אײַלנדיקע צורות,
וואָס גיסן זיך צונויף און ווערן איינס אין שטראָם פון גאַס.

אַזוי אין מײַנע ווערטער וואָס איך האָב זיי שטיל פאַרשריבן,
וואָס שווימען כּלומרשט רויִקע אַדורכזיכטיק און קלאָר
גאָר ברויזט דער אומרו פון מײַן טאָג וואָס איז אין זיי פאַרבליבן,
דער אימפּעט פון מײַן גאַנג אין אונדזער ווירבלענדיקער וואָר.

## און שרײַבט אַלץ לידער

איך האָב געלייענט ביכער און די וועלט אין ליד באַשריבן
און בין צום סוף נאָך אַלעמען אַן אַלטער ייִד געבליבן,
אַ ייִד וואָס האָט געדאַרפט אפשר בײַ נאַכט גאָר זאָגן תּהילים,
נאָר זיצט בײַם טעלעוויזיע גאָר און זעט אַן אַלטן פילם.

דער גורל האָט דורך לענדער מיך, דורך פרעמדע שטעט געטריבן
און כ׳בין צום סוף נאָך אַלעמען אַן אַלטער ייִד געבליבן,
וואָס אים געדאַרפט האָט אפשר זײַן דאָס וואָרט שוין אויך דערווידער —
איז זיצט ער גאָר בײַ נאַכט נאָך ווי אַ מאָל און שרײַבט אַלץ לידער.

## צום ערשטן מאָל

דאָס צימערל ווו איך האָב מיט מײַן גורל זיך באַגעגנט
געווען איז אַ פינפטער גאָרן אויף דער דזשיקע גאַס.
ס׳איז האַרבסט געווען — אַ גרויער טאָג, אַן אויפהער האָט גערעגנט,
דאָס פענצטער האָט געקוקט אויף מיר צעשראָקן כמורנע נאַס.

דאָס האָב איך דאָך צום ערשטן מאָל אַ ליד פאַר זיך געשריבן,
די שטוב איז פול געווען מיט גרויער ווינטיקייט און קעלט,
אַזוי איז יענער טאָג אין מיר אויף שטענדיק שוין פאַרבליבן —
דאָס פענצטער וויינט, נאָר דאָס פּאַפּיר גייט אויף צו מיר צעהעלעט.

## דאָס ליד ווערט זײַן געזיכט

אַדורך דעם וואָרט דערהערסטו אָפּט דעם קלאַנג פון דיכטערס שטימע,
אַדורך זײַן ליד גייט אויף צו דיר זײַן אויסזען, זײַן באַגער —
זײַן ליד איז ווי זײַן אונטערשריפט, זײַן ליד איז ווי אַ חתימה
וואָס קיינער קען נישט נאָכמאַכן, זײַן שורה — דאָס איז ער.

אין יעדן וואָרט באַהאַלטן ליגט אַ שטריך פון דיכטערס פּנים,
זיי קומען זיך צונויף ווי אין אַ שפּיל פון שאָטנליכט,
ווו אַלע שורות זײַנען נאָר די שטריכן, די סימנים
וואָס גיסן זיך אין ליד צונויף. דאָס ליד ווערט זײַן געזיכט.

## פון גערא͏ַנגל אַ געזאַנג

די לײַדנשאַפטן רײַסן זיך דורך אַלע מײַנע גלידער,
דער יצר־הרע גייט מיר נאָך, ער ברענט מיר מײַנע טריט,
איך פּרוּוו פון שלעכטס אַנטרינען דורך מײַן וואָרט, דורך מײַנע לידער,
איך לײַטער זיך מיט יוגנטלעכער ריינקייט פון געמיט.

איך פּרוּוו דאָס בייז באַזיגן, אונטערדריקן אָט דאָס רישעות,
דעם וועג פאַר זיי פאַרשטעלן צו מײַן האַרץ, צו מײַן געדאַנק,
איך נעם אײַן וואָרט מײַן תאווה און מײַן צניעות און צעמיש עס
און ס׳ווערט אַ ליד געבוירן — פון געראַנגל אַ געזאַנג.

## אַ סימן פון מײַן גאַנג

איך בין צו גאָט נאָך אַלץ דורך מײַנע לידער עולה־רגל,
גאָטס אומרוּװינט קרײַזט אום אין מײַנע ווערטער הייס, צעגליט —
אויף כוואַליעדיקע זוּנגען איך שווים צו אים, איך זעגל
און איבער שורות ווי אויף טרעפּ איך שטײַג צו אים אין ליד.

איך פיל, בײַ מיר אין בלוט שווימט אום אַ סודותפולע בשורה
וואָס זינגט אין מיר באַהאַלטן מיט נישט־ערדישן פאַרלאַנג
און איך, איך גיי, איך שפּאַן צו אים, איך שטײַג מיט יעדער שורה,
און ס׳איז מײַן יעדעס ליד נאָר ווי אַ סימן פון מײַן גאַנג.

## ווער ווייס שוין וויפל מאָל

צו לעבן אין אַ וועלט פון מערדערס און פון רויבערס
און שרײַבן ביי דער נאַכט פון ליבע און פון גליק,
און זען ווי ס׳ציטערן די שטערן אין די שויבן
נאָך ווי אַ מאָל מסתּם, מיט טויזנט יאָר צוריק.

און ריידן צום פּאַפּיר מיט ווערטער בלומרשט קלוגע,
מיט קינדערש־תּמימותדיקן, זינגענדיקן קול —
אָ, גאָט! צי בין איך נישט גאָר דול אַ מאָל, משוגע
דאָס אַלץ צו איבערחזרן — ווער ווייס שוין וויפל מאָל.

## מיט מײַן שטילסטן ליד

גאָטס אומרוּווינט טרײַבט מיך אַרום, ער יאָגט מיך, גיט קיין רו מיר,
ער לאָזט מיך צו קיין ברעג נישט צו און איך פון אָרט צו אָרט
איך בלאָנדזשע אום — אַ וואַנדערער. דער שטורעמווינט אַרום מיר
פאַרשרײַט מײַן קול, וואָס טראָגט צעשראָקן, הילפלאָז אום מײַן וואָרט.

דער שטורעם האָט פאַרקלעמט מײַן קול, פאַרלאָשן מײַנע ווערטער,
זיי ליגן איצט דערוואָרגענע, פאַרשטיקט אין מײַן געמיט
און איך האָב צאַרט געוואָלט דאָך זײַן, געוואָלט אַ קוים געהערטער
די שיינקייט פון דער וועלט פאַרטרויען מיט מײַן שטילסטן ליד.

## יענער טאָג

זאָל זײַן, אַז ס׳האָט די זון אין יענעם טאָג פון מײַן געבאָרן
מיך אָנגעפילט מיט הייסן גלי וואָס העלט נאָך אַלץ אין מיר,
וואָס גייט מיר נאָך, באַגלייט מיך דורך דעם גאַנג פון אַלע יאָרן
און זינגט אַרויס פון מיר מיט זוניק־גליִיקן באַריר.

אָזוי, קען זײַן, אַז יענער טאָג אַ זוניקער, צעהעלטער
האָט ליכטיקער געמאַכט מײַן גאַנג אויף האַרבסטיק־גרויער ערד
און זינגט אַרויס פון ליד בײַ מיר פאַרבאָרגן, אַ פאַרשטעלטער
מיט זוניקייט, כאָטש יעדעס וואָרט מעג האַרבסטיק זײַן, פאַרטרערט.

## מײַן ליד איז ווי אַ שטײַג

אין אַלע ווערטער איז מיר ענג — מײַן ליד איז ווי אַ שטײַג,
ווו הינטער קראַטעס פון די שורות ליג איך דאָרט געפאַנגען.
אַמשענסטן איז מײַן ליד ווען איך פאַרטראַכט נאָך אים און שווײַג,
נאָך איידער מײַן מחשבה ווערט מיט ווערטער אָנגעהאַנגען.

ווען אַלץ איז נאָך אין בראשית בלויז, ווען ס׳איז נאָך נישט פאַרשקלאָפט
מײַן ערשטיקע מחשבה פון די שורות און די ווערטער,
ווען מײַן געדאַנק נאָך בלאָנדזשעט אום מיט ערשט־אַנטפּלעקטער קראַפט
און איז פאַר מיר אַליין נאָר אָן די ווערטער אַ געהערטער.

## ווי איך ווער אַליין אַ ליד

וואָס איך הער נאָר און וואָס איך זע נאָר, אַלץ וואָס קומט צו מיר אַנטקעגן קריגט אַ קלאַנג באַלד, קריגט אַ וואָרט באַלד — זינגט אַרויס פון מײַן געביין. ס׳קען דאָך זײַן, די וועלט זי׳ בלאַנדזשעט, לויפט גאָר אום אויף קרומע וועגן נאָר דורך מיר קריגט זי אַ תּיקון און איך ווער אַ ליד אַליין.

כ׳ווער אין גאַנצן דורכגעניגונט, כ׳ווער אין גאַנצן דורכגעווערטערט
אַלץ וואָס כאַאָסט, בלאַנדזשעט, טונקלט, קריגט געשטאַלט, ווערט העל
צעגליט.
ס׳ווערט אין מיר אַלץ אוריג און אויער, און מײַן וואָרט אַליין פאַרהערט
ווערט
ווי עס קלינגט אין מײַן געביין אָפּ, ווי איך ווער אַליין אַ ליד.

## דער גאַנג פון וואָרט צו וואָרט

אַ וואָרט קען דורך דעם צווייטן וואָרט ערשט ווערן דיר פאַרשטענדלעך,
זיי גיסן זיך צונויף און ווערן גאַנץ נאָר זאַלבעצווייט,
ווי מאַן און ווײַב וואָס ווערן איינס און דורך די יאָרן ענלעך,
ווי נישט אומזיסט זיי וואָלטן זיך אַ לעבן לאַנג באַגלייט.

אַזוי איז אָט דער גאַנג פון וואָרט צו וואָרט אַ נישט אומזיסטער —
זיי טרעפן זיך און ווערן איינס, דערגאַנצט אין זייער דראַנג,
ווי ערגעץ ווו וואָלט נישט איין וואָרט געוואָרט, קען זײַן, אַ נסתּר
צו אויפגיין דורך אַ צווייטן וואָרט אַנטפּלעקט ווי אַ געדאַנק.

## דאָס אייגן וואָרט

מיר ריידן מיט געדאַנקען וואָס מיר האָבן אויסגעלערנט
און זאָגן נאָך וואָס מיר האָבן בלויז ערגעץ ווו געהערט.
מיט פרעמדע אויגן זעען מיר דעם הימל אויסגעשטערנט
און זעען נישט וואָס ס׳טוט זיך אויף אַן אמת אויף דער ערד.

פון וויפל ביכער האָבן מיר געדאַנקען אויפגעזאַמלט,
מיט ווערטער מיט נישט־אייגענע, געליען פון דער פרעמד
און פילן נישט דאָס אייגן וואָרט וואָס ראַנגלט זיך און שטאַמלט,
ווי מיר וואָלטן מיט אונדזער וואָרט געקרעקט זיך און געשעמט.

## ווערטער

### א

עס דאַרף נישט זיין אַ וואָרט צום צווייטן וואָרט אין גאַנצן ענלעך,
נאָר טרעפן זיי צונויף זיך, ווערט געבוירן אַ געדאַנק.
די בײדע ווערטער ווערן נאָנט און דער געדאַנק פאַרשטענדלעך,
ווי זיי וואָלטן געזוכט זיך צו באַגעגענען פון לאַנג.

זיי טרעפן זיך און ווערן איינס — אַ זיווג אַ באַשערטער,
ווי איין וואָרט וואָלט פון צווייטן שוין פון לאַנג געוווּסט, געאָנט.
און האָסטו זיי צונויפגעפירט אין ליד ביי דיר, די ווערטער,
גייט אויף אַ וועלט וואָס דיר אַליין געווען איז אומבאַקאַנט.

### ב

עס איז פאַראַן אַ שווײַגנדיקע מערהייט פון די ווערטער,
זיי גוואַלדעווען נישט, שרײַען נישט, ווו שטיל וואָרט יעדעס וואָרט
באַשיידן און געדולדיק אָפּ, דערווײַל אַ נישט־געהערטער,
ביז קומען וועט אַ ווײַל און ער פאַרנעמען וועט זײַן אָרט.

ווען אויפגיין פון באַהעלטעניש ער וועט אַן אומגעריכטער
און שטעלן זיך אין ליד געהאָרכזאַם ווי אויף אַ באַפעל —
ס'איז דאָ אַ כּישוף־אָפּמאַך פון די ווערטער מיט דעם דיכטער
און קומט די ווײַל, גייט אויף דאָס וואָרט און שטעלט זיך אויף דער שוועל.

## אַ וואָרט

געוועזן אַ וואָרט איז וואָס גאָט האָט געזאָגט,
דאָס וואָרט האָט געליכטיקט, דאָס וואָרט האָט געטאָגט
און איבער דער ערד האָט אַ זון שוין געוואַכט,
נאָר הינטער דעם וואָרט האָט געלויערט די נאַכט.

און טרעפט אַז די נאַכט קריכט אַרויס אומגעריכט,
און וויל מיט איר חושך פאַרשטעלן דאָס ליכט,
און פינצטער, פאַרוואָלקנט ווערט פלוצלינג דאָס וואָרט,
וואָס רופט צו פאַרלענדונג, וואָס רופט גאָר צו מאָרד.

## איך זוך די קלאָרקייט אין מײַן ליד

איך זוך די קלאָרקייט אין מײַן ליד, איך וויל מײַן וואָרט זאָל ריכטיק
אַרײַנפּאַסן, אַז ווערן זאָל עס איינס מיט מײַן געדאַנק.
אַ וואָרט וואָס קען למראית־עין אויסזען אָפּט נישט וויכטיק
ווער דורך מײַן ליד געפינען ערשט אַ תּיקון אין זײַן גאַנג.

אַזוי קען אין מײַן ליד אויף דעם צוזאַמענקום פון ווערטער
דאָס בלאַנדזשענדיקע וואָרט געפינען דאָרט זײַן זיווג גאָר,
ווי דער צונויפקום וואָלט געווען אַ גורלדיק באַשערטער —
אַז מײַן געדאַנק זאָל דורך דעם וואָרט זיך ערשט אַנטפּלעקן קלאָר.

## אַ וואָרט אַ שטילס

איך האָב געלאָזט אַ ליד אויף נאָוואָליפּיע דרײַ און צוואַנציק
די וואַרשע־גאַס, מײַן היים — וואָס האָב איך נישט געלאָזט אַלץ דאָרט:
מײַן בעט, מײַן טיש, אַ שטול און אין דעם שאַנק — אַ נײַעם אַנצוג
און כּתבים פון אַ בוך וואָס איך געדענק שוין נישט קיין וואָרט.

וואָס האָב איך נישט געלאָזט אַלץ דאָרט — מײַן יוגנט און די ווערטער,
וואָס איך האָב אויסגעצערטלט פאַר מײַן סאַמע שטילסטן ליד —
איצט גיי איך אום און ס'קלאַגט אין מיר אַ וואָרט אַ נישט־באַשערטער,
אַ וואָרט אַ שטילס וואָס וויינט אין מײַן צעשויבערטן געמיט.

## מײַנע ווערטער

דאָס לעבן וויקלט־אויף מיך ווי אַ רויביקע מגילה,
דער גורל בלעטערט אָפּט מיך ווי אַ ווינט־צעפּאַכטן בוך —
איז ווייס איך נישט פון וואַנען קומען ווערטער צו מיר שטילע
און פרילינגדיקע ריחות אַנשטאָט טשאַדיקן גערוך.

עס וואָלטן מײַנע ווערטער דאַך באַדאַרפט זײַן ווילד צעשריען
און גליען וואָלטן זיי באַדאַרפט מיט שרפהדיקן רויט,
און זיי גאָר האָבן ליב דעם ראָז פון פרילינגדיקן בליען,
און צאַפּלען פול מיט חידוש פאַר אַ הימל העל צעבלויט.

## זיי וועלקן נישט

ווי מאָדנע איז, עס טרעפט, דו לעבסט כּמעט אַפּ אַלע יאָרן
און דו הויבסט אָן גאָר פּלוצלינג ווי פון זיך אַליין פאַרשטיין,
אַז האָסט אומזיסט געפּוצט דיַין וואָרט, ווי ס'וואָלט דיר קלאָר געוואָרן,
אַז ס'איז דאָס וואָרט דאָס פּשוטסטע פאַר זיך אַליין גאָר שיין.

אַז אַלע ווערטער אויסגעפּוצטע, ווערטער אויסגעטראַכטע
זיי וואַרצלען נישט, זיי לעבן נישט, זיי בליען נישט — אומזיסט,
אַט ווי קאָלירטע, פאַלשע בלומען פון פּאַפּיר געמאַכטע
זיי וועלקן נישט — מען וואַרפט אַרויס זיי שמוציקע אין מיסט.

## אַזוי פיל ווערטער ייִדישע

עס טרעפט אַ מאָל אַ וואָרט בלײַבט הענגען אויף דעם שפּיץ פון צונג,
אַ וואָרט וואָס איך האָב שוין געהאַט פון לאַנג זעט אויס פאַרגעסן,
עס האָט אַ מאָל געלעבט אין מיר ווען איך געווען בין יונג
און איז פאַרשוווּנדן ערגעץ אין דעם גאַנג פון די מעת־לעתן.

אַזוי פיל ווערטער ייִדישע פאַרשוווּנדן פאַר דער צײַט
אין חורבן־בראַך אין אונדזערן פאַרשאָטן אין רויִנען,
זיי טויכן אין זכרון אויף פון נעפּלדיקער ווײַט
און פּרוּוון אין מײַן ליד אַ מאָל אַ תּיקון דאָרט געפינען.

## די ווערטער זײַנען אַלט

די ווערטער גופא זײַנען אַלט, זיי זײַנען זייער אַלט,
זיי ווערן אָבער יונג ווען דו באַרירסט זיי מיט דײַן רעיון,
ווי ס'ווערן ביימער ווידער יונג אין אַלטן ווינטערוואַלד,
ווען ס'הויבט די זון באַרירן זיי און פרילינגדיק באַנײַען.

אַזוי גייט אויך דאָס וואָרט אויף, ווען, באַרירט פון דײַן געפיל,
עס הויבט אָן פריש און פרילינגדיק ווי אויף דאָס נײַ צו לעבן,
ווי ס'קומט אַרויס פון קאָקאָן, פון דעם זײַדענעם פאַרהיל
אַ פלאַטערל אַ פאַרביקע און הויבט אָן פלוצלינג שוועבן.

## אין מײַנע לידער

אין מײַנע לידער שפּיגלט אָפּ מײַן פּנים זיך דורך ווערטער
ווי ס'שלאָגט זיך אָפּ אין מעש פון דעם טרומייט דעם שפּילערס בליק,
כאָטש ער אַליין, דער שפּילער, צו דעם ניגון אַ פאַרהערטער
ער זעט נישט ווי זײַן בליק שלאָגט אָפּ אין מעש זיך אויף צוריק.

אַזוי קען זײַן, אַז אין אַ ליד גאָר וועגן אַ פרימאָרגן
ווי איך באַזינג דעם ערשטן גרין פון פרילינגדיקן בוים
גאָר שפּיגלט זיך מײַן יוגנט אָפּ נישט ווויסנדיק, פאַרבאָרגן
צוזאַמען מיט מײַן פּנים, מיט מײַן בענקשאַפט און מײַן טרוים.

## דורך ווערטער

די ווערטער קומען אַז צו מיר אין רגע פון התגלות,
זיי זײַנען פריער נישט געווען, נאָר ווען אין מײַן געדאַנק
בליצט פלוצלינג פון מײַן בלוט אַרויס אויף ניגונדיקע כוואַליעס
אַן אומגעריכטע זעונג פול מיט בילדער און מיט קלאַנג —

ערשט דעמאָלט קומען זיי צו מיר, ווי כ'וואָלט די וועלט באַנומען
צום ערשטן מאָל — אַ וועלט וואָס ליגט אויף יענער זײַט פון וואָר,
די ווערטער הויבן אָן פון זיך אַליין צעזונגען קומען
און דורך די ווערטער ווערט די וועלט פון זעונג ערשט מיר קלאָר.

## נאָר דורך אַ זעונג

איך זינק צווישן ווערטער, כ'שווים פון שורה אום צו שורה,
ווײַל וואָס איך זע און וואָס איך הער ווערט זעונג, אַ געדאַנק.
ס'קומט אַלץ צונויף זיך, יעדע זאַך באַקומט אַן אַנדער צורה,
ס'ווערט אַלץ באַהאַפטן און פאַרפלאָכטן, ס'קריגט געשטאַלט און קלאַנג.

די וועלט ווערט איינס מיט מיר, די ווערטער קומען און פאַרפלייצן,
ס'קריגט אַלץ מיט אַלץ אַ שײַכות, ס'ווערט פאַרקניפּט, עס ווערט — אחד,
נאָר דורך אַ זעונג הויבט מיר אָן אַ צווייטע זעונג רייצן
און איך מיט וואָרט אַנטפּלעקטן טראָג זיך אום פון סוד צו סוד.

## בלויז דורך דעם וואָרט

עס טרעפט, אַז עפּעס נאָגט דיר און דו טראַכסט — אַזוי פיל ווערטער,
נאָר איבערגעבן דײַן געדאַנק אין וואָרט איז פּאַרט דיר שווער
און וויפל ווסט נישט שטיין צו יעדן וואָרט דײַנס אַ פּאַרהערטער,
וועט נישט דערזאָגט פאַרבלײַבן דײַן געדאַנק און דײַן באַגער.

און דאָך מעג דײַן געדאַנק זײַן, דײַן געפיל דערהויבן, וויכטיק
און מעג דײַן וואָרט זײַן שוואַכער פון דעם אַלץ וואָס האָסט פאַרקלערט,
וועט פּאָרט בלויז דורך אַ וואָרט נאָר דײַן מחשבה אויפגיין ליכטיק,
בלויז דורך דעם וואָרט לדורות וועט זי בלײַבן ערשט דערהערט.

## דאָס וואָרט פון אונטן

ס׳קען זיין, דאָס וואָרט דאָס פשוטסטע קומט אויך צו אונדז פון סיני,
דאָס וואָרט פון אונטן האָט אויך ווי אַ העכערן באַדײַט,
אַן אַנדער טײַטש, אין גאַנצן אפשר גאָר אַן אַנדער זינען,
אַריבער אונדזער שׂכל, איבער אָרט און איבער צײַט.

דאָס שטילסטע וואָרט, דאָס פשוטסטע קומט אויך מפּי הגבורה,
אָט ווי דאָס וואָרט דאָס הייליקסטע בײַם סיני־באַרג אַ מאָל
און שײַנט אַרויס פון דיכטערס ליד, פון זײַן אַנטפּלעקטער שורה,
כאָטש מעג עס זײַן אַן עכאָ בלויז פון דעם באַשעפערס קול.

## מיר ווערן איינס אין וואָרט

עס זײַנען מײַנע ווערטער דאָך די זעלבע וואָס מײַן זיידנס,
מיר זײַנען אַלע אײַנגעוועבט אין יענעם ניגון דאָרט —
אַ שותּפות־ניגון אונדזערער וואָס איז דער זעלבער ביידנס,
ווו דורות קומען זיך צונויף און ווערן איינס אין וואָרט.

און כאָטש עס האָט מײַן זיידע נישט געשריבן דאָך קיין לידער,
און איך אין זײַנע יאָרן איצט טראָג אַלץ נאָך נישט קיין באָרד,
נאָר דורך דעם קלאַנג פון ייִדישוואָרט פאַרקניפּט מיר ווערן ווידער,
ווײַל דורות קומען זיך צונויף און ווערן איינס אין וואָרט.

## איז גיי איך אום פון ווערטער שיכּור

אַ גאַנצן טאָג שווימט אום בײַ מיר אין בלוט אַ וואָרט, אַ שורה,
אַ גאַנצן טאָג וואַכט די דערוואַרטונג אָפּ אין מײַן געמיט,
ווי ס׳וואָלט זיך אַלץ אין מיר געגרייט, געריבט זיך אויף דער בשׂורה —
עס רײַפט, עס קומט דאָס אויסגעגאַרטע, אויסגעבענקטע ליד.

איז גיי איך אום פון ווערטער שיכּור, כאַטש איך זע אויס ניכטער,
איך גיי, איך רייד מיט אַלעמען די וואָכעדיקסטע רייד,
ביז פּלוצלינג קומט צו גיין דאָס ליד — אַ גאַסט אַן אומגעריכטער,
ווי גאָר אַן מיר וואָלט עס גערײַפט און קומען זיך געגרייט.

## קלאָרע ווערטער

איך האָב בײַ שרײַבערס זיך געלערנט ווי מען דאַרף נישט שרײַבן,
צו קענען גאָר פֿאַרקערט ווי זיי צו שילדערן די וועלט —
אַז מײַן געדאַנק, מײַן זעונג זאָל, ווי איך באַנעם, פֿאַרבלײַבן
אין ווערטער קלאָרע, פּשוטע וואָס נאַרן נישט פֿאַרשטעלט.

אַזוי פֿיל ווערטער האָבן דאָך בײַ אונדז זיך אָנגעקליבן —
געמאַכטע, פֿאַלש־פֿאַרפּוצטע וואָס פֿאַרנעפּלען אונדזער וואָר.
בין איך מיט ווערטער קלאָרע נאָר אין ליד בײַ מיר פֿאַרבליבן,
וואָס דווקא נאָר דורך זיי קענסטו די וועלט אַנטפּלעקן קלאָר.

## מען זאָגט

נען זאָגט אַז לידער זײַנען אַלט, מען זאָגט די גאַנצע דיכטונג
האָט אָפּגעלעבט שוין לאַנג איר צײַט, דאָס וואָרט אַליין איז מיד.
די וועלט זי אײַלט און יעדעס מאָל גאָר אין אַן אַנדער ריכטונג —
איז ווער קען אין אַזאַ געלאָף גאָר אויפֿכאַפּן אַ ליד?

ס׳קען טאַקע זײַן די וועלט זי לויפֿט, נאָר ס׳אײַלט זיך נישט דער פֿרילינג,
דער האַרבסט קומט אויך געלאַסן מיט נישט אײַלנדיקע טריט
און איך, און דו, מײַן וואָרט, מיר זײַנען ביידע דאָך אַ צווילינג —
מיר גייען ביידע לאַנגזאַם דורך די שורות פֿון אַ ליד.

## ווערטער לאַנג-פֿאַרגעסענע

עס טרעפֿט, אַז ווערטער קומען אַן אַזעלכע בלומרשט זײַטיקע,
זיי פּרוּוון אין זיך אײַנזאַפּן דײַן שפּירונג, דײַן געדאַנק,
דאָס זײַנען ווערטער מאָדנע גאָר, אַלטמאָדישע, פֿאַרצײַטיקע,
וואָס דו האָסט זיי געהערט אַ מאָל און האָסט פֿאַרגעסן לאַנג.

און דו דערפֿילסט — אַ ווײַטע וועלט, דײַן וועלט די לאַנג-פֿאַרגעסענע
גייט אויף צו די דורך זייער קלאַנג אויף ס'נײַ מיט שײַן אַנטפּלעקט,
דײַן נײַע וועלט די זיבערע, די בלומרשט אײַנגעזעסענע
ווערט פּלוצלינג אויס, דײַן וואָר פֿאַרשווינדט, ווערט נעפּלדיק פֿאַרמעקט.

## ווי מיט קערנער איבערפֿילט

מיט ווערטער און מיט לידער בין איך אַן איבערפֿילטער,
זיי רײַסן זיך ווי רײַפֿע קערנער דורך דער הויט פֿון שאָל —
אַט וועלן זיי אַרויספּלאַצן מיט בענקשאַפֿט נישט-געשטילטער,
זיך דורכרײַסן און אויפֿגיין אין מײַן זינגענדיקן קול.

אַזוי פֿיל זאַפֿטן האָבן זיך אין מיר צעיערט געקליבן,
דורך אומרוטיקע מיט שטורעמס און דורך פֿרילינגן צעשפּילט,
און בין נאָך אַלע שטורעמס אויף דעם לעבנסבוים געבליבן
מיט לידער אָנגעלאָדן ווי מיט קערנער איבערפֿילט.

## זיך באַהאַלטן

איך לויף אין לעבן זיך באַהאַלטן הינטער מײַנע שורות,
ווי זיי וואָלטן פֿאַר מיר די וואָר די גרויזאַמע פֿאַרשטעלט,
נאָר ס'איז אומזיסט, אין יעדער וואָרט פֿאַרבליבן דאָרט אַ שפּור איז
פֿון אַלץ וואָס איך האָב פֿריער שוין פֿאַרנומען אין דער וועלט.

אַזוי פֿאַרצווייפֿלט ראַנגל איך זיך, כ'פּרוּוו אין וואָרט אַנטרינען,
באַהאַלטן זיך אין טונקעלן געפֿלעכט פֿון מײַנס אַ ליד,
באַטש דאָרטן, ווייס איך, וועל איך אויך קיין רו שוין נישט געפֿינען,
נאָר הערן אַלץ דעם קלאַנג פֿון מײַנע לויפֿנדיקע טריט.

## הינטער יעדן וואָרט

עס ליגן הינטער ווערטער פון דעם דיכטערס ליד פאַרחתמעט
אַזוי פיל ווערטער אַנדערע, באַהאַלטענע אין אים,
פאַרדישעטע אין דיכטערס הייסער זינגענדיקער אָסטמע —
זיי ליגן ווי דערשטיקטע אין זײַן צאַפּלענדיקער שטים.

אַזוי פיל עוולות שטייען הינטער יעדן וואָרט פאַרזאַמלט
אַזוי פיל ווערטער אַנדערע וואָס וואַרטן שטומע דאָרט
און אין דעם אָנפּלייץ זייערן דער דיכטער וואַרגט זיך, שטאַמלט,
און ס'איז זײַן וואָרט אַן עכאָ אָפּט גאָר פון אַן אַנדער וואָרט.

## פון גורל די טריט

זיך וואַרגן מיט ווערטער, מיט לידער, מיט צווייפלען,
זיך שטיקן מיט שורות אין קלעם פון דעם סטראָף,
מײַן הילפלאָזע שטומקייט מיט אומרו פאַרפּפלען,
מײַן עלנט פאַרטאָפּלען מיט בלינדקייט פון סוף.

ווער בין איך אין טונקל פון האַרבסטיקע ווערטער?
ווער בין איך אין נאַכט פון צעווינטיקטן ליד? —
ווען פלוצלינג מײַן אומרו אין שורות דערהערט ער
דורך קלאַנג פון די ווערטער פון גורל די טריט.

## ווערטער אָפּגעציטערטע

די ווערטער אָפּגעציטערטע דורך נעכט דורך נישט־דערשלאָפענע,
פאַרשריבענע ווען ס'האָט אויף זיי מיט בלויקייט שוין געטאָגט —
זיי ליגן אין די ביכער מײַנע איצט פאַר אײַך שוין אָפענע
מיט אַלץ וואָס איך האָב דאָרט געזאָגט און אפשר נישט דערזאָגט.

אַזוי פיל טעג פאַרכמאַרעטע און פּנימער פאַרכמורעטע
און פרייד וואָס קומט אַן דעמאָלט ווען זי איז שוין נישט קיין פרייד —
זיי בלײַבן אין די לידער מײַנע ריטמיש, ברייט־צעשורהטע,
ווי טעג נאָך ווי אַמאָליקע, נאָר נאַכטיק, אַן באַשייד.

## נאָר קומט אַ רגע ווען

עס קוקט אויף מיר פון יעדן אות אַ מאָדנע צורה,
אַ לאַבעדיקע מאַסקע גלאָצט פון יעדן סטראָף.
ס׳קען זײַן אַז ערגעץ אין דער מיטן פון אַ שורה
וועט בלייבן שטיין מײַן האַנט און דאָס וועט זײַן מײַן סוף.

איך ווייס, אין ניגון־טאַנץ פון ווערטער און פון אותיות
באַהאַלטן ליגט די גורל־שפּיל פון פרייד און פּײַן.
נאָר קומט אַ רגע ווען — דער ניגון פּלוצלינג גוססט,
אַ וואָרט בלײַבט פּלוצלינג שטיין — און איך וועל מער נישט זײַן.

## ס׳קען זײַן אַזוי וועט אויסזען

ס׳קען זײַן אַזוי וועט אויסזען יענער טאָג בײַ דיר דער שענסטער —
וועסט אויפשטיין אין דער פרי און שטיל וועט זײַן אין דײַן געמיט,
דער טאָג וועט שטיין אַ זוניקער, אַ גאָלדענער אין פענצטער
און דו וועסט פילן ווי אין בלוט געבוירן ווערט אַ ליד.

ס׳וועט זײַן אַזוי, וועסט זיצן אין דײַן וויגשטול און זיך וויגן,
אַ פלעק אַ זוניק־גאָלדענער וועט ווינקען פון דער וואַנט
און דו וועסט פּלוצלינג פילן ווי אין דיר גייט אויף אַ ניגון
מיט ווערטער וואָס אַפריער האָסטו קיין מאָל נישט געקאַנט.

## אַן אַלטמאָדישער מאָטיוו

אַן אויטאָ טראָגט מיך אום דורך וועגן גלאַנציקע, אַספּאַלטיקע,
עס לויפן טײַכן, בריקן דורך, אַ שטעטל, אַ מאָטעל,
פאַרפּוצט לויפט די נאַטור פאַרבײַ, פון מענטש שוין אַ געשטאַלטיקטע
דורך ביימער צוגעשאַרענע — דער אויטאָ טראָגט זיך שנעל.

איך פאָר און שרײַב אַ ליד אין קאָפּ, אַזאַ מאָטיוו אַלטמאָדישן:
פיר שורהדיק, געגראַמט — אַ ווײַטער עברדיקער גרוס,
ווו ס׳זינגען ווערטער אויס נאָך אַלץ אַ ניגון אַ מעלאָדישן,
ווען ס׳איז די וועלט נאָך נישט געפאָרן, נאָר געשפּרײַזט צופוס.

## עס זײַנען ווערטער דאָ

**א.**

עס זײַנען ווערטער דאָ, אַזעלכע ווונדערלעכע גראַמען
וואָס בליצן אויף צעבלענדטע אין די שורות אומגעריכט,
זיי קומען ווי דער ברויזנדיקער צופלוס פון די ימען,
ווי כוואַליעס אויפגעטויכטע מיט אַ סודותפולען ליכט.

זיי פלייצן איבער אַט די שורות ווי אַריבער ברעגעס
מיט פינקלענדיקע אָפּשײַנען געבראַכטע פון דער פרעמד,
מיט ווונדערגלי באַהאַלטענעם פון אויפגעבליצטע רגעס,
וואָס ווען איצט שוין בלײַבן אין די שורות דאָרט פאַרקלעמט.

**ב.**

עס זיינען ווערטער דאָ פרימאָרגנדיקע,
וואָס וועסט נישט זאָגן זיי פאַר נאַכט,
ווי ס'זיינען אויגן דאָ נאָר זאָרגנדיקע,
וואָס וועסט נישט טרעפן זיי צעלאַכט.

און ווערטער זיינען דאָ אָנשטימענדיקע,
ווי ווערטער־שאָטנס אָן אַ קלאַנג,
אין בלייכער טונקלקייט פאַרשווימענדיקע,
אָן פרייד, אָן אומעט, אָן פאַרלאַנג.

# צייַט

## עס לויפט די צייַט

עס לויפט די צייַט, דער הימל בלויט און פון דער ערד אַ בלימל
קריכט שטיל אַרויס און קוקט פאַרגאַפט אַרום זיך אויף דער וועלט.
דער פרילינג קומט, עס בליט, עס גרינט, עס גלייַכגילטיקט דער הימל —
אַט בלויט ער און אַט ווערט ער גאָר מיט כמאַרעס שווער פאַרשטעלט.

עס לויפט די צייַט, עס מייַדן טעג און שקיעות, און פאַרטאָגן,
אַ בוים אין פעלד שטייט אָפּגעוועלקט, אַן איינזאַמער, אַליין
און טייַכן גייען, כוואַליעס אײַלן ערגעץ ווו און יאָגן,
און אויפן ברעג גלאָצט גלייַכגילטיק מיט מאָך באַדעקט אַ שטיין.

## ס'איז אַלצדינג גוט אין צייַט

ס'איז אַלצדינג גוט אין צייַט — אַט ווי דער ברויט וואָס קומט און זעטיקט
און ווי דער וואַסערטרונק, ווען דו ביסט דאָרשטיק און פאַרשוואַכט,
נאָר אַלץ פאַרלירט דעם טעם ווען עס קומט פאַרזאַמט, פאַרשפּעטיקט —
די פרייד איז נישט די זעלבע דאַן ווי ס'האָט זיך דיר געדאַכט.

אַזוי ווען דו דערמאָנסט זיך צו דער וועלט דייַן גרויסע בענקשאַפט
ווען דו ביסט יונג געווען, נאָר זי געקומען איז צו שפּעט,
איצט איז דיר ליב פון דייַנע דלת אמות גאָר די ענגשאַפט —
דייַן גאַס, דייַן צימער מיט דעם פענצטער און ד״ן טיש, דייַן בעט.

## איז בלויז זכּרון

דאָס גאַנצע לעבן מײַנס איז איצט שוין צײַט, איז בלויז זיכּרון,
ווי ס׳איז שוין מײַן זיכּרון איצט אַליין געוואָרן צײַט.
איך קען אַדורכלעבן אין איין מינוט — חדשים, יאָרן
און קען פאַרקערט אַרויספּאַנגען אַ ווײַל פון יאָרן ווײַט.

אַרויספּישן פון עבר ווו אַ ווײַל וואָס איז פאַרלאָרן,
אַ רגע אַ פאַרגעסענע פון כּלומרשדיקער פרייד
און גיין צוריק צום עבר דורך דעם גאַנצן גאַנג פון יאָרן
מיט טויזנט רגעס אַנדערע צעזוניקטע באַגלייט.

## דער גורל

עס זײַנען גרייט געווען פאַר מיר אַ סך גאָר ביאָגראַפיעס
ווען אויסגעוויילט דער גורל האָט די איצטיקע פאַר מיר,
אַזוי, קען זײַן, מײַן לעבן איצט אַ צופעליקער טראַף איז
און צופעליק איז אַלץ אַרום — מײַן יעדער ריר און שפּיר.

אַזוי, קען זײַן, דער גורל האָט מײַן לעבן גאָר פאַרביטן
און ס׳טראָגט אַ צווייטער גאָר פאַרשטעלט מײַן בענקשאַפט און פאַרדראָס,
ווען יענער האָט זײַן לעבן אויך נישט ווויסנדיק געמיטן
און לײַדט פאַר מיר, און זינגט פאַר מיר, און ווייס גאָר נישט פאַר וואָס.

## די צײַט

אַן אומגעדולדיקער בין איך, דער אומרו יאָגט מיך שטענדיק,
מיך טרײַבט אַן אויפהער אַלץ, מיך יאָגט אַ שטורעמדיקער ברויז.
מיר דאַכט — איך שטיי אין מיטן נאָך, כ׳האָב עפּעס נישט פאַרענדיקט,
צי כ׳דאַרף גאָר אָנהייבן אויף ס׳ניי, ס׳ווערט שפּעט, דער טאָג גייט אויס.

די צײַט זי יאָגט, פאַרלויפט דעם וועג מיר, מאַכט מיך אונטערטעניק,
זי קלעמט מיך אײַן מיט טעג און נעכט, פאַרהאַלט מיר מײַנע טריט,
נאָר ס׳טראָגט דער אימפּעט מיך, מײַן אומרו רײַסט זיך ווידערשפּעניק —
איך יאָג די צײַט און זי דעריאָגט פאַרקלעמט בלײַבט אין מײַן ליד.

## איך טראָג אין מײַן זכּרון אום

איך טראָג אין מײַן זכּרון אום דעם גאַנצן ראַמש פֿון לעבן —
זכרונות אָנגעהויפּנטע ווי שמאַטעס אין אַ שטויס.
דאָרט גרויען וואָכעדיקע טעג און אויפֿגעהעלט דערנעבן
ליגט אויך אַ שעה אַ פֿאַרביקע וואָס שײַנט דאָרט קוים אַרויס.

נאָר ס׳טרעפֿט אַז דער זכרונות־קנויל לעבט אויף, ווערט אויסגעסדרט
און אַלץ קריגט ווידער פֿאָרעם דאָרט, אַ זין און אַ באַשייד,
אָט ווי אין ראַמש געוואָרן וואָלטן שמאַטעס ווידער קליידער
און אויפֿגעשײַנט מיט יום־טוב־טעג וואָס האָבן זיי באַגלייט.

## ווי איצטער נאָך

מײַן לעבן איז אַדורכגעעכאָט מיט דעם קראַך פֿון קוילן,
זיי הילכן נאָך אין מײַן געמיט צעדונערט און צעבליצט —
נאָר איך קען אַלץ דערהערן נאָך אַדורך די אַלע גרוילן
די רייד פֿון פֿאַרן חורבן נאָך, די ווערטער, פּונקט ווי איצט.

אַפֿילו אין דעם שווײַגן דאָן פֿון מענטש וואָס איז ניטאָ שוין
קען איך נאָך איצט דערהערן וואָס גערעדט האָט ער אַ מאָל,
פֿאַרנעמען דורך דעם חורבן־קראַך זיין דעמאָלטיקן לשון
און איצטער ערשט דערהערן אויף אַן אמת גאָר זײַן קול.

## אין מײַן זכּרון

וואָס איז אין מײַן זכּרון אַלץ נישט אויסגעמישט צוזאַמען,
זיי טונקלען ערגעץ טיף אין מיר און זײַנען אַלץ נאָך וואָר
מיט קלאַנגען נישט־פֿאַרגעסענע די שטימע פֿון מײַן מאַמען,
די ערשטע ליבע־ווערטער און אַ פּסוק פֿון תּנ״ך.

דאָרט פֿלאַטערט אום נאָך אַ ראָמאַנס מיט אָפּגעוועלקטע גראַמען
און צופֿעליקע מאָדנע ווערטער פֿון אַ פֿרעמדער שפּראַך —
זיי טונקלען דאָרטן ווי אַ ראַמש צונויפֿגעמישט צוזאַמען
ווי אויף דעם בוידעם אונדזערן אין קופֿערט בײַ דעם דאַך.

## אויף צוריק

כ׳וועל זיך אײַנהערן אין שטילקייט און דערזען גאָר דורך מײַן הערן
לאַנג־פֿאַרגעסענע געשטאַלטן, ווײַטע שאָטנדיקע ווענט
און אַ זומערנאַכט אַ העלע מיט דעם פֿינקלגרין פֿון שטערן,
און אַ פּנים פֿון אַ מיידל מיט צעבלייכטע, הייסע הענט.

ס׳האָט די שטילקייט אַלץ פֿאַרוויקלט, אַלץ אַ מאָל אין זיך באַהאַלטן,
וויקל אָפּ איך איצט די שטילקייט און דערזע אַלץ אויף צוריק:
אַזאַ שטערננאַכט צעבלויטע, רויִק־טונקעלע געשטאַלטן
און אַ בלאַסן מיידל־פּנים מיט אַ ציטערדיקן בליק.

## אויף דער דעק פֿון מײַן זכּרון

כ׳האָב אַלץ אין זיך געזאַמלט, איך האָב אַלץ אין זיך געקליבן
און אַלץ וואָס איז געהיים, וואָס נישט געקענט האָב איך פֿאַרשטיין
איז אויך פֿאַרשטעלטערהייט אין מײַן זכּרון טיף געבליבן,
ווי ס׳בלײַבט געוואָרפֿן ליגן אויף דער דעק פֿון טײַך אַ שטיין.

דער טײַך פֿון מײַן טאָג־טעגלעכקייט ער פֿלייצט מיט וואָכן, יאָרן,
ער האָט מיט זײַנע אומרו־כוואַליעס אַלץ פֿאַרשווענקט, באַדעקט,
נאָר ס׳וואַכט נאָך אַלץ באַהאַלטן אויף דער דעק פֿון מײַן זכּרון
דאָס סודותפֿולע אויפֿצוגיין און ווערן פֿאַרט אַנטפּלעקט.

## איך וואָלט געוואָלט זיך אומקערן

איך וואָלט געוואָלט אַזוי פֿיל טעג און נעכט צו איבערהיפּן,
זיך אומקערן כאָטש אויף אַ ווײַל צו דעם פֿאַרנאַכט צוריק,
וואָס רופֿט מיך נאָך דורך ווײַטקייטן מיט רויטע מיידל־ליפּן,
מיט שעמעוודיקער בלויקייט פֿון אַ שמייכלענדיקן בליק.

כאָטש ווײַט איז שוין אָט דער פֿאַרנאַכט, נאָר מיר צעוווּנקען בלענדיקט
אַ פֿרילינגדיקע אָוונטגאַס, לאַמטערנדיק צעהעלט —
צו קומען דאָרטן ווו מײַן קינדערש וואָר האָט זיך געענדיקט
און איך פֿאַרליבט צום ערשטן מאָל אַוועק בין אין דער וועלט.

## נאָך ווי אַ מאָל

די אויגן מײַנע שטיפֿן נאָך צו זעכציק ווי צו זעכצן,
אין מײַנע בלוטן רוישט נאָך אַלץ מײַן יוגנטלעכע גלוסט
און דאָרשטיק איז מײַן לײַב און פֿול מיט בענקענדיקן לעכצן,
ווי ס'וואָלטן מײַנע יאָרן נישט געווען מײַן לײַב באַוווּסט.

אַזוי ליגט דאָרט מײַן יוגנט נאָך באַהאַלטן און זי לויערט,
זי רוישט אין מײַנע בלוטן נאָך, זי צאַפּלט אין מײַן קול,
אַ ווײַטע פֿרייד וואָס זינגט אין מיר, זי הערט נישט אויף, זי דויערט —
אַ גלוסטנדיקע פֿרייד וואָס זינגט אין מיר נאָך ווי אַ מאָל.

## דײַן עבֿר נעפּלט

עס טרעפֿט, דײַן עבֿר נעפּלט אין דײַן דמיון זיך אַ בלאַסער,
אַט ווי דורך אַ באַהויכטער גלאָז צעשוווּמען זעסט אַ בילד,
צי ווי עס שלאָגט זיך אָפּ אַ מאָל דער הימלבלוי אין וואַסער,
ווען ס'איז דער טײַך דער אָוונטיקער נעפּלדיק פֿאַרהילט.

און ווי עס טרעפֿט, פֿון וואַסער גיט אַ שלאָג זיך אָפּ אַ בלויקייט —
דער הימל האָט זיך דורכגעריסן דורך דעם נעפּלשיכט,
אַזוי גייט אויף אין דמיון פּלוצלינג קלאָר אַלץ מיט גענויקייט,
אַן עבֿר־בילד — אַ בליק טויכט־אויף און פּלוצלינג אַ געזיכט.

## וווּ אַלץ איז מעגלעך

מײַן בייזן איצטער פּרוּוו איך מיט מײַן עבֿר גאָר פֿאַרשטעלן,
ער קומט צו מיר בײַ נאַכט און פּרוּווט אַרײַנגיין אין מײַן שלאָף
און הויבט אַלץ אָן בײַם טויער פֿון מיין חלום־לאַנד צעהעלן,
אין יענעם לאַנד, וווּ ס'איז נישטאָ קיין אָנהויב און קיין סוף.

אַ לאַנד אַזאַ וווּ ס'איז נישטאָ קיין נעכטן און קיין מאָרגן,
וווּ ס'איז קיין איצטער אויך נישטאָ, אויף יענער דעמערזײַט
פֿון אַלץ, פֿון אַלע טעג און נעכט וואָס טונקלען דאָרט פֿאַרבאָרגן,
פֿאַרפּלאָנטערטע געהיים, וווּ אַלץ איז מעגלעך — יעדער בײַט.

## אויף כוואַליעס צײַט

איר מאַכט די אויגן צו און אויס ווערט מיט דעם רוים, דעם שטח,
איר בלײַבט ווי ערגעץ שטיין ווו ס'איז נישטאָ קיין נאָנט, קיין ווײַט
און נאָר פון דויער דער געפיל ער כאַפּט אַרום אײַך, גלעט אײַך,
פאַרוויקלט אײַך און וויגט אײַך אײַן ווי ערגעץ איבער צײַט.

אַזוי פאַלט איר פון רוים אַרויס, איר ווערט אַ טייל פון דויער,
איר ווערט באַפרײַט פון יעדער וואָר, די וועלט אַרום פאַרשווינדט,
איר שווימט אַוועק אויף כוואַליעס צײַט — אַ טונקלקייט וואָס לויערט
און שלינגט אײַך אײַן, און פירט אַוועק אײַך ערגעץ נאַכטיק־בלינד.

## מיראַזשן

עס ציען זיך יאָרהונדערטער ווי לאַנגע קאַראַוואַנען,
אומענדעלכע דורך זאַמדיקע מדבריות פון צײַט
און מיר, מיר שלעפּן נאָך זיך ווי די פוסגייערס און שפּאַנען
פאַרבענקטע נאָך אַאַזיסן וואָס וואַרטן אין דער ווײַט.

מיר טאַפּטשען זיך אַזוי מיט ווערטער ווינטיקע, פאַרשטויבטע
און זוכן אין דער בלאָנדזשעניש אַן אויסגעטרוימטן זין,
אַט דור נאָך דור אַזוי אַן אויפהער,בענקענדיק פאַרגלויבטע
און טרייסטן מיט מיראַזשן זיך פון אויסגעדאַכטן גרין.

## דײַן איצט

דײַן איצט איז וואָר, דײַן נעכטן לעבט שוין הײַנט נאָר אין דײַן רייון,
דו טראָגסט אים אין זיכּרון אום, פאַרקניפּסט אים מיט דײַן איצט,
וואָס אויך פון אים וועט זיך דײַן דמיון קיין מאָל נישט באַפרײַען
און ס'וועט דײַן מאָרגן האַלטן ווי אַ נעכטן אים פאַרקריצט.

אַזוי פאַרבלײַבן אַלע רגעס, אַלע טעג און יאָרן
פאַרקניפּט, פאַרבונדן ווי די רינגען אין דער קייט פון צײַט,
אַזוי פאַרבלײַבן וועסטו אויך אַ שקלאַף פון דײַן זיכּרון,
ווו ס'קען דײַן איצט נישט ווערן שוין פון עבר־שטראָם באַפרײַט.

## אַן אומגעבראַכטע וועלט

מײַן עבר ליגט באַהאַלטן טיף, פֿאַרשאָטן אין זיכּרון,
איך גראָב אַרויס פֿון דאָרטן אָפּט אַ שמייכל, אַ געזיכט,
אָט ווי מען גראָבט אַרויס פֿון טיפֿער ערד וואָס ליגט פֿאַרפֿראָרן
די רעשטלעך פֿאַרהיסטאָרישע פֿאַרשאָטן אין אַ שיכט.

אַזוי גראָב איך אַרויס פֿון דאָרט אַ בליק אַ מאָל, אַ פּנים
וואָס ליגן לאַנג־פֿאַרגעסענע פֿאַרשטעקט דאָרט און פֿאַרשטעלט
און ווידער גייען אויף צו מיר די רעשטלעך, די סימנים
פֿון יאָרן לאַנג־פֿאַרשווונדענע — אַן אומגעבראַכטע וועלט.

## די שטים פֿון אייביקייט

איך רייד צו זיך אַליין — די וועלט איז מער דאָך פֿון דײַן שׂכל,
דאָס לעבן איז דאָך מער ווי דײַן געפֿיל, ווי דײַן געדאַנק,
דו גיי אַרויס אין גאַס, באַנעם אַ יעדנס בליק און שמייכל,
פֿאַרנעם דעם רויש פֿון טאָג און פֿון די פֿרעמדע רייד דעם קלאַנג.

טונק אָפּ זיך אין דעם מענטשנפֿלייץ, וואָס פֿליסט, וואָס שטראָמט אומענדלעך,
די אייביקייט זי זינגט אַרויס אין גאַס פֿון אונטער טריט,
דו הער זיך צו און ס׳וועט איר שטימע ווערן דיר פֿאַרשטענדלעך,
פֿאַרנעם איר קול און ס׳וועט איר עכאָ אויפֿגיין אין דײַן ליד.

## מיר דאַכט

מיר דאַכט, איך בין אַ ייִנגל נאָך, איך לייען נאָך זשול ווערנען —
די וועלט איז אַלץ נאָך שיין און גרויס, זי לאָקט מיך און זי ציט,
כאָטש איך האָב אַלץ פֿאַרנומען שוין און כ׳דאַרף זיך מער נישט לערנען,
און אַלע ביכער זײַנען שוין ווי איך פֿאַרעלטערט, מיד.

נאָר אין מײַן קאָפּ לויף איך צעשטיפֿט נאָך ווי אַ מאָל — אַ ייִנגל,
די וועלט איז אַלץ נאָך שיין און גרויס, זי רופֿט, זי לאָקט צעהעלט,
כאָטש מיך האָט גאָר אַ גרויע וואָר פֿאַרקלעמט, אַרומגערינגלט
און מיד בין איך פֿון וואָלגאַנג אַדורך אַ פֿרעמדער וועלט.

## דערמאָנסט זיך

ס'איז אומעטיק זיך זעגענען ווען פילסט אַז ס'איז אויף שטענדיק,
כאָטש מעגסט זיך מאַכן טראַכטן, אַז ס'איז נישט דאָס לעצטע מאָל,
נאָר טיף אין האַרצן עפּעס נאָגט דיר, זאָגט דיר — ס'איז געענדיקט,
אַז מער וועסטו דעם בליק נישט זען, נישט הערן מער דעם קול.

און טרעפֿט, דאָס אַלץ דערמאָנסטו זיך נאָך לאַנגע יאָרן, שפּעטער —
ס'איז פֿרילינג אין אַ גרויסער שטאָט ווו, אין אַ פֿרעמדן לאַנד,
דערמאָנסט זיך גאָר אַן אַנדער שטאָט, ס'איז האַרבסט, עס פֿאַלן בלעטער,
דערמאָנסט זיך יענעם לעצטן בליק, דעם לעצטן דרוק פֿון האַנט.

## אַ מאָדנע זעונג

עס טרעפֿט, איך הויב זיך אָן אַן מיינע קינדערטעג דערמאָנען —
אָט זע איך, כ'שטיי בײַם פֿענצטער, כ'קוק אַרויס — אין דרויסן שנייט.
מיר דאַכט, ווי ס'וואָלטן ווײַסע קינדער מיט צעפּאָכטע פּאָנען
אַרום באַלעמער אין אַ שול זיך אין אַ שנייזקער געדרייט...

אַ מאָדנע זעונג. כ'שטיי אַ קינד און צאַפּל פֿול מיט מורא,
מיט ווײַסע העמדלעך טראָגן זיך די קינדער אין געדריי,
אַן אויפֿהער אַלץ אין אויסטערלישן ווײַסן שמחת־תּורה
און ווערן ווו פֿאַרשאָטן אין דעם וויכער פֿון דעם שניי.

## צום אַנהויב דאָרט

אויף דעם עקראַן פֿון מײַן זכּרון צייכענען זיך בילדער,
איך קוק זיי נאָך, איך זע זיי מיט מײַן אינערלעכן בליק —
מיר דאַכט, אַז עמעץ זיצט אַ פֿרעמדער דאָרט און שילדערט
און איך לויף דורך די בילדער צו מײַן קינדהייט אויף צוריק.

צוריק אַהין, ווו ס'שטעלט זיך אָפּ אַ בלינדער מײַן זכּרון,
צום אַנהויב דאָרט, ווו מײַן געדאַנק נאָך, נעפּלדיק פֿאַרהילט,
האָט אויפֿגעבליצט און קלאָר איז מיר צום ערשטן מאָל געוואָרן
די וועלט וואָס גייט איצט אויף אין מײַן זכּרון — בילד נאָך בילד.

## דורות-ליַידנשאַפט

דאָס בלוט איז פול מיט יצר הרעס, פול מיט רייצן, גלוסטן,
מיט שטורמישע פאַרלאַנגען און מיט ספקות פול, מיט שרעק,
דו ווילסט פון זיי אַנטרינען און דו פרוווסט מיט טראַט מיט יוסטן
צו שפרייזן כּלומרשט זיכער, נאָר ווערסט נישט פון זיי אַוועק.

אַזוי פיל דורות גיריקייט האָט זיך אין דיר געזאַמלט,
אַזוי פיר גלוסטן קנוילן נאָך פאַרקראַמפּט בײַ דיר אין קול —
דו ווילסט דײַן בלוט פאַרשרײַען, נאָר דײַן וואָרט איז שוואַך און שטאַמלט,
ווײַל ס׳פּרעסט אויף דיר פון לאַנגע דורות ליַידנשאַפט דער עול.

## די גאַסן פון מײַן לעבן

מײַן לעבן פירט מיך אַלע מאָל צו אומבאַקאַנטע טירן,
ווי עס האָט מיך געפירט אַ מאָל צו פרעמדע לענדער, שטעט,
דורך וועגן וועלכע פירן ערגעץ כּלומרשט און פאַרפירן,
וווּ ס׳איז נישטאָ קיין פריער און עס איז נישטאָ קיין שפּעט.

די גאַסן פון מײַן לעבן גייען ערגעץ אומפאַרענדיקט,
מיט טירן נישט געפונענע וואָס שטייען בלינד, פאַרמאַכט
און איך, איך גיי אַן אויפהער דורך אַן אומבאַקאַנטן שטענדיק,
גאָר אָן אַן אויפהער, אָן אַ סוף, אין ספק טאָג און נאַכט.

## ווי אין אַ שטורעמנאַכט

מײַן לעבן ליגט אַ שטויביקער מיט חורבן־נעבכט צעאַקערט,
מיט טויטע רייד ווי גרודעס דורכגעברענטער ליים און אַש,
נאָר טרעפט אַ רגע טויכט אַרויס, זי צינדט זיך אָן און פלאַקערט,
אַ רגע פון מײַן עבר, ווי אַ בלענדיקער מיראַזש.

אָט ווי עס טרעפט אין שטורעמנאַכט — אַ בליץ גרינט דורך זיגזאַגיק
און דו דערזעסט אין שויבערקנויל ווי אויף אַ ווײַל אַ בילד,
אַזוי בליצט אויף אין דמיון אָפּט מיט שרפהדיקער טראַגיק
אַ טאָג, אַ ווײַל, וואָס לעשט זיך אויס מיט נאַכטיקייט פאַרהילט.

## מײַן לעבן

דורך אַלע אומרוטעג איך טראָג צו דיר מײַן דאַנק,
דו, לעבן מײַנס, אויף דר׳ערד, כאָטש פול מיט פּײַן און טרערן,
דו ביסט אין וועלטאַל דאָך דער הייליקסטער געשאַנק —
דורך דיר האָב איך דערזען דעם הימל און די שטערן.

כאָטש מיר איז ווי אַ ייִדן דאָך געווען באַשערט
צו גיין דורך פּײַן און בלוט, דורך שרפהדיקע פלאַמען,
נאָר איך האָב אַלץ דיך ליב, מײַן לעבן אויף דער ערד,
ווי ליב איז מיר נאָך אַלץ דער פּנים פון מײַן מאַמען.

## איך לעב

איך האָב אַ צענדליק לעבנס שוין אַדורכגעלעבט אין לעבן,
אַ צענדליק מאָל געשטאָרבן און אָט לעב איך אויף דאָס נײַ.
און אַלץ וואָס איז געשען מיט מיר איז ווי אַדורך דערנעבן,
אָט האָט מען מיך געפאַנגען שוין — אָט בין איך ווידער פרײַ.

און טרעפט אַ מאָל, מיר דאַכט זיך אויס, אַז ווידער די געפאַר גייט,
אָט ווער איך באַלד פאַרגאַזט, פאַרברענט, איך זע שוין טויטע קעפּ,
אָט נאָך אַ ווײַל — איך בין נישטאָ, צום עלפטן מאָל געהרגעט,
נאָר פּלוצלינג זע איך — כ׳בין אַדורך, צום עלפטן מאָל איך לעב.

## אין מײַנע טעג

אין מײַנע טעג האָב איך געלערנט גאָר געשיכטע,
נישט אין די שולביכער פון עמעצן פאַרפאַסט, —
נאָר אויף די מאַפּעס פון צעוווּנדיקטע געזיכטער,
אויף זײַטלעך אַשיקע פון שרפהדיקער גאַס.

די וועלט האָט זיך פאַר מיר געוויטערדיק געבלעטערט —
אַ יעדע רגע מיט אַ בלוטיקן געפּעבכט,
ווי ס׳וואָלטן דורות איבער מיר מיט פײַן געקלעטערט
און ווי יאָרהונדערטער — צעברויזטע טעג און נעכט.

## עס גייט אַוועק מײַן דור

### א

עס גייט אַוועק מײַן דור. מיט לעצטע שקיעה־פּלאַמען,
גייט אויס, לעשט אויס זיך שאַטנדיק אַ גרויזאַם־גרויע וואָר.
עס גייען זיך פאַנאַנדער שוין די העלדן פון דער דראַמע,
די ווייטאָגלעכע זינגערס פון דעם טרויעריקן כאָר.

עס גייט אַוועק מײַן דור. מיט זיי פאַרגייט צוזאַמען
דאָס וואָרט וואָס האָט אַרײַנגעזאַפּט אי העלדישקייט, אי שרעק.
און נאָר אַן עכאָ זייערער אין לידערקלאַנג און גראַמען
וועט ציטערן און מאָנען אַלץ ביז צו דעם סוף פון טעג.

### ב

עס גייט אַוועק מײַן דור. אַזוי פיל פרײַנד, חברים,
אַזוי פיל אויגן גלויביקע וואָס האָבן מיך באַגלייט —
די וואָרט־חברים מײַנע, אָט די אומרו־דיכטערס — גרים,
פאַרבלאָנדזשעטע אין גרויער וואָך מיט יום־טובדיקע רייד.

עס גייט אַוועק מײַן דור. מיט זיי פאַרגייט צוזאַמען
דער לעצטער קרעכץ פון חורבן־טעג, פון אומקום און פון גוואַלד,
פון שטורעמטעג פאַרבליבענע די לעצטע שטאָלצע שטאַמען
פון ייִדיש אויפגעזונגענעם, צערוישטן דיכטערוואַלד.

## נאָר מיר אין אונדזער דור

מיר גייען צו דער אייביקייט ווער פריער און ווער שפּעטער,
נאָר מיר, קען זײַן, אין אונדזער דור, מיר זײַנען לאַנג שוין טויט —
מיר זײַנען ווי אין פּרילינגצײַט די אָפּגעוועלקטע בלעטער
וואָס הענגען נאָך פון פאַר אַ יאָרן האַרבסטיק־געל און רויט.

אַזוי בין איך שוין אויך אַרײַן אויף יענער זײַט באַצײַטנס
פון חורבן־האַרבסט — אַן אָפּגעוועלקטער קופּער־רויטער בלאַט,
וואָס הענגט נאָך אויף אַ פּרילינגבוים, נאָר טראָגט פון ווײַטע ווײַטן,
פון חורבן־האַרבסט דעם וועלקגערוך — אַ שרעקלעכן טשאַד.

## אין גאַנג פון דור צו דור

מיר זײַנען די אַקטיאָרן פון דעם קאָסמישן טעאַטער,
געבווירענע, פאַרלווירענע אויף סצענעס פון דער צײַט —
מיר טראָגן אום פון אייביקייט אין זיך דעם אומרו־פּלאַטער,
מיט גרויל און שיינקייט זעונגען אין גורלדיקן בײַט.

אַזוי אויף אויסדאַכט־סצענעס פון דעם אייביקן ספּעקטאַקל
מיר קומען און פאַרגייען אין דעם גאַנג פון דור צו דור
און יעדערער פון אונדז שפּילט אויס זײַן אייגענעם סך־הכּל,
פאַרבלאָנדזשעט און פאַרפּלאָנטערט אין זײַן גורלדיקער וואָר.

## דער גלי פון מײַנע יוגנטטעג

מען זאָגט — די צײַט קילט אָפּ. עס זײַנען רגעס דאָ אין לעבן
וואָס מאַכן ברויזיק אונדזער בלוט און טראַציק דעם געמיט,
און נאָר די צײַט. זי קילט זיי אָפּ — דו לערנסט זיך פאַרגעבן,
צו גיין געלאַסן דורך דער וועלט מיט רויק־שטילע טריט.

ס'קען זײַן, די צײַט קילט טאַקע אָפּ, נאָר ס'גליט נאָך אין מײַן אָטעם
דער רוף פון מײַנע יוגנטטעג. אין ריטעם פון מײַן גאַנג
זינגט אַלץ דער אומרו נאָך, איך טראָג נאָך אַלץ אום אין מײַן טראָט אים
מיט אימפּעט־רגעס טראַציקע און ברויזיקן פאַרלאַנג.

## דער זייגער ווייס נישט וואָס איז צײַט

דער זייגער ווייסט נישט וואָס איז צײַט, צי גייט ער פאַלש, צי ריכטיק,
פאַרשלאָסן אין זײַן שאָל, ער ווייסט אַליין נישט דעם באַטײַט
פון פינצטערניש, פון נאַכט און פון דעם טאָג וואָס זוניקט, ליכטיק —
ער גייט אין בלינדן גאַנג פון דער כּסדרדיקער צײַט.

אַזוי גייט ער אַן אויפהער אַלץ, די ווײַזערס זײַנע קרייזן
ווי בלינדע גייערס לאַנגזאַמע, זיי קריכן טראָט נאָך טראָט,
דער ציפערבלאַט ער קוקט זיי נאָך, ער העלפט דעם וועג זיי ווײַזן
און זיי, זיי טראָגן אום אין גאַנג פון אייביקייט דעם סוד.

## אַן אויסטערלישער זייגער

איך האָב אין חלום הײַנט געזען אַן אויסטערלישן זייגער,
די צײַט האָט דאָרטן מאָדנע פון דעם ציפערבלאַט געקוקט:
אַט איז ער גאָר פאַראויסגעגאַנגען ווי עס איז דער שטייגער
און אַט, פאַרקערט, אויף הינטערווײַלעכץ זיך צוריק געררוקט.

אַזוי אַן אויפהער זיך געשאַרט מיט הילכיקע טיק־טאַקן —
אַהין און קריק, ווי ער געחוזקט וואָלט פון מיר פאַרשײַט,
ווי ער די טיר פון מאָרגן וואָלט געוואָלט פאַר מיר פאַרהאַקן
און לאָזן מיך געפאַנגען שטיין אין תפיסה־שטײַג פון צײַט.

## אין קרײַז פון אייביקייט

דער ציפערבלאַט ער בלייבט אַ מאַטער אומעטיק ווי שטענדיק,
די ווײַזערס קריכן גלײַכגילטיק פאַרשלאָפענע, אַן גלוסט
פון יענער שעה וואָס איז געווען און איז שוין איצט פאַרענדיקט
צו יענער שעה וואָס וואַרט זיי אָפּ אַנטקעגן גלאַציק־פּוסט.

די שעה וואָס איז געוועזן האָט שוין אָפּגעטריפט אַ בלייבע
מיט אײַליקע טיק־טאַקן אין דער זייגערישער טיף,
די ווײַזערס קריכן לאַנגזאַמע ווי זיי וואָלטן געצייכנט
דעם מאַטן קרײַז פון אייביקייט מיט רגעדיקן טריף.

## די ווײַל

דער ווײַזער אײַלט זיך, יאָגט זיך דורך דעם גלײַכגילטיקן שטענדיק,
פון איין ווײַל צו דער צווייטער אין דעם זייגערס גאַנג פון צײַט,
ווו ס׳ווערט זײַן אומקרײַז קיין מאָל אויף דעם ציפערבלאַט פאַרענדיקט —
דאָרט פירט דער נעכטן מיטן הײַנט זײַן תמידיקן שטרײַט.

כאָטש ס׳איז דער נעכטן שוין נישטאָ און נאָך נישטאָ דער מאָרגן,
ס׳איז דאָ די רגע נאָר אַליין וואָס רינט אויס און פאַרשווינדט,
נאָר ס׳ליגט אין איר, אין אָט דער ווײַל, באַצײַטנס שוין פאַרבאָרגן
דער גורל פון דער צווייטער ווײַל, וואָס לויערט אויף אונדז בלינד.

## די רגעס פֿאַלן

דער זייגער קלאַפּט. די רגעס פֿאַלן ווי פֿאַרוועלקטע בלעטער,
זיי בלײַבן טויטע ליגן ערגעץ אויף דער דעק פֿון צײַט,
זיי פֿאַלן אַלץ אָן אויפֿהער — אָן אַ פֿריער, אָן אַ שפּעטער,
אָן איצטער בלויז אין אייביקן, אומאויפֿהערלעכן בײַט.

דער זייגער קלאַפּט, דער ווײַזער נאָר אַ גלײַכגילטיקער שטום היט
דעם סוד פֿון דער פֿאַרגענגלעכקייט און טײַטלט נאָך אַנאַנד
פֿון שעה צו שעה דעם גאַנג פֿון צײַט, און ווײַזט אָן פֿרייד, אָן אומעט
דעם רגע־וועלק, ווי בלעטערפֿאַל אין האַרבסטיק־טויטן לאַנד.

## איך הער זיך צו צום זייגער

עס טרעפֿט, איך הער זיך צו צום זייגער און דערהער אַ ניגון —
דער זייגער זינגט, ער הילכט נישט מיט זײַן מאָנאָטאָנעם גאַנג,
נאָר ווי ער וואָלט געבראַכט צו אונדז אַ ניגון אַ נישט היגן,
אַן אוראַלטן, פֿאַרגעסענעם, נישט־ערדישן געזאַנג.

ווי ס׳וואָלט זיך אין זײַן גאַנג וואָס פּרוּווט מיך שטענדיק גאָר פֿאַרוויגן
די צײַט אַליין זיך אויפֿגעכאַפּט און זינגט צו מיר אַ ליד,
אַ ליד וואָס זי אין זייגער האָט באַהאַלטן אויסגעשוויגן,
נאָר וועקט עס אויף אין מיר אַצינד און זינגט אין מײַן געמיט.

## די ווײַזערס

פֿאַרגעלבטע ציפֿערבלאַטן ווי פֿאַרעלטערטע געזיכטער,
אַרויסגעטויכטע פֿון אַ לאַנג־פֿאַרגעסענעם אַמאָל —
זיי גלאָצען פֿון די זייגערס אין דער שײַן פֿון שפּעטע ליכטער
מיט שאָטנדיקן טונקל פֿון אַ נאַכטיקן שפּיטאָל.

די ווײַזערס שלעפּן מידע זיך ווי קאַליקעס אויף קוליעס,
צעסקריפּעטע זיי קרעכצן און זיי בלייבן לאָמע שטיין.
די ברוינע ראָם פֿון זייגער נעמט אַרום זיי שטום־פֿאַרטוליעט
און הערט, און הערט זיך צו צו זייער נאַכטיקן געוויין.

## דער וועקזייגער

דער אַלטער וועקזייגער קוקט אָן מיך געלבלעך־מאַט צעשראָקן,
ער האָט מיך היינט אַ קלינגעדיקער אויפגעוועקט פון שלאָף.
ער איז אַן אַלטער שוין דער וועקזייגער, ער איז אַ זקן,
ער כריפּעט, קלינגלט הייזעריק און וואַרט שוין אויף זיין סוף.

אַ מאָל האָט ער מיך אויך געוועקט פון שלאָף און דעם פרימאָרגן,
מיט יונגן קלונג אַ פריידיקער געגעבן מיך אַ וועק.
איצט גלאָצט ער אָפּגעשראָקן, מאַט, ווי אויסגעקנייטשט פון זאָרגן
און קלינגט צעכריפּעט, הייזעריק און קוקט אויף מיר מיט שרעק.

## דער וואַנטזייגער

די יונגשאַפט פון איר פּנים האָט דער שפּיגל שוין פאַרגעסן,
ער הענגט אַליין שוין אויסגעקרימט און אָפּגעקראָכן־אַלט.
אַ מאָל איז זי אַנטקעגן אים מיט יונגער פרייד געזעסן,
איצט קוקן זיי זיך ביידע אָן שוין אָפּגעלאָשן, קאַלט.

ער קוקט זי אָן גערינצלט, זי קוקט אָן אים אָפּגעבליאַקעט —
קרבנות צוויי פון אייביקן פאַרניכטנדיקן בייט
און איבער זיי דער וואַנטזייגער ער גייט און גייט — טיק־טאַקעט,
און קלינגט אויס די פאַרגענגלעכקייט אין ניגון־גאַנג פון צייט.

## דער ציפערבלאַט

זייגערס גייען לויט די שעהען, זייגערס ציילן אויס מינוטן
ס׳איילן ווייזערס און זיי קרייזן און די צייט זי גייט און גייט.
וואָס־זשע גייט זיי אָן מיין בענקשאַפט, צי מיין אומרו אין די בלוטן —
נישט זיי אַרט מיין שווערער אומעט, נישט זיי אַרט מיין שטילע פרייד.

אפשר ווייס דער זייגער עפּעס — אָט דער ציפערבלאַט דער בלאַסער,
עפּעס קוקט ער אָן מיך מאָדנע אין דעם שלאָפלאָזן באַגין,
אפשר טראָגט ער יאָ אַ סוד אום, עפּעס איז ער מיר מבשר,
נאָר איך ווייס נישט — שטום, פאַרהוילן בלייבט ער גלאָציק, אָן אַ זין.

## דער ציפּערבלאַט קוקט אויסגעקרימט

דער ציפּערבלאַט קוקט אויסגעקרימט — אַ ווייטאָגלעכער פּנים,
נאָך יאָרן גיין — די שטייענדיקע ווײַזערס הענגען מיד.
עס קוקט אויף זיי דער ציפּערבלאַט אַ בייזער ווי אויף שונאים,
ווי זיי וואָלטן געלאָזן שטיין אין גאַנג אים אין דער מיט.

אַ לעבן לאַנג אָן אויפהער אַלץ געיאָגט זיי און געטריבן
ביז ס'האָט זײַן האַרץ, די שפּרינגפעדער, אין מיטן גאַנג געפּלאַצט.
עס זײַנען, ווי פּאַרגליווערטע, די ווײַזערס שטיין געבליבן —
איצט גלאָצט אויף זיי דער ציפּערבלאַט אַ וווּנדיקער צעקראַצט.

## דער זייגער

אַלץ טויבט אַרויס פון אייביקייט און ווערט אין צײַט פּאַרזונקען,
אין יענעם טײַך פון דויער וואָס פּאַרשווענקט אַלץ אין זײַן גאַנג.
דער זייגער מעג זיך גיין און מיט די ווײַזערס כיטרע ווינקען,
ביז ער אַליין וועט בלײַבט שטיין אַ מאָל מיט לעצטן קלאַנג.

אַזוי פּאַרגייט די צײַט אַליין. איר מאָנאָטאָנעם ניגון
קלאַפּט אָפּ דער זייגער ווײַל נאָך ווײַל וואָס קומט און איז נישטאָ,
ביז ווערן וועט ער אויך אַ מאָל פון זיך אַליין אַנטשוויגן
און ס'וועלן זײַנע ווײַזערס טײַטען אויף אַ פּאַלשער שעה.

## דער זייגער ציילט

דער זייגער ציילט די רגעס מיט אַ טיק־טאַק מאָנאָטאָנעם,
ווי ער געחוזקט וואָלט פון מיר: — נו, מענטש, נעם אויך און צייל!
צייל אָפּ די אַלע רגעס, אָט די טויזנטער־מיליאָנען,
דערמאָן זיך יענע צײַט ווען דו געוווינט האָסט אין אַ הייל! —

— געדענקסט, ווען דו אַ האָריקער ביסט פּלוצלינג מענטש געוואָרן?
די צײַט געדענקט, די צײַט טראָגט אום דײַן גורלדיקן סוד.
אין יעדער ווײַל באַהאַלטן ליגט דײַן גאַנג דורך טעג און יאָרן,
און ס'הילכט אין יעדן טיק־טאַק אָפּ פון אָט דעם גאַנג דײַן טראָט! —

## כ׳האָב ליב די אַלטע זייגערס

כ׳האָב ליב די אַלטע זייגערס מיט פאַרגעלבטע ציפערבלאַטן,
אַלטמאָדישע זיי קלינגען אויס צעגלעקערטע די שעה
אין זייער קלונג, אין זייער אויסזען דעם פאַרגעלבטן, מאַטן
באַהאַלטן ליגט דער אומעט שוין פון אַלץ וואָס איז נישטאָ.

מיר דאַכט, אין זייער קלונג הילכט אַ פאַרגעסענער יאָרהונדערט
מיט שוועבנדיקע טריט פון אַ פאַרבענקטן מענועט.
דער זייגער צוקט, דער ציפערבלאַט קוקט גליווערדיק פאַרוווּנדערט,
ווי ער אַליין וואָלט גאָר געפרעגט: ווי שפּעט איז איצט, ווי שפּעט?

## אַ שפּיטאָל־זייגער

פאַרגעלבטע ציפערבלאַטן ווי פאַרעלטערטע געזיכטער,
אַרויסגעטויכטע פון אַ לאַנג־פאַרגעסענעם אַמאָל —
זיי גלאָצען פון די זייגערס אין דער שײַן פון שפּעטע ליכטער
מיט שאָטנדיקן טונקל פון אַ נאַכטיקן שפּיטאָל.

די ווײַזערס שלעפּן מידע זיך ווי קאַליקעס אויף קוליעס,
צעסקריפּעטע זיי קרעכצן און זיי בלײַבן לאָמע שטיין.
די ברוינע ראָם פון זייגער נעמט אַרום זיי שטום־פאַרטוליעט
און הערט זיך צו צו צו זייער נאַכטיקן געוויין.

## פאַר טאָג קוקט אָן דער זייגער מיך

פאַר טאָג קוקט אָן דער זייגער מיך אַ וואַכער, ניט־דערשלאָפן.
די ווײַזערס הענגען מיד אַראָפּ פאַרקלעפּטע נאָך מיט נאַכט.
איך קוק אים אָן — ער איז, ווי איך, אַ לעבן־לאַנג געלאָפן,
ווי איך, געגאַנגען צו אַ ציל וואָס האָט זיך אים געדאַכט.

אַזוי אָן אויפהער גייט ער אַלץ אין זײַנע רונדע רײַזעס,
דורך טאָג און נאַכט, דורך טאָג און נאַכט צום אויסגעדאַכטן ציל.
דער אומרו קלאַפּט טיק־טאַק און ער פאַרקלעמט דאָרט אין זײַן קרײַז איז,
ער לויפט פאַרויס און קומט צוריק — אַ מוראַדיקע שפּיל.

# שטאָטישע מאָטיוון

## בײַם ראַנד פון שטאָט

בײַם ראַנד פון שטאָט, אַריבער ווענט צעגרויטע פון פאַבריקן,
די וואָלקנס הענגען צוויטיקע אויף הויכע טורעמקעפּ.
די שקיעה־שטראַלן גליענדיק ווי רויטע שפּיזלען שטריקן
פון ציגלווענט און וואָלקנס אויס אַ פאַרביקן געוועב.

די וואָלקנס ווערן רויטער אַלץ מיט שרפה־גלי געצונדן,
די וואָלקן־צוויטן פאַלן צו די דעכער צו אין ווינט.
מיט רויט מיט אָפּגעטריפטן ווי מיט בלוט פון הימל־וווּנדן
און ווערן פון די שטראַלן־שפּיזלען מיט די ווענט פאַרשפּינט.

## בײַ נאַכט די שטאָט

בײַ נאַכט ווען ס׳ווערט פון שטאָט דער ליאַרעם אײַנגעדעמפּט, פאַרשטילט
און רוישלאָזע ווי שאָטנס שווימען אויפן טײַך די שיפן —
דיר דאַכט, דער ברעג שווימט אויך מיט זיי אין בלויקייטן פאַרהילט,
ווי אויפגעטויכט פון דעק פון טײַך, פון וואַסערדיקע טיפן.

ווי ס׳וואָלט די גאַנצע שטאָט אַליין פון וואַסערטיף אַרויס
און שווימט אין שפּיל פון ליכט און שאָטן אויף דעם בלוי פון כוואַליעס,
ווו ס׳מילכיקט זיך אין גרינער ראַם ווי אײַנגעפאַסט אַ הויז
און וואָלקן־קראַצערס פינצטערן ווי אויפגעטויכטע סקאַלעס.

## אויפן ברוק

אין שטיינערנער פאַרצווייפלונג שטייען גאַסן
מיט זעונגען פאַרנאַכטיקע פון ווענט.
די שטריַיפן זון אויף נאַקעטע טעראַסן
זיי גליווערן מיט לעצטן, רויטן בלענד.

די שטריַיפן לעשן זיך מיט אָפּגעצאַנקטן גליען
אויף האַרטן שטיין פון שמוציקן קאַרניז —
און אויפן ברוק אין בלוט פון רויטער שקיעה
דער פּחד טאַנצט אין דעם געאײַל פון פּיס.

## אַ נאַסע גאַס

די אָוונטגאַס איז אײַנגעהילט אין רעגנדיקער גרויקייט —
אַ שאָטנדיקע, פּוסטע גאַס, אַדורכגענעצט און קאַלט.
פון טונקל שנײַדט זיך שאַרף אַרויס מיט בולטער גענויקייט
דער גאַסנראָג מיט פענצטערליכט צעשפּיגלט אין אַספאַלט.

די דורכגענעצטע, שאָטנגאַס גלאָצט גליווערדיק און ליידיק
מיט זילבערדיקן רעגנשפּינוועבס דורכזיכטיק פאַרהילט
און נאָר בײַם ראַנד פון ראָג דאָס פענצטער ליכטיקט העל און פריידיק
און טאַנצט אין דער קאַלוזשע אום מיט טראָפּנס־טריף צעשפּילט.

## פאַרפלעקטע ווענט

פאַרפלעקטע ווענט צעגאָרנטע, פאַרקלעפּטע מיט פּלאַקאַטן,
וואָס הענגען אָפּגעבליאַקעוועט פון רעגן און פון ווינט,
די פענצטער גלאָצן מיט אַ שײַן אַ בלעכערדיקן, מאַטן,
וואָס קוקן מיט די שויבן־בעלמעס דעמערדיק און בלינד.

די ציגלווענט די רויטלעכע ווי לײַבער אָפּגעשונדן
מיט שרפה־לייטערס אײַזערנע וואָס גליווערן מיט שרעק
און טראָגן דעם געהילך שוין אום פון שרפה־נעכט געצונדן,
ווען פײַערלעשער־אויטאָס גיבן אימהדיק אַ וועק.

## אַ קלײנער האָטעל

אַ קלײנער האָטעל אויף אַ טונקעלער גאַס,
ווי שאָטנס די מענטשן דאָרט קומען, פאַרגייען,
ווו לאָמפּן פאַרטונקלטע מילכיקן בלאַס,
ווי נאַכטיק־פאַרגליוועטע פּחד־געשרייען.

דער שטויביקער שוועל גרויט פאַרטוליעט לעם טיר
פון טויזנטער טריט שוין צעריבן, צעטראָטן.
ס'איז שטיל. אויף אַ גאָרן נאָר קלאַגט אַ קלאַוויר
און ס'טאַנצט בײַם אַרײַנגאַנג אין ווינקל אַ שאָטן.

## אַ פּוסטע גאַס

אַ פּוסטע גאַס, די הײַזער שטייען דעמערדיק פאַרגליווערט,
די שקיעה נאָר מיט רויטקייט די פענצטער־שויבן צינדט,
זיי גליען אויף, נאָר בלייכער אַלץ און בלייכער זייער גלי ווערט,
זיי לעשן זיך, זיי שאָטענען, זיי קוקן גלאָציק־בלינד.

ס'איז טונקל. פּוסט. נאָר בײַ דעם ראָג אַן איינזאַמע פיגור האָט
פון טונקלקייט אַרויסגעטויכט און שאַרט זיך דורך דער גאַס,
די הײַזער שטייען דעמערדיק און גלײַכגילטיק צעשורהט
מיט פענצטער־שויבן גלאָציקע, ווי בעלמע־אויגן בלינד.

## די שטאָט בײַ נאַכט

כ'האָב ליב די שטאָט בײַ נאַכט — אַ ליכט־קאָלירטע פּאַנאָראַמע,
דעם אויסגעמיש פון פײַערן, פון פאַרבנגלי די שפּיל,
דעם טאַנץ־געפלעבט דעם רוישיקן פון יעדער וואַנט־רעקלאַמע
מיט קילע פליסטער־בלוּקייטן און הייסן רויטגעבריל.

כ'האָב ליב דעם פאַרבן־קלעטער פון פאַרפלאָכטענע נעאָנען,
ווי גלייזקע ליאַנעס אין דעם דזשונגלוואַלד פון וועגט,
וואָס פּרוּוון אונדז צעוווּנקענע מיט זייער שײַן דערמאָנען
פון שקיעות פאַרהיסטאָרישע דעם אויסטערלישן בלענד.

## איך קען מײַן גאַס

איך קען מײַן גאַס, די קלאַנגען וועלכע קומען און פאַרגייען,
מײַן אויער אַ געניטער איז צו זייער רויש פאַרהערט —
איך קען דעם קול פון טאָג וואָס קומט מיט הילכיקע געשרייען,
דעם ברום פון דעם פאַרנאַכט וואָס ליגט אַ מידער שוין אויף דר׳ערד.

נאָר ליב איז מיר פון אין דער פרי חער קלאַנג פון ערשטע שטימעס
וואָס גייען טויזק־פרישע אויף פון נאַכטיקייט דערוואַכט,
ווען ס׳איז דער רויש פון טאָג נאָך נישט געוואָרן גרילציק־נימאס
און נישט זײַן ברום וואָס גוססט אויף דער שוועל פון דעם פאַרנאַכט.

## אין אויטאָ בײַ נאַכט

די נאַכט זי פליסטערט, וויגט אײַך אײַן, זי גלעט אײַך און פאַררעדט אײַך —
אַ רעגן גיסט, עס כליאַפּעט אין אַ פלייציקן געאײַל,
דער אויטאָ פליט, ער רײַסט אַדורך די נאַכט, דעם ווינט, דעם שטח,
דער מײַלן־ציילער ציילט און שטײַגט, ער רעכנט מײַל נאָך מײַל.

די שאָטנס שפּרינגען, לויערן באַהאַלטענע ווי שונאים,
די ליכטער טרײַבן זיי צוריק און יאָגן זיי אַרום,
דער רעגן פלייצט און פאַטשט דעם אויטאָ ווינטיק אים אין פּנים
און דו, דו זיצסט פאַרוויגט פון נאַכט און מאָנאָטאָנעם ברום.

## וויליאַמסבורגער בריק

ווּהין זשע לויפסטו אין פאַרנאַכטן וויליאַמסבורגער בריק
צי נישט אַ מאָל קיין וואַרשע צו די נאַלעווקעס — קיין פּוילן.
מיט שורות פון לאַמטערנס פירסטו מײַן געדאַנק צוריק
צו אַט דער וועלט וואָס טונקלט שוין פון הינטער מיר פאַרהוילן.

און טרעפט איך גיי אַוועק דורך דיר מיט בלאַנדזשענדיקע טריט
און איך דערזע אַ וועלט וואָס איז אַרויס ווי פון זיכּרון,
ווּ גוט באַקאַנט איז מיר אַ יעדער פּנים פון אַ ייִד,
ווי כ׳וואָלט אים ערגעץ פריער שוין אין חורבן ווּ פאַרלאָרן.

## די נאַכטיקע שטאָט

מיט פײַערלעך מיט פאַרביקע וואָס ציטערן צעשאָטן,
ווי קרעלן ווי קאַלירטע אויף דעם שוואַרצן אָוונטפּליוש
גייט אויף די שטאָט. זי בלײַבט אַרויס דורך שלייערן פון שאָטנס,
דורך טונקעלער פאַרהילטקייט פון איר נאַכטיקן לבוש.

זי טויכט אַרויס געהיים אין שוואַרצן טראַכט אָן אויסגעפּאַסטע,
מיט שורות פײַערלעך־לאַמטערנס ווי מיט קייטעלעך פון גאָלד,
ווי איבער דעבער שעמעוודיק אַ געלבלעך־דורכגעבלאַסטע
דער מולד ווי אַ בראָש געלעבט בײַ דעם ראַנד פון איר דעקאָלט.

## אַ ליכטסיגנאַל

די היץ האָט זיך באַזעצט שוין גלײַך בײַם ראַנד פון דעם פרימאָרגן
איר הייסער אָטעמדיקער גלי האָט אַלץ אַרום פאַרצערט,
די גראָזן אָפּגעסמאַליעט און די ערד אַליין דערוואָרגן —
מיט הייסן אָטעם דורכגעברענט די לעבצנדיקע ערד.

די שטאָט ווי אַ דערשטיקטע וואַרגט זיך מיט געררוך פון סמאָלע
וואָס ציט זיך הייס און דאַמפּיק שוין אין ערשט צעגליטן טאָג
און נאָר אין גאַסן־פּלאָנטער, אין דער הייסער שטאָט־בהלה
מיט רויט און גרין אַ ליכטסיגנאַל טאַנצט רויִק אויפן ראָג.

## אַ מאָדנע גאַס

אַ מאָדנע גאַס — מיט פײַערן מיט נאַכטיקע באַלויכטן,
אָן אויסטערלישע גאַס, גאָר נישט די זעלבע וואָס בײַ טאָג,
ווו אין דעם טונקל מיט לאַמטערן־ליכט אַ גרין־באַהויכטן
אַ וואַנט קוקט אָן דיך סודותדיק, מיט חשד לויפּט אָן דער ראָג.

אַלץ קוקט דיך אָן געהיימנישפול — אין פלאַטערשפּיל פון ליכטער,
די פינצטערניש ווערט ספקדיק, קוקט אָן דיך מיט פאַרדאַכט,
ווו שאָטנדיק פאַרהוילענע עס טונקלען זיך געזיכטער,
ווי זיי וואָלטן פאַרשלייערט זיך מיט מאַסקעס פון דער נאַכט.

## אין מאַרגנרויך

עס מיניעט זיך די שטאָט אַזאַ מין גאָלדיק דורכגעבלאָסטע,
ווי פּערלמוטער גרוילעכער אין מאַרגנרויך פאַרהילט.
אין ליכט־און שאָטנשפּיל ווי אין אַ ראַם אַן אײַנגעפּאַסטער
זי שאַרט מיט סילועטן זיך אַרויס — אַ נעפּלבילד.

דאָס בילד ווערט בלויער, בלויער אַלץ, דער נעפּלדיקער קאָלטן
נאָך קנוילט זיך אַלץ אַ רויִקער וואָס וויקלט אײַן, פאַרהילט,
נאָך פלוצלינג ווי דער גרוי וואָלט זיך פון זיך אַליין געשפּאָלטן
ס'ווערט זוניק, העל, די שטאָט טוּכט אויף אין פאַרבנשפּיל אַ בילד.

## שויבן

מיט ווענט מיט אָפּגעקראַצטע שטייען הײַזער לאַנג־פאַרגעסענע,
מיט טירן אויסגעבויגענע, מיט שויבן מאַטע בלאַס,
ווי אויגן אויסגעלאָשענע פון מיידן לאַנג־פאַרזעסענע,
וואָס קוקן טריב, פאַרזאָרגט צו דער גלײַכגילטיקער גאַס.

די זון פאַרגייט, אָט האָט זיך איבער ווענט די אויסגעבויגענע
אַ זונשטראַל דורך די זײַלן שטויב אַדורכגעריסן קרום
און נאָר די שויבן פון די פענצטער שפּינוועבסטיק פאַרצויגענע,
ווי פנימער פאַרגעסענע זיי קוקן מאַט און שטום.

## די גאַס

די גאַס זי ווערט מיר אָפּ, ווי ס'וואָלט מיך אָפּגעוואָרט אַ שונא,
זי לויערט פון פרימאָרגן גלײַך, פאַרטײַעט בײַ מײַן טיר.
איך גיי אַרויס אין גאַס און ווייס — זי ווערט מיך הײַנט נישט שוינען
בײַם ערשטן טראָט דערפיל איך שוין איר גרויליקן באַריר.

כאָטש זי, די גאַס, זי מאַכט זיך, אַז זי זעט מיך נישט אין גאַנצן,
נאָר איך, איך פיל — פון אַלע זײַטן לויערט זי און קוקט
און ס'וועלן אַלע ווענט אַרום פאַר שׂמחה זיך צעטאַנצן
ווען אויסגעגליטשט, פאַרבלוטיקט איך וועל פאַלן אויפן ברוק.

## אַ װאָלקן־קראַצער

אַ װאָלקן־קראַצער הױבט זיך, שטײַגט — אַ ברױנער קאַפּוצינער,
זײַן טורעם־קאַפּושאָן פֿאַרהילט איז אין אַ נעפּלרויך.
ער שװימט דאָרט אום אַ טונקעלער, אַ סילועטיק דינער,
װי ער װאָלט זיך געצױגן צו דעם הימל, צו דער הױך.

דער נעפּלגרוי כאַפּט אים אַרום און לאָזט אים מער נישט קריכן,
ער דריקט אים צו דער ערד אַראָפּ, ער שטייט פֿאַרגליווערט, מיד,
די הײַזער טוליען זיך אַרום מיט דעכערדיקע פֿליכן —
װי טונקעלע מאַנאַכן װאָלטן פֿרום אַרום געקניט.

## די שטאָט װערט אין דער נאַכט

די שטאָט װערט אין דער נאַכט מיט מוטנער רויִקייט פֿאַרצױגן,
די ליכטער בלײַבן מאַט װי דורך אַ גרוי־פֿאַרהױכטער גלאָז,
װי ס'װאָלט די נעפּל־טונקלקייט אין זיך זײ אײַנגעזױגן
און נאָר װי פֿון אַ װײַטן בראַנד דער הימל שײַנט אַפּ ראָז.

די שטאָט שװימט רויִק — אָפּגעמעקט מיט שאָטן־סילועטן,
אַ לופטיקע, געשפּענסטיקע, זי שװימט אַרױס־אַריין
דורך נעפּלגרוי װאָלן אין דעם טונקל אין דעם שפּעטן
און נאָר די װאָלקנס ראַזיקן מיט שרפֿהדיקער שײַן.

## מיט אױגן װעלפֿישע

מיט אױגן װעלפֿישע לױפֿט הונגעריק די שטאָט צו אונדז אַנטקעגן,
זי לױפֿט צו אונדז מיט פֿײַער־אױגן אין דער נאַכט צעגליט.
דער אױטאָ יאָגט מיט שױבן אױסגעװײנטע אין דעם רעגן,
די נאַכט זי װיל פֿאַרהאַלטן אים, נאָר ס'יאָגט דער אױטאָ, פֿליט.

די נאַכט פֿאַרלױפֿט פֿון פֿאָרנט אונדז, זי לױפֿט אונדז נאָך פֿון הינטן,
דורך פֿינקלענדיקע טראָפּנס טראָגט דער אױטאָ זיך געשװינד.
דער נאַסער חושך יאָגט אים נאָך מיט פֿלאַטערדיקע װינטן,
אַנטקעגן לױפֿט די שטאָט מיט אױגן װעלפֿישע צעגרינט.

## די נאַכטיקע צוגן

די נאַכטיקע צוגן זיי לויפן אַדורך לעם פאַרשלאָפענע שטעט,
די פינצטערע פענצטער אויף גאַרנס זיי גלאָצן פאַרכמורעט ווי שטענדיק,
נאָר איבער די דעכער מיט ליכטער מיט פאַרביקע — רויט, פּיאָלעט
עס שלאָפט נאָך די שטאָט נישט, אין דר'הייך מיט געצונדענע נעאָנען
בלענדיק.

די שטאָט לויפט פאַרביי, לויפט אַדורך מיט די נאַכטיקע שאָטנס פאַרהילט
און ווערט אין דער ווייטקייט דער שוואַרצער געשפּענסטיק פאַרשלונגען,
פאַרשוווּנדן,
און נאָר איבער דעכער־קאָנטורן מיט פאַרביקע ליכטער צעשפּילט,
דער הימל פון ווייטנס נאָך טוקט זיך ווי שרפהדיק־פלאַמיק געצונדן.

## אַרבעטער־פאַרשטעט

פאַבריק־קוואַרטאַלן, גרויע פאַרשטעט, הויכע, שוואַרצע קוימענס,
אַדורכגעסאַזשעטע מיט וויקלענדיקע רויכן אין פאַרנאַכט.
די טורעמדיקע וואַסער־פעסער אין די גרויע רוימען,
וואָס גלאָצן פון די אייזערנע שטאַבעטן אויפן דאַך.

דער אומעט פון פאַרנאַכטן. שוואַרצע פאַרקאַנעס, פאַבריקן,
די שווערע טריט פון דורכגייערס אויף גרויען ברוק פון שטיין,
די האַרטע, שטויביקע געזיכטער מיט פאַרגליטע בליקן
און פנימער פון קינדער ווי פאַרגליווערט פון געוויין.

# סעזאָנען

## דאָס ערשטע פרילינג־ווינטל

דורך זאַווערוכעס רײַסט זיך דורך דאָס ערשטע פרילינג־ווינטל,
זײַן אָטעם שאַרט אָוועק דעם שניי, די ערד וואַכט אויף געוועקט —
אַזוי גרינט אויף דער ערשטער קנאָספּ, דער בלאַסער, צאַרטער בינטל
פון ערשטן גראָז גייט אויף פון אים ווי כּישופדיק געוועקט.

דאָס פרילינג־ווינטל האָט זיך ווינטער ערגעץ אויסבאַהאַלטן
און איז געקומען אומגעריכט, און מיט זײַן לינדן בלאָז
אַ יאָג געטאָן דעם ווינטער מיט זײַן שנייוויכער דעם קאַלטן
און פּלוצלינג טויט געבליבן ליגן אויף דעם ערשטן גראָז.

## דער פרילינגווינט

איך טראָג אַרום דעם פרילינגווינט. דורך מײַנע אַרבל אָפן
איז ער צו מיר אַרײַן און מיך מיט קילקייטן פאַרהילט,
אַ וויג געטאָן מיך שיכּור און זיך אויף מײַן לײַב צעלאָפן,
און שטיפעריש מיט סאַמעט־גלעטן זאַרגלאָז זיך צעשפּילט.

דערנאָכדעם גאָר אַ ריס געטאָן דעם קאָלנער פון מײַן פאַרהעמד
און פרייליך אויף מײַן פּנים זיך געגעבן אַ צעיאָג —
איצט גיי איך מיט דעם פרילינגווינט אין גאַס אַרום געאַרעמט,
אין בלויער גאַס פון זוניקן, אַדורכגעהעלטן טאָג.

## ער ראַנגלט זיך דער ווינטער

די לופט איז פּראַסטיק, כאָטש דיביימער הויבן אָן שוין גרינען,
דער ווינטער וויל נישט אָפּטרעטן, ער קלאַמערט זיך מיט גוואַלד,
ער פּרוווט נאָך אין דער פרי מיט טוי מיט פראָסטיקן פאַרשפּינען
די ערד, די ביימער, אַלץ באַהויכן פרירנדיק און קאַלט.

ער ראַנגלט זיך דער ווינטער אַ פאַרעקשנטער, פאַרביסן,
ער אָטעמט נאָך אַ ווינטיקער מיט טראַציקן באַגער,
נאָר ס'האָט די זון זיך האַסטיק דורך דעם נעפּל דורכגעריסן —
דער ווייַסער טוי צעגייט, אַ טראָפּן ציטערט ווי אַ טרער.

## עס שנייט און זוניקט

דער ווינט איז מיט געראַבן פול, מיט שמעקעוודיקער פרישקייט,
ער מישט זיך מיט דער קילקייט פון דער טייַענדיקער ערד.
ער שנייט און זוניקט אין אַן ערב פרילינג אויסגעמישטקייט
אַן אייזליכטל האָט פלוצלינג זיך אַ פריידיקע צעטרערט.

עס שנייט און זוניקט. פון דער גרויער וואָלקן־איינגעהילטקייט
רייַסט פלוצלינג זיך די זון אַרויס, כאָטש ס'פּראַסטיקט נאָך, עס שנייט,
דער ווינט בלייַבט שטיין און דו דערהערסט אַדורך דער קילער שטילקייט
ווי ס'פאַלן טראָפּנס אויף דער ערד — דער אייַז טריפט אָפּ, צעגייט.

## פאַרפרילינג

נאָך ראַנגלט זיך דער ווינטער אַלץ, מיט קילער שאַרפער רויקייט
טראָגט אום דער ווינט פון שמעלצנדיקע שנייען דעם גערוך,
נאָר פון דעם הימל טריפט שוין מילד אַ דורכזיכטיקע בלויקייט,
דורך וואָלקנדיקע שפּאַרעלעך זי גנבעט זיך אַדורך.

און ס'העלט מיט בלייכער זוניקייט, די לופט ווערט גאָלדיק בלאַסער,
ווי ס'וואָלט מיט בלוי מיט ווינטיקן געוואָרן פול דער רוים
און נאָר אין קילן פליסטער פון צעפּלייצטע ריטשקעס וואַסער
נאָך בלעזלט זיך דער ווינטער אַלץ אין אויפגעפּוישטן שוים.

## ערב פרילינג

אַ נודנער רעגן גייט, דער פראָסט האָט דורך דער נאַכט געלאָזן,
דער שנײ ליגט שמוציק, ווי אַ ברודנע, נישט־פאַרבעטע בעט.
די וואָלקנס פליען אום פון ווינט דעם רויכיקן צעבלאָזן,
די פײַכטקייט שמעקט מיט דעמפּיקייט פון נישט־דערוואַשן גרעט.

נאָר אָט רײַסט דורך אַ פרישקייט זיך פון פײַכטער ערד צעשמעקטער,
דאָס גייט די ערד אויף פריילעך מיט קאַלוזשעלעך צעשפּילט,
דער הימל בלויט, כאָטש וואָלקנדיק נאָך אַלץ אַ צוגעדעקטער,
ווי ער וואָלט אויך דעם ריח פון דער ערד מיט פרייד דערפילט.

## פאַרפרילינגדיקער דעמער

ס׳שפּרינגען פייגל אויף די צווײַגן ווי אויף שנייִקע טראַפּעציעס,
צום פאַרפרילינגדיקן צוויטשער גלאָצט דער דעמער שטום פאַרהערט,
נאָך דעם דעמער שלעפּט די נאַכט זיך ווו מיט מערצגעוויין פון קעץ איז
פול די לופט און ווו פאַרשאָטנט וואַכט מיט גלוסטונגען די ערד.

ס׳ווערט די ערד מיט שטילע קרעכצן שוין פאַרפרילינגדיק פאַרשוואַנגערט,
ס׳קוועלן וואָרצלען אָן מיט זאַפטן, בוכניען אָן מיט זייער טריף
און אַ פויגל אויף אַ צווײַג שטייט, דורך זײַן צוויטשער און געזאַנג הערט,
ווי עס גייען אויף די זאַפטן צו די שטאַמען פון דער טיף.

## כאָטש ס׳איז אַלץ ווי אַ מאָל

דער פרילינגדיקער דרויסן נאָך צעווינטיקט ווי אַ מאָל איז,
די קילע לופט איז דורכזיכטיק און ציטערדיק צעהעלט,
מיט ראָז און ווײַס צעשווימען זיך אין בלויקייט די מאַגנאָליעס,
נאָר ס׳האָט די קילע זון נאָך מיט איר גאָלד זיי ווי פאַרגעלט.

און כאָטש ס׳איז ווי אַ מאָל — דער פרילינג איז דער זעלבער,
נאָך פאַלט מיט פרישער קילקייט צו דער ווינטל צו מײַן הויט,
נאָר מיר זעט אויס דער ערשטער גראָז איצט בלייכער שוין און געלבער
און ס׳איז דער בלוי פון הימל נישט דער זעלבער שוין — ער גרויט.

## אין זומער־פאַרנאַכטן

וועןן שטויביק, מיט ריחות פון רײַפע קאַשטאַנעס, די זומער־פאַרנאַכטן מיט געלבלעכע שקיעות
צעלייגן אַ רויטלעכן זשאַווער אויף שויבן און ברענען די ווענט דורך מיט ברוינלעכן גלי,
זיך שטעלן מיט אויגן פאַרמאַכטע צום מערב און פילן אין גלעט פון די שטראַלן אויף וויעס.
דעם טריף פון דער זון וואָס צעשמעקט זיך מיט האָניק, מיט לאַנג שוין פאַרגעסענע ריחות פון בלי.

אין אַלע פאַרנאַכטן, ווען גאַסן אַנטלויפן מיט אײַליקע רעדער פון טאָג, פון דעם ליאַרעם,
ווען פענצטער צעבליען זיך בלאַסע געצונדן מיט אומעט פון קאַלטער עלעקטרישער שײַן
זיך שטעלן אַנטקעגן דעם מערב און פילן — אַ לעצטער, פאַרבלאָנדזשעטער זונשטראַל וועט וואַרעם
אַ שמעק טאָן מיט לאַנג שוין פאַרגעסענע ריחות, מיט זיסלעכן טעם פון קינדערשן ווײַן.

## די חמימה

די זון זאַפּט אײַן די פאַרבן און די היץ שלינגט אײַן די קלאַנגען —
אַ שווערע, דושנע שטילקייט און אַ זוניק־הייסער פלייץ.
די שמאַכטנדיקע ערד ליגט פון דער דומפּיקייט געפאַנגען
און נאָר פון פעלד שײַנט אָפּ צוריק מיט גאָלדיקייט דער ווייץ.

אַ פויגל האָט צעהילכט זיך מיט אַ גאָרגלענדיקער שטימע,
ווי ער וואָלט פּלוצלינג אויפוועקן די שטילקייט דאָ געוואָלט,
נאָר אַלע קלאַנגען, אַלע פאַרבן האָט פאַרצערט די חמימה
און נאָר אין פעלד דער רײַפער ווייץ שײַנט אָפּ מיט הייסן גאָלד.

## די זון

אַ מוטנער, גרויער טאָג, דער הימל נעפּלט זיך פֿאַרכמאַרעט,
ווי ס'וואָלטן שרפֿה־רויכן גאַל אים קאַלטנדיק באַדעקט.
די זון לויפֿט אום און זײַ — דאָ רויטלעך פֿײַערדיק־צעזשאַרעט,
דאָ מילכיק־בלאַס — אַ מאַטער פּנים געלבלעך דורכגעפּלעקט.

די זון, זי לויפֿט, אַנטלויפֿט — די וואָלקנס אַשיקע, צעפֿליקטע
זײַ יאָגן זי צעווײַנטיקט נאָך, די זון זי אײַלט אין שרעק.
אָט לעשט זי זיך, אָט טוליעט זי אויף אַן אומרויִק־צעוויגטע
און אײַלט, און ווערט פֿאַרלאָרן ווו — אַן אָפּגעמעקטער פֿלעק.

## פֿון הייסער זון

פֿון הייסער זון ווערט געלבלעך־מאַט דער רײַפֿער גרין פֿון בלעטער
די גראָזן לעכצן דאַרשטיק נאָך אַ רעגנדיקן טריף,
אַ וואָרעמל איז שטיין געבליבן הילפֿלאָז אין זײַן קעלטער,
אַ שטיין האָט זיך אַ שטויביקער אין זאַמד פֿאַרגראָבן טיף.

די חמימה שטײַגט, זי שלאָגט זיך אָפּ פֿון יעדן בלאַט און גרעזל
פֿון אייגן בלויקייט הענגט דער הימל מיד שווין און פֿאַרשוואַכט
און נאָר פֿון מאַטן גראָז אַרויס קוקט פֿריידיק־שטיל אַ העזל
מיט אויגן פֿײַכט־צעליכטיקטע, נאָך פֿול מיט קילער נאַכט.

## איבער זונטערעפּ

דורך פֿאַסמעס גרויע וואָלקנס הויבט אַ בלויקייט אָן צו שפּילן,
אַ הימלבלוי וואָס ווינקט אַרויס צעשטיפֿט מיט פֿרילינגפֿרייד,
וואָס לאָזט זיך פֿון דער וואָלקן־גרויקייט מער זיך נישט פֿאַרהילן
און שוועבט אַרום להכעיס זיי מיט זוניקייט באַגלייט.

די שויבער־וואָלקנס יאָגן זי, זיי פּרוּוון זי פֿאַרשטעלן,
מיט קאָלטן־לאַפּעס דראָען זיי — אָט ווערט זי באַלד פֿאַרצערט,
נאָר ס'ווערט די בלויקייט בלויער אַלץ, די וועלט הויבט אָן צו העלן
און איבער זונטערעפּ גייט אַראָפּ דער פֿרילינג צו דער ערד.

## די היץ

די היץ זאַפּט איין אין זיך די פײַכטקייט פון דער לופט, איר פרישקייט,
זי זויגט אַרײַן אין זיך אַ יעדן דינסטן אַראָמאַט,
דער הימל טונקלט אין אַ שטויביק־גרויער אָפּגעווישטקייט,
אַן בלוי, אַן שײַן, אַדורכגענעפּלט, דורכגערויכיקט מאַט.

די היץ פאַלט־צו צום לײַב, דאָס בלוט ווערט שווערער, שווערער, בלײַיִק,
זי דרימלט איין דײַן ווילן, זי פאַרשלעפּערט דײַן געדאַנק
און נאָר אַ טעמפּער אומרו רײַסט זיך אַלץ נאָך אַנגסטיק, שרײַיִק —
אַן עכאָ אַ דערשטיקטער פון אַ גוססן פאַרלאַנג.

## די זון איז אַ קראַנקע

די זון גייט אַוועק שוין אין מערב אויף אָפּרו,
צום ראַנד ווו עס טרעפט זיך דער הימל מיט ים.
די זון וויל אַוועקלייגן מיד שוין איר קאָפּ ווו
וואָס גליט אַ צעהיצטער פון אייגענעם פלאַם.

די וואָלקנס פאַרלויפן צעווינטיקט דעם וועג איר,
זיי פאַלן צום ראַנד צו פאַרבלוטיקט און מיד,
דאָרט גרייטן זיי צו פאַר דער זון אַ געלעגער —
די זון איז אַ קראַנקע, זי פיבערט און גליט.

## כ'האָב ליב דעם זומער

כ'האָב ליב דעם זומער מיט די בליצן, מיט די שווערע דונער־קנאַלן —
דעם אונטערהימל, ווען ער שפּאַלט זיך אין אַ פײַערדיקער שפּיל.
ווען ערשטע, גרויסע, שווערע טראָפּנס הויבן האַסטיק אָן צו פאַלן,
דער ווינט בלײַבט שטיין און אַלץ אַרום ווערט פּלוצלינג
ווי פאַרגליווערט, שטיל.

און נאָר די טראָפּנס פאַלן, פאַלן, ווי אַ פויק וואָלט זיך צעפּײַקלט,
עס גיט אַ בליץ אַ קריץ דעם הימל, גיט אַ בלענד גרין און פאַרשווינדט.
און ווי צעליאַרעמט ס'וואָלטן פעסער זיך אין הימל שווער געקײַקלט —
עס לויפט אַ דונער און צעשיט זיך, הינטער אים לויפט שוין דער ווינט.

## דער גלי פון זון

דער גלי פון זון דערמאָנט מײַן לײַב דעם צערטל פון מײַן מאַמען
צי גאָר אַ מאָל — אַ מיידלהאַנט, וואָס גלעט מיך הייס פאַרליבט.
זיי ווערן אין דעם זונבאַריר ווי אויסגעמישט צוזאַמען —
מײַן מאַמעס גלעט, דער מיידלס צערטל ווערן איינס — פאַרקניפּט.

און טרעפט אַז מיט דעם זונגלעט גייט גאָר אויף מיט אים אַ ניגון
וואָס ס'האָט אַ מיידל מיר געזונגען ערגעץ ווו אַ מאָל,
צי אפשר גאָר מײַן מאַמעס ליד בײַ נאַכט שפּעט בײַם פאַרוויגן,
ווען העל געוואָרן, פול מיט זון, די נאַכט איז פון איר קול.

## ס'איז דושנע, הייס

דורך פענצטערלעך פון וואָלקנס קוקט אַרויס פון דאָרט די זון הייס,
זי שווימט אַרום אַ גאָלדענע — אָט קומט זי און פאַרשווינדט.
עס כמאַרעט זיך, די לופט איז פײַכט, ווי אויף צעברומטע סטרונעס
עס זשומען די קאָמאַרעס בייז, מיט רעגן שמעקט דער ווינט.

די זון זי שאַרט זיך דורך די וואָלקנס, קוקט אַרויס דורך שפּאַרעס,
אָט גאָלדיקט זיך דער טײַך און אָטאָ ווערט ער גרוי און מאַט.
ס'איז דושנע, הייס, אָן אויפהער אַלץ. עס זשומען די קאָמאַרעס
און ס'שמעקט די ערד מיט ביטערקייט און פאַרנעם אַראָמאַט.

## די זון ציט זיי אַרײַן

די זון האָט אײַנגעשלונגען אַלע בלויען, אַלע גרינען,
די בלומען שטייען מאַט־פאַרבלאַסט פון זונבלענד אָפּגעמעקט,
די ווענט, די הייזער הויבן אָן צעשווימען זיך, צערינען,
זיי ווערן מיט אַ נעפּלדיקער גאָלדיקייט באַדעקט.

די זון ציט זיי אַרײַן אין זיך מיט פינקלענדיקע גליען,
זי זאַפּט אין זיך דיביימער אײַן, די הײַזער און די ווענט,
זי לעשט זיי אויס, זי פּרוווט זיי מיט איר גאָלדיקייט פאַרציען
און נאָר די פענצטער־שויבן פינקלען מיט אַ הייסן בלענד.

## אַ וואָרעם

די היץ איז גליִיק־דושנע, כּאָטש די זון קוקט מאַט, פֿאַרכמורעט,
קיין ווינטלפֿאָך, די גראָזן ליִגן נידעריק און מיד.
דיביימער שטייען גרויע, אין אַלעען אויסגעשורהט,
די שאָטנס ליִגן הייסע פֿון דער זון אַדורכגעגליט.

ס'איז שטיל — די פֿייגל האָבן אויך זיך פֿאַר דער היץ באַהאַלטן,
ווי ס'וואָלט די היץ אַ יעדן קלאַנג, אַ יעדע פֿאַרב פֿאַרצערט
און נאָר פֿון דר'ערד דער טרוקענער דורך אויפֿגעפּלאַצטע שפּאַלטן.
אַ וואָרעם קריכט אַרויס און שאַרט זיך אויף דער הייסער ערד.

## בײַם סוף זומער

בײַם סוף פֿון זומער קומט אַ טאָג וואָס גרינט נאָך, וואָס איז זוניק,
ער קומט צוגיין און ברענגט דעם ערשטן וועלקנדיקן בלאַט,
אַ טאָג אַזאַ — אַ פּײַנשמעקער, אַ האַרבסטטאָג אַ מפֿונק —
וואָס האָט גאָר ליב דעם פֿוילגערוך, דעם וועלקונג־אַראָמאַט.

ער האָט נישט ליב זײַן הימלבלוי, די גרינע זומער־פֿאַרבן,
ער איז פֿאַרליבט אין האַרבסט־קאָלירן: פּורפּור, גאָלד און רויט.
וואָס גייט אים אָן דער טרויער פֿון דעם בלעטערדיקן שטאַרבן,
אַז ליב האָט ער דעם פֿוילגערוך, די פֿאַרבנשפּיל פֿון טויט.

## סוף־זומערדיקע טעג

די בלייבקייט פֿון סוף־זומערדיקע טעג, ווען איז פֿאַרנאַכטן
גייט אויף די מידע קילקייט פֿון אַ שטויביק־זאַטער ערד.
די ביימער רוישן, שאַרכן אויס די פֿאַרכטיקע פֿאַרדאַכטן
פֿון קומענדיקע טעג — זיי שטייען שרעקעוודיק פֿאַרהערט.

קיין ווינט איז גאָר נישטאָ, דאָס רוישט די שרעקעוודיקע שטילקייט
מיט אָנונגען פֿאַרהאַרבסטיקע, אַ גאָלדיקייט פֿאַרציט
ווי שטענדיק נאָך דעם מאַטן גריז, נאָר ס'שמעקט די בלאַסע קילקייט
מיט שטויביקער, מיט זאַטער ערד וואָס איז פֿון זון שוין מיד.

## אין זוניקן סעפּטעמבער־טאָג

אין זוניקן סעפּטעמבער־טאָג, דעם זומערטאָג דעם שפּעטן,
ווען ס'אָטעמט שוין די ערד מיט לעצטע ריחות דעמפּיק־הייס,
גייט אויף אַ זון אַ שטעכיקע, זי פּרוּווט נאָך כּלומרשט גלעטן,
נאָר ס'איז איר גלי אַ בײַסיקער, איר צערטל זלידנע בייז.

די פליגן פליען אויף אום בייז מיט זשומענדיקן פּלאָטער,
זיי בײַסן זיך להכעיסדיק און פאַלן שפּעטער טויט.
די ערד ליגט פויל און דרימלענדיק פון זומערגלי פאַרמאַטערט
און נאָר דער הימל ליכטיקט צאַרט, ווי פרילינגדיק צעבלויט.

## האַרבסטיקער מאָטיוו

אַ פּיאָלעטער אָפּשײַן פאַלט פון רעגן אויף דער ערד
און גלאַנציקער עס ווערן די אַדורכגעווייקטע בלעטער.
דער גאָלד ווערט פײַכט, דער פּורפּור ווערט מיט בלויקייטן פאַרטרערט,
דער נאַסער ווינט לויפט אויף אַרום אַ רויכיק־פּיאָלעטער.

דער האַרבסט זינגט דורך דעם רעגן אויס פון אייביקייט דאָס ליד —
פון אויפקום און פאַרגענגלעכקייט, פון אויפשפּראָץ און פון שטאַרבן,
און לעשט מיט פײַכטן אָטעם אויס דאָס גאָלד וואָס ווערט פאַרגליט,
און וואַשט מיט פּיאָלעטן אָפּ די לעצטע שײַן פון פאַרבן.

## האַרבסטיקע פאַרנאַכטן

סוף־זומערדיקע וואָלקנדלעך, צעשפּילטע — רויטע, געלע,
פון שקיעות פלאַמיק־פאַרביקע אַדורכגעהעלט, צעגליט.
די טעג זיי ווערן קורץ שוין, קיל, זיי אײַלן האַסטיק־שנעלע,
נאָר די פאַרנאַכטן גליווערן, צעצויגן פויל און מיד.

די נאַכט ווערט אויסגעצויגן, לאַנג, דער טאָג קומט אָן אַ שפּעטער,
ער קומט מיט הימלען כמאַריקע, מיט נעפּלגרוי פאַרהילט
און נאָר מיט לעצטן רויט און גאָלד אויף וועלקנדיקע בלעטער
דער האַרבסט ווערט גליען פלאַמיק, פאַרביק, שטאַרבנדיק צעשפּילט.

## דער האַרבסט

דער האַרבסט האָט אויסגעביסן שטיקער גרויע טראָטוארן —
זיי ליגן טיף־צעלעכערטע און אויסגעקרימטע, נאַס.
דער ווינט האָט זיך צעקײַקלט, ווי געפּרווט וואָלט ער פֿאַרשאַרן
די פֿאַלנדיקע בלעטער אויף דער רעגנדיקער גאַס.

די בלעטער פֿליִען אום, זיי שפּרינגען שטיפֿעריש־צעטאַנצטע
זיי לאָזן זיך נישט כאַפּן און זיי יאָגן זיך געשווינד
און בלײַבן אויף די טראָטוארן ליגן נאַס־צעגלאַנצטע,
פֿאַרטאָפּטשעטע, צעטראָטן, נאַר אַנטלאָפֿענע פֿון ווינט.

## געלע בלעטער

די געלע בלעטער קלײַבן זיך בײַם ראַנד פֿון טראָטואַר
און ליגן ווי פֿון זיך אַליין אין קופּקעלער פֿאַרזאַמלט.
זיי טוליען זיך ווי ס׳וואָלט געיאָגט די שרעק זיי, די געפֿאַר
און מורמלען עפּעס שאָרכנדיק און הילפֿלאָזדיק צעשטאַמלט.

ס׳איז שפּעטער האַרבסט, די ביימער שטייען אָפּגעדעקט און הויל,
די לעצטע געלע בלעטער פֿאַלן ניכנעדיקע, שטילע,
זיי זאַמלען זיך פֿון זיך אַליין פֿאַרטוליעט אין אַ קנויל
און שאָרכן אויס מיט שרעק אַ לעצטע, קרעכצנדיקע תּפֿילה.

## דער האַרבסטווינט

דער האַרבסטווינט אין מײַן פֿענצטער האָט פֿון אָנהויב נאָר געפּליסטערט,
ווי ער צו מיר אַרײַנגערעדט וואָלט אומעטיק און באַנג.
איך האָב געוווּסט — מײַן דיאַלאָג מיט אים איז אַן אומזיסטער
ער האָט גערעדט און איך האָב בלויז געענטפֿערט אין געדאַנק.

צי האָט ער דאַן פֿאַרשטאַנען מיך — דאָס בין איך איצט נישט זיכער,
איך האָב געפֿילט זײַן אָטעם נאָר, וואָס פֿאָכט אויף מיר מיט האַס.
ער האָט זיך פּלוצלינג הויך צעלאַכט, צעכיכעט זיך, צעוויכערט
און האָט מײַן פֿענצטער אויפֿגעריסן מיט אַ ווילדן כּעס.

## ס׳איז אָוונט. האַרבסט.

אַ רעגן גייט אַ האַרבסטיקער, די טראָפּנס פֿאַלן, פֿאַלן,
ווי עמעצער אין הימל וואָלט געזיפּט זיי דורך אַ זיפּ.
דער אָוונט וויקלט אײַן די שטאָט אין טונקעלע וואַלן
און ס׳לויפֿט דער ווינט די טראָפּנס נאָך מיט שלוכצנדיקן כליפּ.

ס׳איז אָוונט. האַרבסט. די ווײַטקייט קנוילט זיך נעפּלדיק דערוואָרגן,
לאָמטערן־פּלעמלעך לעקן אָפּ דעם רעגנדיקן טריף.
אַ פּוסטע גאַס, נאָר דער אַספֿאַלט האַלט אַלץ אין זיך פֿאַרבאָרגן —
ער כאַפּט די טראָפּנס, שלינגט זיי אײַן אין זײַן צעגלאַנצטער טיף.

## דער פֿאַלנדיקער שטערן

איך שטיי אַליין אין האַרבסטיקן, אין ווינטיק־קאַלטן דרויסן
אַנטלאָפֿן פֿון דעם גאַסנרויש אין שטילקייט פֿון דער נאַכט.
מיר קומט עס פֿאָר, דאָס האָט די וועלט מיך אין אַ תּהום פֿאַרשטויסן,
די שטילקייט שלינגט מיך אײַן, איך בין אין פֿינצטערניש פֿאַרמאַכט.

אַרום מיר שלאָפֿט די גאַנצע וועלט און אַלע מענטשן שלאָפֿן,
די שטערן נאָר זיי שלאָפֿן נישט, אַ שטערן גיט אַ פֿאַל,
ווי ער וואָלט אויך פֿון הימל פֿון דעם נאַכטיקן אַנטלאָפֿן
און ס׳ציטערט הינטער אים מײַן אומעט אויף זײַן זילבערשטראַל.

## דער האַרבסטיקער וואַלד

דער וואַלד שטייט אָנגעטאָן אין זײַנע פּורפּורנע מלבושים,
ווי ס׳וואָלט דער האַרבסט אין חוזק־שפּיל פֿאַרשטעלן זיך געוואָלט.
דער וואַלד שטייט אַ פֿאַרגליווערטער, עס שרעקט דער רויטער פּליוש אים
עס שווינדלט אים און גרוילט זײַן בגדי־מלכותדיקער גאָלד.

ס׳איז שטיל, נאָר אין די צווײַגן שטייט אַ שאָרך אַ קוים־געהערטער,
ווי ס׳וואָלט בלחש גאָר געדאַוונט אין פֿאַרנאַכט דער וואַלד,
דער טונקל פֿאַלט שוין טויִק צו, דער וואַלד שטייט אַ פֿאַרקלערטער —
ער הערט זיך צו ווי ערגעץ ווו אַ בלאַט אַן ערשטער פֿאַלט.

## האַרבסטיקע שויבן

דער קילער טוי אויף שויבן זאָגט שוין אָן דעם האַרבסט באַצײַטנס,
ער לייגט זיך אויס מיט גרויקייט פון דעם הימל אויפן גלאָז.
דער אָוונט קומט מיט אומעטיקער בלויקייט אים פאַרבײַטן —
אַ מידער אָוונט, שאַרכנדיק אין שאָטנדיקן גראָז.

אַזוי אַ גאַנצע נאַכט די גראָזן שאָטנדיקע שאַרכן,
די פענצטער ציטערן מיט גלאָזיקן געקלאַג אין ווינט,
זיי שלאָפן נישט צעשראָקענע אַ גאַנצע נאַכט און האַרכן
מיט גרוי־פאַרהויכטע שויבן ווי מיט בעלמע־אויגן בלינד.

## האַרבסטיקער געוויטער

די גרויקייט אויפן הימל איז געוואָרן אַלץ געדיכטער,
די ערד געלעגן טונקל איז און אָפּגעלאָשן, מאַט.
אַ ווינט איז אָנגעלאָפן שנעל מיט האַסט — אַן אומגעריכטער,
אַ בויג געטאָן אַ בוים און אָפּגעפליקט דעם ערשטן בלאַט.

דער געלער בלאַט האָט זיך אין ווינט אַ שטויביקער געטראָגן,
אַ בליץ אַן אויפגעפלאַצטער האָט אים נאָכגעיאָגט צעגרינט,
דער הימל האָט מיט ערשטע טראָפּנס אויך געפּרוווט אים יאָגן —
ווי ס'וואָלט די גאַנצע וועלט געיאָגט זיך נאָך דעם בלאַט אין ווינט.

## די האַרבסטיקע זון

דער הימל אַ גרויער איז האַרבסטיק און רעגנדיק,
דער טאָג איז אַ קאַלטער מיט ווינטיקן בלאָז,
נאָר אָט וועט די זון באַלד בײַ קיינעם נישט פרעגנדיק
דורך שפּאַרעס פון וואָלקנס באַגילדן דעם גראָז.

אַזוי וועט דער האַרבסטטאָג גאָר פּלוצלינג נישט־ווילנדיק
אַ שמעק טאָן מיט פרילינג צעהעלט אומגעריכט,
ווי ס'וואָלט אויף להכעיס אומישנע, זיך שפּילנדיק,
די זון אַלע וואָלקנס צעפליקט מיט איר ליכט.

## טויבן פאַר טאָג

אַ פריער האַרבסטיקער פאַרטאָג מיט ראָזע היפּנדיקע פּיסלעך
די טויבן וואַכע וואָרקען שוין, כאָטש ס׳איז נאָך טונקל, גרוי.
די בלויקייט שאַרט אַרויס זיך, הויבט אָן גאָלדיקן צו ביסלעך
און גיט אַ צינד זיך פּלוצלינג אָן אין פונקלענדיקן טויט.

אַזוי גייט אויף אין פריען האַרבסט דער טאָג — אַ בלאַסער, מאַטער,
אַ געלבלעכער מיט קילער זון, מיט ערשטן וועלק פון גראָז
און נאָר די טויבן פליען אום ווי זומער נאָך צעפלאַטערט,
און פּיקן אויס פון דעם פאַרטאָג דעם בלאַסן גאָלד און ראָז.

## די שפּיל פון האַרבסט

די זון קוקט קאַלט אַראָפּ, זי קוקט זיך צו צום פלאַם פון פאַרבן
וואָס ס׳צינדט דער האַרבסט די ביימער אָן מיט פלאַקערדיקער האַנט.
עס קען די זון די שפּיל פון האַרבסט — זײַן אויסגעפּוצטן שטאַרבן,
דעם גלי פון פּורפּור און פון גאָלד — דעם רויטן פלאַקערבראַנד.

דעם בלעטערפאַל ווי פונקענשפּריץ און אין פאַרנאַכט דעם שטײַגן
פון נעפּל ווי אַ שרפה־רויך וואָס הילט דעם פאַרבנבלענד,
ביז ס׳וועלן מאָרגן הענגען שוין אָן בלעטער שוואַרץ די צווײַגן,
אַנטבלויזטע ווי פון שרפה־גלי פאַרסמאַליעט און פאַרברענט.

## דער האַרבסט זעט אויס

דער האַרבסט זעט אויס: אַן אַלטע פרוי — מיט האָר מיט אָפּגעבלאָנדטע
און צוגעשמינקט מיט רויטקייט איז דער וועלק פון איר געזיכט.
מיט בונטע פאַרבן הילט דער האַרבסט דעם ברוינעם צווײַגן־פּלאָנטער,
כאָטש איבער זיי דער הימל גרויט מיט דעמערדיקן ליכט.

אָט נאָך אַ ווײַל וועט אויך דאָס ליכט דאָס גרויע זיך פאַרלעשן,
מיט רעגן־טראָפּנס צופאַלן וועט באַלד די נאַכט פאַרטרערט
און אָפּוואַשן דעם טויטן רויט, די בלאָנדקייטן, די מעשן
וואָס וועלן זשאַווערדיק און נאַס זיך וואַלגערן אויף דר׳ערד.

## אַ קליינער בלאַט

אַ געלער בלאַט האָט ווי אַ קליינטשיק העזעלע אין גראָז
אַ שפּרונג געטאָן און איז פאַרשווונדן ערגעץ אויפן פעלד,
דער ווינט האָט מיט זײַן אָטעם אַלע בלעטער בייז צעבלאָזן
און הילפלאָזע אַרומגעיאָגט פאַרטריקנטע, פאַרגעלט.

די בלעטער האָבן הימלאָזע צעשראָקן, בייז געטריבן,
געזוכט אַ מקום־מקלט ווו אין ווינטיקן געיעג,
אַ קליינער בלאַט, אַ געלער, איז גאַר פלוצלינג שטיין געבליבן,
אַ פאַל געטאָן און אָנמעכטיק געחלשט בײַ דעם וועג.

## דער האַרבסט איז נישט אַוועק

דער הימל הענגט דאָ נידעריק אַ גרויער, אָפּגעקראָכן,
מיט ברוינע לאַטעס זשאַווערדיק ליגט זאַמדיק דאָ די ערד,
די צווײַגן ליגן בײַ די שטאַמען ווינטיק אָפּגעבראָכן,
ווי ס'וואָלט אין מיטן זומער שוין דער האַרבסט דאָ אַלץ פאַרצערט.

ס'קען זײַן דער האַרבסט איז נישט אַוועק און ליגט גאַר דאָ באַהאַלטן,
פאַרשטעקט פון פאַר אַ יאָרן נאָך און לויערט אַלץ און שרעקט,
געהיים ער קריכט אַרויס דאָ פון די לעכער, פון די שפּאַלטן
און האָט מיט זײַנע זשאַווערטריט דעם גרין אַרום פאַרפלעקט.

## האַרבסטיקע באַלאַדע

ס'איז נאָך דער חתונה, ס'צעפאָרן זיך די מחותּנים,
עס הילכן נאָך די לעצטע רייד, די לעצטע עבאָס פרייד,
נאָך שלײַכט אַדורך אין אײַלעניש אַ לעצטער נאָנטער פּנים —
עס וואַרט די בויד שוין אין פאַרנאַכט, ס'איז האַרבסט — אַ רעגן גייט.

אַט רירט זיך שוין די בויד, די ווינטן האָבן זיך צעבלאָזן,
באַלד קומט די נאַכט, די בויד זי יאָגט, די קליאַטשע צוגעמאַכט.
ווו זײַנען חתן־כּלה איצט, ווו האָט מען זיי געלאָזן?!
ס'איז פּוסט, זיי זײַנען אויך נישטאָ — פאַרשווונדן אין פאַרנאַכט.

## בלעטערװעלק

מיט בלעטערװעלק פֿאַרטריקנט ליגט דער האַרבסט פֿון פּאָר אַ יאָרן,
ער שאָרכט מיט קרעכצן טרוקענע פֿון אונטער מײַנע טריט.
דאָרט ליגן זומערטעג פֿאַרגעסענע פֿון אונטער זיי פֿאַרלאָרן
צוזאַמען מיט די פֿרילינגען װאָס האָבן דאָ געבליט.

זיי ליגן אַלע אונטער בערג פֿון בלעטערװעלק פֿאַרשאָטן
מיט בענקשאַפֿטן, מיט האָפֿענונגען זוניקע — אַ קנויל,
װאָס ס'האָט דער האַרבסט דער גרויזאַמער אכזריותדיק צעטראָטן
און יעדער שאָרך איז װי אַ קרעכץ װאָס רײַסט זיך דורך מיט גרויל.

## װינטער־לאַנדשאַפֿט

די זון לויפֿט אין די װאָלקנס אום, אָט צינדט זי פֿלוצלינג ראָזיק
דעם בלייכן ראַנד דעם שנייִקן פֿון װינטערדיקן װאַלד,
אָט כאַפּט זי זיך אין טײַכל אויף, װאָס גלאָצט פֿאַרפֿרוירן, גלאָזיק
און גיט אַ גליטש זיך אויפֿן אײַז מיט קאַלטן גלאָז צעשטראַלט.

דער פֿלאַכער ברעג פֿון טײַכל בלענדיקט ליכטיק אַ פֿאַרשנייטער,
צװיי יאָדלעס גרינען װײַס־פֿאַרשאָטן װי מיט נאַפּטאַלין
און ס'בלייכט דער ברעג אַ װײַסער, װי אַ טישטעך אַ צעשפּרייטער
מיט אויסגענייטע יאָדלעס צװיי, מיט אַ פֿאַרשנייטן גרין.

## אַ װײַסע פּוסטקייט

אַ װינטערטאָג. דו קוקסט אַרויס — אַ װינטיק־װײַסע שנייִקייט,
אַ קאַלטע װײַסקייט װאָס הילט אײַן, פֿאַרדעקט אַלץ און באַהאַלט,
װאָס זאָגט אונדז אָן דעם סוף פֿון אַלץ — דעם אומקום און פֿאַרגייִקייט,
װען אַלץ װעט זײַן אָן פֿאָרעם שוין, אָן אויסזען און געשטאַלט.

אַ װײַסקייט נאָר, אַ ליידיקייט אַ שנייִקע, פֿאַרשאָטענע,
אָן קולות און אָן קלאַנגען, אָן אַ חיושן געבריל —
אַ װײַסע פּוסטקייט נאָר פֿון קיינעמס טריט נישט אַ צעטראָטענע,
װאָס ליגט פֿאַרדעקט שוין און פֿאַרמעקט, אויף אייביק װײַס און שטיל.

## עס פֿאַלט אַ שניי

עס פֿאַלט אַ שניי, אַן ערשטער שניי, אַ ווינטיקער, אַ נאַסער,
ער פֿאַלט פֿון אונטער טריט אין גאַס און טונקלט, און צעגייט,
און כאַטש ער ווערט צערונען, און צעשוימט מיט ריטשקעס וואַסער,
נאָר ס׳ליכטיקט שוין די גאַס מיט קינדערש־קלינגענדיקער פֿרייד.

אַן ערשטער שניי — אַט הויבט ער פּלוצלינג אָן צו גיין געדיכטער,
דער טראָטואַר ווערט ווײַס, ער שלינגט די טריט אײַן ווייך און שטיל,
נאָר פֿול איז שוין די גאַס מיט הילך, מיט קינדערשע געזיכטער,
עס קלינגט די יונגע פֿרייד — עס גייט מיט שניי די ערשטע שפּיל.

## דער ערשטער שניי

דער ערשטער שניי דעקט אַלצדינג צו, ער ליגט אַ נישט־באַרירטער,
זײַן ווײַסקייט שלאָגט זיך אָפּ פֿאַר נאַכט מיט דורכגעבלויטן בלענד.
דער ריח פֿון דער ערד גייט אויף אין ווינט אַ קוים געשפּירטער
און גיסט צונויף זיך מיט דעם רויך וואָס פֿלאַטערט איבער ווענט.

אַ שטוב אין פֿעלד, פֿון הויכן דאַך צום הימל אויפֿגעריסן,
פֿון שוואַרצן קוימען ציט אַ רויך זיך אָונטיק צעבליט
און ס׳אָטעמט אײַן דער פֿראָסט אין זיך דעם רויכגערוך דעם זיסן
וואָס שמעקט מיט פֿעלד, מיט זומער און מיט פֿריש־געבאַקטן ברויט.

## די ווינטערדיקע יאָדלע

ס׳איז שמעקעוודיק די גרינקייט פֿון דער ווינטערדיקער יאָדלע,
זי רײַסט אַדורך דעם פֿרישן שניי וואָס האָט זי ווײַס באַדעקט
און גיסט צונויף דעם פֿראָסטגערוך מיט ריחות פֿון די נאָדלען
וואָס אָטעמען ווי זומער נאָך מיט זוניקייט צעשמעקט.

זיי אָטעמען מיט אייביקייט, מיט דורכגעגרינטער שטילקייט,
וואָס זינגט מיט זאַפֿטן זוניקע אין צווײַגן טיף פֿאַרשטעלט
און רײַסט זיך שאַרף אַדורך פֿון אונטער שנייִקער פֿאַרהילטקייט
מיט ווײַטע, ערשטע ריחות פֿון אַ בראשיתדיקער וועלט.

## איך זע נאָך אַלץ דעם ווינטערטאָג

איך זע נאָך אַלץ דעם ווינטערטאָג וואָס זעט מיר אויס דער שענסטער,
מיט קינדער־אויגן ליכטיקע געדענק איך אים געננוי —
ווי ס'האָט די זון די אײַזליכטלעך געשמאָלצן אין דעם פענצטער
און ס'האָט אין זיי געמיניעט זיך אַ פינקלגאָלד מיט בלוי.

אַזאַ מין פרייד וואָס צאַפּלט איצט נאָך טיף אין מיר באַהאַלטן
מיט גלי פון זון, מיט אײַזליכטלעך צעפינקלט ווי קרישטאָל
און ס'דאַכט מיר, ווי אין זייער ליכט דעם זוניקן, צעשטראַלטן
נאָך שפּיגלט אָפּ זיך כישופדיק מײַן קינדערשער אַמאָל.

## אַ ווינטערטאָג

עס בלייבט צעגרינט אין שטוב בײַ מיר אַ ווינטערטאָג געפאַנגען,
ווי ס'בלייבט אַ פלאַנץ אין אַ וואַזאָן — אַ צפונדיק געוויקס.
זײַן דורכגעבלייבטע גרינקייט רוישט מיט ווײַסע, קאַלטע קלאַנגען,
ווי קילע עבאָס שנייזקע פון אַ מעלאָדיע גריגס.

דער ווינטערטאָג שווימט ערגעץ ווו דורך דעמערדיקע רגעס
מיט פלאַטער־שאָטנס גרינע אויף די גרויע, קאַלטע ווענט,
ווי קילע ציטער־עכאָס פון דעם בענקשאַפטליד סאָלוועגעס,
וואָס רינען אויס ווי שנייעלער אויף אומעטיקע הענט.

## די זאַווערוכע

די ווינטערדיקע ערד ליגט מיט אַ לײַלעך ווײַס פאַרהילט,
דער הימל טונקלט דעמערדיק אַ מילכיק דורכגעשנייטער,
די זאַווערוכע ברומט, ווי זי וואָלט קרעכצנדיק געשפּילט
אַ הייזעריקן ניגון אויף אַ ווינטיקן טרומייטער.

אין וויכערטאַנץ לאָזט זיך די נאַכט אַראָפּ שוין אויף דער ערד,
זי נידערט אויף די וויקלטרעפּ פון שנייזק־ווייסן לייטער —
צום ניגון צו דעם ווינטיקן דער דעמער שטייט און הערט
ווי ערגעץ אין דעם וויכער מיט אַ כליפּגעוואָי פאַרגייט ער.

## אין פּראָסטיקן פאַרנאַכט

אַ פּראָסטיק־זילבערנער פאַרנאַכט. מיט קילע, ראָזע באָקן
דער ווינטער־הימל ליכטיקט אין דער שײַן פון שקיעה־בראַנד.
אָט הויבן אָן די וואָלקנדלעך פאַרוועלקטע אָפּצובליאַקען,
זיי הענגען פּיאָלעטע אויף דעם געלבן הימלראַנד.

עס ראָזיקט זיך דער ערשטער שניי וואָס פּוכיקט אַנגעוואַליעט,
די שאָטן־ביימער טונקלען זיך ווי לופטיק דורכגעבלויט.
די צווייגן שוואַרצן קוים פאַרשנייט ווי רויכיק אָפּגעסמאָליעט
אין שרפה־שײַן פון שקיעה־בראַנד מיט לעצטן, מוטנעם רויט.

## דער רעגן

וואָס בעט דער רעגן ווען ער קלאַפּט אַן אויפהער אין די שויבן?
וואָס קרעכצט ער אויס מיט יעדן ווינטיק־פלאָטערדיקן בלאָז?
ס'איז שטיל, ווי ער, דער רעגן, וואָלט געוועדט גאָר צו אַ טויבן —
דאָס פענצטער שווײַגט, עס שטומט, עס ציטערט קוים אין ראָם דאָס גלאָז.

וואָס ווייס אַ פענצטער טאָקע פון דעם מורמל פון די טראָפּנס,
וואָס ווייס און פילט אַ קאַלטע שויב וואָס בעלמעט מאַט אין בלינד?
נאָר איך מיט אומרו ליג און הער ווי הינטער מיר צוקאָפּנס
אַ נאַכט אַ האַרבסטיק־רעגנדיקע וויינט און קלאָגט אין ווינט.

## נאָך אַ רעגן

עס טרעפט, אַז נאָך אַ רעגנגאָס ברעכט איבער זיך דער וועטער,
דער הימל גיט אַ בלוי און ווערט אַ זוניקער צעהעלט.
די דורכגענעצטע ביימער גרינען־אויף מיט פײַכטע בלעטער
און גאָלדיק־הייס צעמיניעט זיך דאָס קאָרנדיקע פעלד.

די פײַכטע לופט ווערט איבערפולט מיט שאַרפע אַראָמאַטן
פון מענטע און פון קראָפּעווע — עס שמעקט די פאַרנע ערד
מיט דעם געװיך דעם אוראַלטן, דעם נערנדיקן־זאַטן,
ווען ס'האָט די ערד צום ערשטן מאָל זיך בראשיתדיק צעיערט.

## דער רעגן איז געהאַט אַוועק

דער רעגן איז געהאַט אַוועק, דער ווינט איז נאָר פֿאַרבליבן,
ער האָט מיט כּעס צעהוליעט זיך און צאָרנדיק געשטיפּט —
די וואָלקנס די צעשויבערטע געריסן זיי, געטריבן,
צווייַ טראָפּנס פֿון די ביימער צו דער ערד אַראָפּגעטריפּט.

נאָר פּלוצלינג איז אַ וואָלקן מיט אַ כליאַפּ צוריקגעקומען,
דעם ווינט מיט פֿלייץ צעפּליוכעטער געגעבן אַ פֿאַרגאָס,
דער ווינט האָט זיך געקאָרטשעט אויף דער ערד מיט בייזן ברומען
און שטום געבליבן אויף דעם דורכגענעצטן גראָז.

## דער פּלויט

אַ רעגן שמײַסט אַ שטראָמיקער, ער פּליקט די לעצטע בלעטער,
ער רײַסט זיי און עס טראָגט דער ווינט אַרום זיי געל־פֿאַרצערט.
דער רעגן האָט דעם בוים אַנטבלויזט, אָט נאָך אַ רגע וועט ער
פֿאַרגיסן אַלץ, פֿאַרפּלייצן אַלץ — דעם בוים, די גאַנצע ערד.

אַ נעפּל קריכט אַרום און אַלץ מיט גרויקייטן פֿאַרהילט ער,
דער לעצטער בלאַט פּליט אָפּגעפּליקט, ער טראָגט זיך אום אין ווינט
און נאָר דער פּלויט פֿאַרגולמט קוקט. וואָס טראַכט ער איצט? וואָס פּילט ער?
ער האָט דאָך פֿרילינג נישט געבליט און זומער נישט געגרינט.

## די רעגנס קלאַפּן אין די שויבן

די רעגנס קלאַפּן אין די שויבן אומרויִק פֿאַרציטערט,
אַנטלאָפֿענע, פֿאַרטריבענע פֿון זייער וואָלקנהיים,
עס האָבן ווינטן זיי געפֿירט אין וויכער פֿון געוויטער
מיט דונערן און בליצן זיי אַראָפּגעבראַכט געהיים.

זיי האָבן זיך דורך ווײַטקייטן געטראָגן אין מהירות,
פֿון העכסטער הויך אַראָפּגענידערט דאָ צו אונדז אויף דר׳ערד,
ווי אומעטיק אויף שויבן פֿון די טראָפּנס דער באַריר איז —
אַ ציטערקרעבץ אַ גלאָזיקער וואָס טריפֿט אַראָפּ פֿאַרטרערט.

## מיט נאַסע פּײַערן

מיט נאַסע פּײַערן לויפט אום די גאַס אין פליייץ פון רעגן,
מיט ריטשקעס פאַרביקע פון ליכט־רעקלאַמעס בלוטיק אויפגעפּראַלט
ווי ס׳וואַלטן פון פאַרהוילענע, געשפּענסטיקע געשלעגן
די גרינע, געלע בלוטן זיך צעשטראָמט אויף דעם אַספאַלט.

דער רעגן פלייצט, די פייערן זיי שווימען נאַס געצונדן,
עס לויפן נאָך די שאָטנס זיי אין נאַכטיקן געיעג —
מיט געלע, גרינע בלוטן טריפט די גאַס מיט פאַרבן־ווונדן,
ווי נאָך אַ שלאַכט — אַ נאַכטיקן, געשפּענסטיקן געשלעג.

## אַ רעגן גייט

אַ רעגן גייט, דורך גרוי־צעפּליקטע וואָלקנדיקע צויטן
דער הימל רײַסט זיך דורך — ער גיט אַ בלוי און גלײַך פאַרשווינדט.
די שמוציקע קאַלוזשע כאַפּט זיך אויף מיט ליכט צעבלויטן
און לויפט מיט קילע פינקלען אַ צעכוואַליעטע אין ווינט.

דו שטייסט און פילסט, — ס׳איז אַלץ דיר קלאָר, דו דאַרפסט איצט גאָרנישט פרעגן,
ביסט איבערפולט, ביסט דורכגעהעלט מיט ערשט־צעבלויטן ליכט,
דו שטייסט און הערסט עס קלינגט אויף צווייַגן פון דעם בוים דער רעגן,
ער וואַשט דער בוים און וואַשט דיר אָפּ דעם אומעט פון געזיכט.

## אין שטורעם

דער חושך שלינגט אַלץ אײַן אין זיך: דעם רויש, דעם ים, די כוואַליעס.
זיי גיסן זיך צונויף אין נאַכט ווי אין אַ כאַאָסקנויל.
די כוואַליעס טורעמען ווי וואַסערבערג, ווי גאָרנדיקע סקאַלעס,
דער חושך ציט די שיף אין זיך מיט אויפגעפּראַלטן מויל.

די שיף זי שפּרינגט, זי הוידעט זיך אַ שיכּורע צעוואַקלט
און דו אַליין שווימסט הילפלאָז אין דער שאָל פון שיף פאַרמאַכט,
ווו ס׳האָט די שרעק דײַן גאַנצן לעבן איצטער פאַרסך־הכּלט
ווי אין אַ ווײַל אַן איינציקער אין שטורעם פון דער נאַכט.

## כמאַרעס

אַ כמאַרע נאָך אַ כמאַרע גייט — עס זאַמלען זיך די כמאַרעס,
זיי גייען לאַנגזאַם בלינדערהייט צו אַ באַשטימטן ציל.
עס שוויַיגט דער ווינט, עס זשומען נאָר פאַרביסן די קאָמאַרעס —
קיין רעגן נאָר איז אַלץ נישטאָ, עס וואַרט די ערד, ס'איז שטיל.

ס'וועט ערגעץ ווו מיט שטורעם זיך צעהילכן דער געוויטער,
צעקנאַלן זיך מיט דונערן און בליצן שאַרף צעגרינט,
נאָר דאָ איז שטיל, קיין בלעטל אויף אַ בוים גיט נישט קיין ציטער —
די כמאַרעס גייען און מיט זיי פאַרטייעט גייט דער ווינט.

## אַ כמאַרע

אַ ביטרע כמאַרע האָט פאַרגנבעט זיך אַן אומגעריכטע,
און דורכגעקריצט דעם טונקל האָט אַ בלענדיק־גרינער בליץ.
דער הימל האָט אַרום נאָך אַלץ אַ זוניקער געליכטיקט,
אַ דונער נאָר האָט זיך צעקנאַלט מיט ערשטן רעגנשפּריץ.

און ס'האָט געדאַכט זיך, שמייכלענדיק אַ פריילעכע די זון הערט
ווי ס'טראָגט זיך אום דער דונערקנאַל מיט שקאָצערישן שטיף.
אָט איז די כמאַרע שוין אַוועק, נאָר ערגעץ ווו נאָך דונערט
און ס'שיַינט די זון, און טריקנט אָפּ דעם לעצטן רעגנטריף.

# חלום

## דער חלום

ס׳איז שפּעטע נאַכט, די טיר פאַרמאַכט, דײַן וואָר ציט שוין צום שלאָפן,
זי לויערט נאָך די וואָר פון הינטער ווענט מיט לעצטער שײַן,
איצט וואַרט די טיר פון חלום שוין, זי שטייט און ליכטיקט אָפן,
זי וואַרט אויף דיר געהיימנישפול דו זאָלסט צו איר אַרײַן.

דער חלום, קען דאָך זײַן, טראָגט אום דעם סוד שוין פון דײַן מאָרגן,
דאָרט לויכט אַ פונק פון אייביקייט וואָס ווערט אין שלאָף אַנטפּלעקט
מיט זעונג פון אַ וועלט אַזאַ וואָס ליגט אין וואָר פאַרבאָרגן,
וואָס ביים דערוואַכן ווערט זי אויך פון זיך אַליין פאַרמעקט.

## דו קומסט פון שלאָף צו גיין

דו קומסט פון שלאָף צו גיין באַגינען ווי פון ווײַטע לענדער,
וווּ אַנדערש איז דער הימל דאָרט, וווּ אַנדערש איז די ערד.
דער חלום איז אַ כּישוף־מאַכער, איז אַן אויג־פאַרבלענדער
און אַלץ וואָס טוט זיך אויף דער וואָר גייט דאָרטן אויף פאַרקערט.

נאָר כאַפּסט זיך אויף — דײַן חלום לעשט זיך, וועלקט אָפּ אָפּגעבליאַקעט,
דער שימער פון דײַן שלאָף וועפּט אויס, די פאַרבן ווערן מאַט,
דײַן חלום בלייכט, אָן פאַרב, אָן קלאַנג, אָן אָפּגעבלויזטער, נאַקעט
און נאָר אין אָטעם דײַנעם שוועבט פון נאַכט דער אַראָמאַט.

## אַ צווייטע וואָר

איך בין מיט פליגלען אין מײַן חלום ערגעץ ווו געפלויגן,
ביז עמעץ האָט מיך אויפגעוועקט, נאָר דאָס איז נישט דער סוף,
איך בין געפלויגן ווײַטער אַלץ, נאָך מיט פאַרמאַכטע אויגן
אָן פליגלען שוין, ווײַל דאָס איז נישט געוועזן שוין אין שלאָף.

און ווי אין חלום ווערט דער זין פון אַלץ פאַרווישט, פאַרשוווּנדן,
און ס׳גייט די וועלט אויף לויט אַ נישט געוויינלעכן אופֿן,
אַזוי ווערט אויך דײַן וואָר אַ מאָל נישט שכלדיק פאַרבונדן
מיט עפּעס וואָס איז אויסטערליש און ווערט אַ צווייטע וואָר.

## אַזוי פיל איכן

אַזוי פיל איכן טראָג איך אום, זיי לעבן נישט בשלום,
זאָגט איינער — טאָג, זאָגט גאָר דער צווייטער — נאַכט, אָט פונקט פאַרקערט;
ציט איינעם צו דער וואָר, ציט גאָר דעם צווייטן צו דעם חלום,
און ציט צום הימל איינעם, ציט דעם צווייטן צו דער ערד.

אַזוי אין שלאָף אַפילו זײַנען זיי צעקריגט, צעריסן,
ס׳שלעפּט יעדער מיך צו זיך — איך בין צווישן זיי פאַרקלעמט
און כאָטש איך גיי אַ יוסטער אום ווערט קיינער דאָך נישט וויסן
אַז איך אין זיך גאָר בלאָנדזשע אום — בין זיך אַליין גאָר פרעמד.

## צווישן וואָר און חלום

אין ערב־שלאָף דערזע איך אָפט מאָל אויסטערלישע בילדער —
איך מאַך די אויגן צו און נאָך נישט־שלאָפנדיק פאַרשווינדט
די וואָר אַרום, די וועלט מיט איר געטומל און געפילדער
און ווי אין דעמער־זשונגען ווער איך פאַרוועבט, פאַרשפּינט.

און אָט אַזוי צווישן וואָר און חלום, אין דער מיטן,
קען איך דערזען דאָרט זיך אַליין, אַן אומבאַקאַנטן גאָר,
ווי איך וואָלט דאָרט אַ פרעמדן מענטשן צופעליק געמיטן
וואָס איך האָב פריער קיין מאָל נישט געטראָפן אויף דער וואָר.

## אַ חלום

כ׳געדענק שוין נישט דעם חלום — ער איז אומגעריכט פאַרשוווּנדן,
איך ווייס נאָר אַז דער חלום איז געבליבן אָן אַ סוף,
ער האָט מיט מיר זיך אויסטערליש אין שפּעטער נאַכט פאַרבונדן
און אויסגעלאָשן ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט פון שלאָף.

איצט איז ער שוין נישטאָ מער, ס׳איז געבליבן נאָר אַן אומעט
ווי ס׳בלײַבט אַ ריח איבער, צי אַ צופעליקער בליק —
אַ קלעמענדיקער אומעט וואָס אין מיר איצט ערגעץ שטום היט
דעם חלום, וואָס נישט קומען וועט ער מער שוין אויף צוריק.

## ס׳איז אַלץ אין חלום קלאָר

בײַ נאַכט אין חלום שוועבט דער מענטש, ער ווערט גאָר דאָרט אַנוואַגיק,
ער פלאַטערט, פליט, ווען אויף דער וואָר ער ציטערט פאַר זײַן טראָט.
דאָרט איז די וועלט אַן אַנדערע און אַנדערש איז די לאָגיק,
ס׳איז אַלץ אין חלום קלאָר וואָס אויף דער וואָר איז פול מיט סוד.

ס׳איז אַלץ אין חלום קלאָר, ווען אויף דער וואָר גאָר אַ באַהערשטער,
ער גייט אום ווי אַ שקלאַף וואָס ציטערט פאַר דער גאַנצער וועלט,
נאָר אין דעם חלום איז ער דאָרט דער הערשער און דער ערשטער
און ס׳טוט די וועלט אויף זײַן באַפעל דאָרט אַלץ וואָס אים געפעלט.

## אַזוי קום איך פון שלאָף אַרויס

מיט חלום־פעדעם בין איך אין דער פרי פאַרוועבט, פאַרשפּונען,
פאַרשטריקט בין איך מיט שלאָף נאָך אַלץ, מיט טונקלקייט פון נאַכט,
ווי איך וואָלט צו דער וואָר דעם וועג בײַם אויפוואַך נישט געפונען,
ווי ס׳וואָלט די וועלט געווען פאַר מיר נאָך שאָטנדיק פאַרמאַכט.

אַזוי קום איך פון שלאָף אַרויס מיט נאַכטיקייט פאַרלאָפן,
איך קריך צום טאָג אַרויס ווי פון אַן ערדיש־טיפן שיכט —
די טונקלקייט צעשווימט זיך און ווי דורך אַ שפּאַרע אָפן
וואָלט פּלוצלינג דורכגעריסן זיך צו מיר אַ שטראַל פון ליכט.

## אַ חלום אָן אַ זעונג

ס'איז דאָ אַ חלום אָן אַ זעונג — אַלץ איז דאָרט צעשוווּמען,
דו זעסט און זעסט נישט, עפּעס איז דאָרט אַנדערש און נישט קלאָר,
ווי דו וואָלסט גאָר אַ מאָדנע וועלט אַן אַנדערע פאַרנומען
מיט חושים וועלכע זײַנען נישט פאַראַן גאָר אויף דער וואָר.

דאָרט איז דער זען קיין זעונג נישט, דער הערן — נישט קיין הערונג,
אַלץ קומט צו דיר גאָר אַנדערש, דרינגט אַרײַן אָן אַ באַריר —
אַט ביסטו דאָ און אַט שוין דאָרט, נישטאָ קיין צוים, קיין שטערונג,
ווײַל ס'איז די וועלט אין דיר אַליין, די גאַנצע וועלט — אין דיר.

## אַ צווייטער גאָר

מיר זײַנען אַלע אײַנזאַמע, אַ יעדער אויף זײַן שטייגער,
עס קומען טעג, ס'פאַרגייען נעכט, עס בײַט זיך יאָר נאָך יאָר —
אין וואָכע נעכט, אין שלאָפלאָזע, ווען ס'רוקט זיך פויל דער זייגער,
ווערט אויך דײַן חלום גרוי, נאָך גרויער ווי בײַ טאָג די וואָר.

און נאָר אין דײַן זיכּרון לויפסטו אום נאָך אַ צעהעלטער,
דאָרט לויפסטו אין אַ העמדל אום — אַ קינד צעשטיפט, צעלאַכט
און אויף דער וואָר מיט גרויע האָר דו גייסט אום אַ פאַרשטעלטער,
אַ צווייטער גאָר — אַן אַלטער ייִד וואָס שלאָפט נישט בײַ דער נאַכט.

## דער חלום איז נאָר מײַנער

כ'פאַרזויף זיך מיטן שלאָף אַ מאָל, כ'פאַרטרינק אַזוי מײַן טאָג,
אַ דאָרשטיקער נאָך חלום לויף איך צו דעם שלאָף — אַ שיכּור,
כ'פאַרתּבֿלעווע די טעג אַזוי און אַלץ וואָס איך פאַרמאָג,
ווי אין מײַן לעבן וואָלט געווען דער חלום נאָר דער עיקר.

ווײַל ס'איז דער טאָג דאָך אַלעמענס — ס'קען יעדערער אים זען,
דער חלום איז נאָר מײַנער — ער קען קײנעם נישט געהערן,
ס'וועט קײנער אים נישט חלומען, ס'וועט קיין מאָל נישט געשען
אַז עמעצער אין שלאָף זאָל זען ווי איך די זעלבע שטערן.

## צווישן טרוים און וואָר

עס טרעפט — דו שלאָפסט נישט, מיט פאַרמאַכטע אויגן זעסטו בילדער,
די בילדער אויסטערלישע קומען ווי פון זיך אַליין,
ווו איינס איז שרעקלעכער פון צווייטן, איינס פון צווייטן ווילדער —
אַזוי צווישן וואָר און חלום קומען זיי צוגיין.

ווי דו וואָלסט דאָרט געווען און דאָך נישט געווען אין מיטן,
ווי עמעץ נאָר דערציילט עס דיר, נאָר דו, דו פילסט דאָרט קלאָר,
כאָטש יענער וואָס דערציילט גאָר רעדט פון עמעצן אַ דריטן,
אַז דאָס ביסטו אַליין דאָך, דו, צווישן טרוים און וואָר.

## אין חלום

אין חלום־שפּיל פון שלאָף בין איך אַ ייִנגל ווי אַ מאָל,
די וועלט איז ליכטיק, זומערדיק, דער טאָג איז אַ צעהעלטער
און איך לויף אום, איך שפּיל זיך דאָרט — איך הער מײַן קינדערש קול,
נאָר פילן פיל איך כאָטש אין שלאָף, אַז איך בין אַ פאַרשטעלטער.

איך פיל אין שלאָף, אין חלום, אַז ס'איז עפּעס מיר נישט קלאָר,
איך קוק זיך אָן אַליין דאָרט אַ פאַרווונדערטער, פאַרבליפטער
און אָט אַזוי אין שפּיל פון שלאָף — האַלב־חלום און האַלב־וואָר —
איך לויף אַרום אַ ייִנגל נאָך, אַ ייִנגל אַ צעשטיפטער.

## איך בענק נאָך גרויער וואָר

די נאַכט פאַרפאָלגט מיך, לויפט מיך נאָך, זי פּרווט מיך אַלץ דעריאָגן
און איך אַנטלויף, זי לויפט מיר נאָך מיט חלום־בלענד באַגלייט,
און איך בין מיד פון חלומען, פון נישט־דערזאָגטן זאָגן —
איך בין שוין מיד פון בענקשאַפטן, פון ריידן צאַרטע רייד.

כאָטש ליב האָב איך די נאַכט וואָס טונקלט סודותדיק־פאַרבאָרגן,
וואָס טויג אַ וועלט פון שטענדיק טאָג, ווו אַלץ איז זוניק, קלאָר,
נאָר ס'האָט די נאַכט מיט חלום מיך, מיט בענקשאַפט־רייד דערוואָרגן,
מיט צאַרטקייטן פאַרפּײַניקט מיך — איך בענק נאָך גרויער וואָר.

## מיר האָט געחלומט זיך אַ מאָל

מיר האָט געחלומט זיך אַ מאָל — איך בין אויף דער לבנה.
אַ טײַך פון גרינעם קוועקזילבער דאָרט קײַקלט זיך צעהעלט.
און איך, איך שווים און שווים אויף אים, און פּרוּוו זיך אַלץ דערמאָנען
ווּ האָב איך שוין געזען דאָס אַלץ — די אויסטערלישע וועלט.

אַ גרינע זון. דער שוואַרצער הימל איז מיט גרין פאַרלאָפן.
די שקיעה גרינט און איך, איך שווים אָן אויפהער, אָן אַ סוף,
איך שווים און טראַכט — ווּ האָב איך שוין אַ זון אַזאַ געטראָפן?
אַווּ און ווען? און כאַפּ זיך אויף צעשראָקן פון דעם שלאָף.

## אין ערב שלאָף

אין ערב שלאָף הויבט אָן זיך אַלץ ווי נעפּלדיק פאַרווישן
און איך אַליין, איך שווים אַוועק האַלב־דרימלענדיק, האַלב־וואַר.
אַ וועלט טויכט אויף, ווּ וואַר און טרוים הויבט אָן זיך צו פאַרמישן,
ווּ אַלץ ווערט דאָרטן אויסטערליש און אַנדערש יעדע זאַך.

אַ וועלט נישט איצט, נישט פריער, אַזאַ וועלט וואָס איז אין מיטן,
ווּ ס'טראָגט זיך דורך גאָר אַנדערש אַלץ, פאַרקערט פאַרבײַ מײַן בליק,
ווי איך וואָלט גאָר פאַרבלאָנדזשעט אויף אַ כּישוף־וועג אַ דריטן,
ווּ ס'טראָגט די צײַט זיך נישט פאָרויס, נאָר לויפט גאָר אויף צוריק.

## איך האָב געפילט

איך האָב געפילט — איך וועל אין חלום הײַנט דײַן בליק דערשפּירן,
דעם גאָלד פון דײַנע האָר דערזען, דעם אויסבויג פון דײַן האַלדז
און ווידער וועל איך גיין מיט דיר אין חלום הײַנט שפּאַצירן,
צי וויקלען זיך מיט דיר צעקרײַזט אין אַ צעשוועבטן וואַלץ.

און כאָטש דײַן אויסזען איז שוין לאַנג דורך ווײַטקייטן צערונען,
פאַרשלונגען און פאַרצערט אַדורך דער לאַנגער גרויער וואָר,
נאָר איך האָב הײַנט אין חלום דאָרט דיך אויף דאָס נײַ געפונען
און טראָג אַרום אין זיך דעם ריח נאָך פון דײַנע האָר.

# פרויען

## פּאָרטרעטן

אַן אָפּשײַן פון אַ שמייכל איז פאַרבליבן אויף איר פּנים,
וואָס לעשט זיך אויס פאַרטונקלט בײַ די ווינקלען פון איר מויל,
ווו ס'שאָטענען זיך קנייטשן צוויי — פאַרגליווערטע סימנים
פון קיין מאָל נישט פאַרגעסענער און נישט פאַרהיילטער גרויל.

אַ קוים באַמערקטער שמייכל, אַזאַ הילפלאָזער, פאַרשטעלטער,
פון ווײַטע טעג פון קינדערשע מיט פרילינגזון, מיט ליכט,
וואָס רײַסט זיך דורך און פלאַטערט אַזאַ אומעטיק־צעהעלטער
מיט שײַן שוין מיט פאַרנאַכטיקער דורך קנייטשן פון געזיכט.

די ווײַבלעכקייט זי בלענדט אַרויס פון אירע ברוינע אָרעמס,
זי שפּאַרט אַרויס מיט פולקייט פון איר לײַב וואָס רײַפט און יערט,
וואָס שמעקט מיט ים, מיט ווינטן און מיט גליִענדיקע דרומס,
און זוניקט אַלץ אין איר נאָך מיט אַ ווײַטער, הייסער ערד.

אַ ווײַטע ערד וואָס לעבט אין איר נאָך טונקל און פאַרדרימלט,
און אָטעמט נאָך אין קול בײַ איר מיט אָפּהילך פון אַ ליד,
ווו ס'פלאַטערט אום דער דרום־ווינט, ווו שטערנדיק צעהימלט
טראָגט אום די נאַכט אין לײַב בײַ זיך אַ טאָג וואָס רײַפט צעגליט.

די אַקסלען אירע רונדיקן מיט ווײַבערשער באַשערטקייט,
עס בלייכט איר האַלדז וואָס רײַסט זיך פון דעם אויסשניט פון איר קלייד,
איר פּנים ראָזיקט שעמעוודיק מיט קינדערשער פאַרהערטקייט,
ווי זי פאַרנומען אין דער שטיל וואָלט עמעצס ליבערייד.

און אירע הענט ווי פלאַטער־פייגל שטיל און אונטערטעניק
וואָס האָבן אויף איר שויס אין מיטן פלי פאַרבלאָנדזשעט מיד —
זיי בלייבן דאָרט צעשראָקענע, נאָר הייס און ווידערשפעניק
דער קופערוויט פון אירע האָר שרײַט פלאַקערדיק צעגליט.

איר לײַב האָט נישט פאַרגעסן, גאַרנישט. יעדע מאָן־באַרירונג
נאָך עבאָט אָפּ אין פיבערדיקן פלי פון אירע הענט,
די ווײַעס שאָטענען מיט סוד פון ווײַבערשער פאַרפירונג,
וואָס ווינקט אַרויס באַהאַלטן פון איר הייסן אָפּלבלענד.

איר אַקסלגלי פאַרלעשט, מעקט אָפּ דעם גאָלדבליאַסק פון איר צירונג,
איר לאָקנגלי מאַכט בלאַס, ווישט אָפּ די רויטקייט פון איר קלייד
און ס׳פּאַכט פון איר דער אָטעם פון דער אוראַלט־ערשטער שפּירונג
וואָס חוהן אין גן עדן האָט די שלאַנג אַ מאָל פאַרטרויט.

אַ קאַלטער בלוי אַ ווינטיקער שלאָגט אָפּ פון אירע אויגן,
ווי ס׳וואָלט אַ פרעמדער הימל זיי אַ פראָסטיקער באַגלייט —
ס׳קען זײַן, אַז אַם אַ גויִשע האָט איר געגעבן זויגן
און האָט געלאָזט אין בלוט בײַ איר אַ טראָפּן טרייפע פרייד.

נאָר דורך דער פרעמדער פרייד וואָס רײַסט זיך פון איר בליק דעם קאַלטן,
אַדורך דעם תּאווה־ציטער פון איר הייזעריקן קול
זינגט צניעותדיק אַרויס פאַרשטיקט אַ ניגון, ווי באַהאַלטן,
וואָס ס׳האָט קען זײַן איר מאַמע זי פאַרוויגט מיט אים אַ מאָל.

די ווײַסלעך אירע דאַרשטיקן מיט בלייכער דורכגעבלויקייט,
די שוואַרצע אַפּלען אָטעמען מיט נאַכטיק־דושנער היץ,
אָט ווערן זיי פאַרצויגן מיט אַ נעפּלדיקער גרויקייט
און ס׳גיט איר בליק אַ כמאַריקער מיט תּאווה־בלענד אַ בליץ.

דער בליץ צינדט אָן אין אויג בײַ איר אַ גליִענדיקן שײַטער
וואָס פלעמלט אויף און שלאָגט זיך אָפּ צעהעלט אויף איר געזיכט
און לעשט זיך אויס, און ווידער ווערט איר בליק ווי דורכגעלײַטערט,
און נאָר אין שוואַרצאַפּל גאָר טיף נאָך שפּילט געהיים אַ ליכט.

ווי פון דעם שטענדיקן טונקל פון אַ טיפן ברונעם
שלאָגט אָפּ זיך אַ פאַרבלאָנדזשעטער, אַ הייסער בלאַסק צוריק,
וואָס ס'האָט בײַ טאָג געלאָזן דאָרט די גלי̄ענדיקע זון אים —
אַזוי שײַנט אָפּ איר גלוסט צוריק אין טונקל פון איר בליק.

אַזוי אַדורך איר שעמעוודיקער מיידלשער פאַרשלייפטקייט,
אַדורך איר שטרענגן, צניעותדיקן, אײַנגעהילטן קלייד
רײַסט זיך אַדורך פון לײַב בײַ איר די גלוסטנדיקע טרייפקייט,
וואָס זינגט אַרויס מיט נאַקעטקייט און הייסער מיידלפרייד.

אַט ווערן אירע אויגן פול, אַט ווערן זיי באַלד ליידיק —
עס גייט אַ שפּיל באַהאַלטן אין איר אַפּלדיקער טיף,
אַט ווערן זיי גאָר אומעטיק און אַט גאָר פּלוצלינג פריידיק,
ווי עפּעס וואָלט געמיניעט זיך אין זייער בלויער טיף.

אַזוי גייט אָן די שפּיל — אַט גיט איר אויג אַ צינד זיך בליציק,
אַ פונקל גיט אַ גלי דאָרט מיט דעם אָפּשײַן פון אַ גלוסט,
ווי ס'וואָלט איר בלוט אַ שפּיל געטאָן אַ ווײַל צעברויזט און היציק
און ווידער לעשט איר בליק זיך אויס — די אויגן גלאָצן פּוסט.

פון מיידלטריט די ריטמישע, פון בייגעוודיקע היפטן
באַהאַלטן זינגט אַרויס דאָס ליד פון הייסע אומרונעכט
און ס'ווינקען פון איר בלאַסן האַלדז ווי היעראָגליפן־שריפטן
מיט סודות טונקל־נאַכטיקע די שוואַרצע לאָקנפלעכט.

און פון איר בליק וואָס פּרוּווט אונדז אַלץ דעם אַלטן סוד פאַרטרויען,
דעם סוד פון עץ־הדעת נאָך — פון ליבע און פון טויט,
נאָך שײַנט אין די פאַרנאַכטן אָפּ מיט יענע טיפע בלויען
וואָס נאָר דעם הימל, אים אַליין, האָט גאָט אַ מאָל פאַרטרויט.

איר נאַקעטקייט זי רײַסט זיך דורך דעם צודעק פון די קליידער,
זי גייט דורך אירע אויגן אויף, אַדורך דער גרינער שײַן
פון בליקן נאַכטיק־קעציש, וואָס זינגען אויס כּסדר
דאָס ליד פון גלוסט וואָס שווימט אין בלוט נאָך שיכּורער פון ווײַן.

אַזוי רײַסט זיך איר נאַקעטקייט צו אויפגיין פרײַ און אָפן,
אַרויסגיין פון דער שאָל פון קלייד וואָס האַלט זי שטרענג פאַרמאַכט
און בלענדיקט פון איר אויג אַרויס, ווי זי וואָלט גאָר געשלאָפן
מיט גרינעם בליק אַנטבלויזטן אין לבנהדיקער נאַכט.

אויף אירע קילע, בלאַסע, באַקן פרירט אַ טויטער רויט,
ווי אָפשײַנען פון ווינטערדיקע, פראָסטיק־קאַלטע שקיעות,
כאַטש ס׳וואַרעמען די אויגן אירע הימלדיק צעבלויט
און ס׳לויכט אַ זומער־זוניקייט פון אונטער אירע ווײַעס.

עס פראָסטיקט נאָר דער רויט אויף אירע באַקן טויט און קיל,
די ליפּן אָבער דאַרשטיקן מיט גלוסטנגגלי מיט רויטן —
אַ זעלטענער קאָנטראַסט, אַן אויסטערלישע פּנים־שפּיל
פון לעבעדיקן הייסן רויט מיט קאַלטן רויט מיט טויטן.

פון רויטן קאַלדערראַנד טויכט אויף איר קאָפּ ווי אַ געקעפּטער,
אויף בלייכן קישן ליגט ער איצט ווי אויף אַן עשאַפאָט,
איר פּנים נאָר צעשמייכלט העלט אין שלאָף אַ ראָז־באַלעבטער —
אין חלום־לאַנד פאַרבלאָנדזשעט מיט אַ צאַרטן מיידל־סוד.

דער ווײַסער קישן בלייכט אַרויס מיט שנייִיק־קאַלטער אימה,
די קאָלדרע בלוטיקט בײַ איר האַלדז מיט הייסן שניט פון רויט,
איר פּנים נאָר צעשמייכלט שוועבט מיט זוונגען געהיימע
ווי זי אַנטלאָפן וואָלט אין שלאָף פון לאַנד פון שרעק און טויט.

ס׳האָט דעמאָלט מיר געדאַכט, זי קוקט נישט בלויז מיט אירע אויגן,
זי קוקט אויף מיר מיט אַלע גלידער, מיט איר גאַנצן גוף,
ווי ס׳וואָלט פון יעדן ריר אירן צו מיר זיך גאָר געצויגן
איין גלוסטיקער פאַרלאַנג, איין הייסער, לאַקנדיקער רוף.

אַזוי געררייצט האָט אַלץ אין איר — איר בליק, אַ יעדער תּנועה,
נאָר מאָדנע ווי פאַרקערט זעט אויס אַלץ אין דעם בײַט פון צײַט —
אַ בלינדע בלייכט זי ערגעץ ווי פאַרגליווערט — אַ סטאַטוע,
וואָס שטומט אַ קאַלט־פאַרלאָשענע אין נעפּלדיקער ווײַט.

די דורכגעהעלטע בלייכקייט וואָס שלאָגט דורך זיך דורך איר פּנים
טראָגט זי מיט שטאָלצן טראָט אַרום, פאַרריסן הויך דעם קאָפּ,
באַטש ס׳שאָטענען לעם האַלדז ביַי איר פון שוואַרצקייט נאָך סימנים,
זיי קוקן ווי מיט קינאה צו איר וויַיסער ברוסט אַראָפּ.

דאָס האָבן אויף דעם ליַיב ביי איר זיך שוואַרץ און וויַיס געטראָפן,
זיי ראַנגלען זיך, זיי שטריַיטן אויף איר הויט, אויף איר געזיכט,
ווי דאָרט וואָלט נאַכט דעם טאָג געיאָגט, דעם וועג פאַר אים פאַרלאָפן —
עס טונקלט, נאָר אָט ריַיסט זיך דורך דער טאָג מיט בלייכן ליכט.

די וויַיסלעך אירע, ליכטיקע, וואָס בלענדיקן צעבלויט,
דער הייסער ברוין פון איר געזיכט, דער טונקל-פיאָלעטער —
זיי גיסן זיך צונויף אין שאָטן-דורכזיכט פון איר הויט
מיט דורכגעהעלטן בראָנז פון האַרבסטיק-אָפּגעוועלקטע בלעטער.

נאָר דורך דער ליפּן-פולקייט אירער שמייכלענדיק נאָך וואַכט
מיט ליכטיק-וויַיסן ציינערבלענד אַ פיבערדיקער צאַפּל,
וואָס ריַיסט זיך דורך מיט אומרו פון אַן אַפריקאַנער נאַכט,
אַ נאַכט וואָס איז פאַרגליט געבליבן אין איר שוואַרצן אַפּל.

עס האָבן אירע אויגן מיך אין זיך אַריַינגעזויגן,
זיי שלעפּן מיך פאַרצאַפּלט אין איר גרינעם תהום אַריַין,
איך פאַל און פאַל — אַ זיסער טונקל האָט מיַין בליק פאַרצויגן,
איך ווער צעשווומען, איַינגעזאַפּט אין זייער גרינער שיַין.

עס דאַכט זיך מיר, די וועלט זי וויגט זיך איבער מיר געבויגן —
אַ כּישוף-וועלט, זי ציט מיך אין איר נעץ פון גרינעם בליק
און איך, איך פאַל און פאַל אין טיפן תהום פון אירע אויגן,
און ס׳איז נישטאָ קיין אָפּשטעל מער, און נישט קיין וועג צוריק.

אין אירע בלוטן וואַכט די גלוסט נאָך קעציש־ווילד פאַרבאָרגן
און גרינט אַרויס פון אירע אויגן פאַספאָרדיק צעבליצט.
נאָר ס׳טונקלט שוין ביַים ראַנד פון מויל מיט נישט אָנטפּלעקטע זאָרגן
אַ טיפער קנייטש וואָס שלענגלט זיך צום האַלדז אַראָפּ פאַרקריצט.

כאָטש ס׳זײַנען נאָך די ליפּן רויט און בלאַנקענדיק די ציינער,
נאָר מיט אַ קופּערלאָק פון האָר שווימט אומעטיק צום מויל
אַ וועלקנדיקער האַרבסטפּאַרנאַכט, ווען ס׳קומט שוין מער נישט קיינער
צום וואַלד פון הייסע בענקשאַפטן, וואָס שטייט אַנטבלויזט שוין הויל.

אַ חידוש־נײַגער שוועבט אַלץ אום נאָך אויף איר בלייכן פּנים,
אַ נײַגער מיט אַ קינדערש שמייכל שטיפעריש באַגלייט —
זיי זײַנען שטיין געבליבן ווי פאַרגליווערטע סימנים
פון ערגעץ אַ פאַרגעסענער, אַ ווײַטער מיידלפרייד.

ווי זי וואָלט אַלץ געפּרוּווט נאָך דורך די ווײַטקייטן דערהערן
איר יונגן טראָט דעם מיידלשן אין שטיפערישן גאַנג,
נאָר ס׳טונקלט שוין אויף בלייכקייט פון איר אָפּגעוועלקטן שטערן
דער שאָטנדיקער אומעט פון פאַרלאָשענעם פאַרלאַנג.

איר טראָט זינגט אויס די לײַדנשאַפט וואָס זוכט נאָך אַלץ אַ תּיקון,
וואָס רופט צעוויגט פאַרפירעריש מיט רויש פון בלוט און גלוסט.
זי טראָגט נאָך אַלץ די תּאווה אום אין גלאַנץ פון אירע בליקן,
די נאַקעטקייט וואָס שפּאַרט אַרויס מיט פולקייט פון איר ברוסט.

און אירע ליפּן גליִען אויס אין זייער רויט באַהאַלטן
דעם אויפפלאַם פון אַ מענערשן, אַ גליִיקן באַריר.
זיי טראָגן אום דעם הייסן סוד, דעם בראשיתדיקן, אַלטן,
וואָס פיבערט נאָך אויף יענער זײַט פון אַ פאַרמאַכטער טיר.

איר נאַקעטקייט לויכט הייס אַרויס פון אירע גרינע אויגן,
פון אירע האָר צעלאָזטע זינגט אַ נאַכטיק־הייסער רוף
און כאָטש איר קלייד האָט שטרענג און פרום זי איינגעהילט, פאַרצויגן
ווינקט דורך דעם שוואַרצן סאַמעט גאָר די ווייסקייט פון איר גוף.

און מעג די נאַכט פאַרשאָטנט טונקלען אונטער אירע וויִעס,
אַ פאַסמע האָר מעג גאָלדיקן ווי אָפּגעוועלקט און טריב,
נאָר מיט דעם גלי פון פלאַקערדיקע תּמוזדיקע שקיעות
נאָך אָטעמט אַלץ מיט הייסן רויט דער אויסבויג פון איר ליפּ.

## קאָנטראַסטן

די ווײַסלעך אירע דורכזיכטיקן מיט אַ קילער בלויִקייט,
די פולע אַפּלען נאַכטיקן באַהאַלטן און פאַרשײַט,
זיי קוקן אָן אײַך זײַטיק מיט אַ פרעמדלעכער נישט דאָיִקייט
און מײַדן אויס אײַך כלומרשט ווי פאַרקוקט גאָר אָן אַ זײַט.

אַזוי רײַסט זיך איר בליק מיט אַ פאַרשײַטער ווידערשפעניקייט,
נאָר אירע ליפּן מאַניען גאָר מיט גלוסטונג און פאַרפיר
און ס׳בלײַבן אירע אַקסלען מיט אַ שטילער אונטערטעניקייט,
וואָס וואַרט פאַרשטעלט און נאָכגיביק אויף מענערשן באַריר.

## אויגן

ווי פרילינגדיקע וואַסערלעך צעשטראַלטע נאָך אַ רעגן
די אויגן אירע בלויען מיט אַ פינקלענדיקער שײַן
ווי ס׳וואָלט דער הימל טיף אין זיי באַהאַלטן דאָרט געלעגן —
אַ פרילינג-הימל וואָס נאָך קינדווייז איז אין זיי אַרײַן.

און כאָטש איר פּנים טונקלט ווי אַ פעלדזיק-האַרטער באָדן
מיט קנייטשן שווין, ווי ריטשקעלעך צעלאָפן אין דער טיף,
נאָר ס׳פינקלען אירע אויגן ווי מיט בלויקייט אויסגעבאָדן,
ווי פרילינגדיקע וואַסערלעך מיט כוואַליעדיקן שטיף.

## אַט ווערן אירע אויגן פול

אַט ווערן אירע אויגן פול, אַט ווערן זיי באַלד ליידיק —
עס גייט אַ שפּיל באַהאַלטן אין איר אַפּלדיקער טיף,
אַט ווערן זיי גאָר אומעטיק און אַט גאָר פּלוצלינג פריידיק,
ווי עפּעס אין איר אַפּל וואָלט דאָרט נאַרנדיק געשטיפט.

אַזוי גייט אָן די שפּיל — אַט גיט איר אויג אַ צינד זיך בליציק,
אַ פינקל גיט אַ גלי דאָרט מיט דעם אָפּשײַן פון אַ גלוסט,
ווי ס׳וואָלט איר בלוט אַ שפּיל געטאָן אַ ווײַל צעברויזט און היציק
און ווידער לעשט איר בליק זיך אויס — די אויגן גלאָצן פּוסט.

## אין דײַנע אויגן

אין דײַנע אויגן גליט נאָך אַלץ דער האַלבנאַכט פון באַגערן,
וואָס שימערט נאָך באַהאַלטן אין דײַן אַפּלדיקן גרין
און ס׳וואַכט נאָך אַלץ אויף מאַטער קילקייט פון דײַן בלייכן שטערן
מיט דורכגעבלויטע שאָטנס דער פאַרשפּעטיקטער באַגין.

אַט וועסטו באַלד אַרויסגיין אין דעם זוניקן פרימאָרגן
דײַן גאָלדן פּנים וועט אין זון צעגאָלדיקן זיך מער.
נאָר אין די אַפּלען דײַנע וועט אַלץ גליִען נאָך פאַרבאָרגן
מיט דורכגעבלויטע שאָטנס דער האַלבנאַכטיקער באַגער.

## די אויגן דײַנע

די אויגן דײַנע בלויען איצט ווי צוויי צעהעלטע טרערן
וואָס זײַנען פּלוצלינג שטיין געבליבן גליווערדיק פאַרשטאַרט
און ס׳הענגט אַראָפּ דער קופּערלאָק צעגליט נאָך אויף דײַן שטערן
וואָס ס׳האָט אַ מאָל דער אומרוווינט פון לײַדנשאַפט פאַרנאַרט.

דער ווינט פון דײַנע בענקשאַפטן האָט אים שוין לאַנג פאַרגעסן,
ער הענגט אַראָפּ אַ האַרבסטיקער שוין אָפּגעוועלקט און טויט,
און ס׳גליווערן די אויגן דײַנע — האַרבסטיקע מעת־לעתן
ווו ס׳איז דער אומעט שטיין געבליבן דעמערדיק צעבלויט.

## דײַנע אויגן

דײַנע אויגן בלויען ווי פאַרנאַכטן
אין אַ ווײַסן, אומעטיקן לאַנד.
צינד נישט אָן דעם שײַטער פון פאַרדאַכטן
מיט דעם צאַפּל פון דײַן בלייכער האַנט.

צינד נישט אָן! אין מײַנע בלוטן וואַכן
לאַנגע נעכט פון אומרו און פון גלי...
דײַנע אויגן בלויען ווי פאַרנאַכטן
אין אַ מעשה ערגעץ פון נישט הי.

## איר גרינער בליק

איר גרינער בליק דער נאַכטיקער האָט מיך אין גאַס געמיטן,
אין קאַלטן, בלייכן אָפּשײַן פון לאַמטערנדיקן ליכט.
עס האָט איר גרינער בליק מיט קאַלטן שטאָל מיך דורכגעשניטן,
ווי ער וואָלט מיט אַ חלף־שאַרף אַדורך אויף מײַן געזיכט.

אַזוי איז זי אַדורך — איצט שטיי איך אין דער נאַכט פאַרלאָרן,
איר לויפן נאָך די ליכט־סיגנאַלן ווי איר בליק — צעגרינט,
זיי טוישן זיך, אָט צינדן זיך מיט רויט די סעמאַפאָרן —
ס'קען זײַן, דאָס טריפט דאָס בלוט פון מײַן געזיכט אָפּ און עס רינט.

## קום מיידל אַרויס

דער נאַכטיקער פראָסט שמעקט מיט ווײַניקע עפּל
און קלינגט אונטער טריט מיט צעבראָכענעם גלאָז.
קום מיידל אַרויס פון דעם ליכטיקן נעפּל
און גיב מיר אַ שמייכל, — און אָן אַ פאַרוואָס.

דער הימל איז שנייִיק מיט שטערן באַשאָטן,
עס גליטשט זיך דער מילכוועג צעבלויט אין דעם פראָסט.
קום מיידל אַרויס פון דעם נאַכטיקן שאָטן
און גיב מיר אַ שמייכל, — און אָן אַ פאַרוואָס.

## איר אויגנבלוי

כ'טראָג אַלץ נאָך אום דעם אויסטערלישן בלוי פון אירע אויגן,
דער הייסער פיבער פון איר לײַב גליט אַלץ אויף מײַנע הענט.
איך האָב איר בלוי דעם זוניקן אין מיר אַרײַנגעזויגן,
ער העלט אין מיר און שײַנט אין מיר מיט לאַקנדיקן בלענד.

איר אויגנבלוי האָט אויך דער הימל קיין מאָל נישט פאַרגעסן,
ער בלויט אים אויס כאָטש אויף אַ ווײַל ווען דער באַגין צעהעלט,
נאָר איך טראָג אים אַרום דורך יעדער ווײַל פון די מעת־לעתן,
דורך אַלע טעג און נעכט פון אונדזער שאָטנדיקער וואָר.

## צו דיר

איך בין מקנא דײַנע הענט וואָס רירן דײַנע האָר אָן,
דעם ווינט בין איך מקנא וואָס גיט צאַרט דיך אַ באַריר.
צו דיר נישט־וויסנדיק געגאַנגען יעקב איז קיין חרן
און שלמה האָט געוואַרט אין שיר השירים בײַ דײַן טיר.

דער אומרו פון מײַן חלום בלײַבט אַראָפּ פון דײַנע פינגער,
די בענקשאַפט פון מײַן אָוונט זינגט אין אויסבויג פון דײַן האַנט.
פון דיר האָט נאָך געזונגען אין דער הייל דער ערשטער זינגער,
פון דיר מיט פרייד מיט ערשטער האָב איך קינדווײַז שוין געאַנט.

## האַרבסטיקער פּאָרטרעט

דער שאָטן פון דײַן אומעט ליגט פון אונטער דײַנע וויִעס;
אויף האַרבסטגאָלד פון דײַן פּנים, ווי אַ בלווילעכער פאַרנאַכט
און נאָר די ליפּן רויטיקן מיט הייסן גלי פון שקיעות
וואָס ס'האָט דער ווינט פון לײַדנשאַפט פון בלוט בײַ דיר געבראַכט.

אין בלוט דײַנעם וואָס זידט נאָך אַלץ, וואָס פול מיט הייסן גלי איז
ער צינדט נאָך דײַנע אַפּלען אַלץ מיט זוניקייט און ווײַן.
נאָר ס'שאָטנט שוין דער האַרבסט פון אונטער דײַנע בלויע וויִעס
מיט לעצטן גאָלד פאַרנאַכטיקן, מיט שקיעהדיקער שײַן.

## די בלײַכקייט פון די פּנימער

די פײַערן די נאַכטיקע זיי ווינקען ווי אַ מאָל,
די פענצטער העל־געצונדענע זיי רופן מיט די ליכטער.
לאַמטערנדיק צעבליט ווי פון אַ שאָטנדיקן טאָל.
קוקט אומרויִק די גאַס אַרויף צעהוידעט מיט געזיכטער.

די בלײַכקייט פון די פּנימער פון מיידלעך אין דער נאַכט
איז אַלץ נאָך ווי אַ מאָל — דער זעלבער שמייכלענדיקער טרויער,
דער זעלבער גלי פון אויגן וואָס גייט אויף צו מיר דערוואַכט
און איך, פאַרצאַפּלט פלאַטער אום אין נאַכטיק־שפּעטן לויער.

## נישט לאַק מיך מער

נישט לאַק מיך מער מיט שמייכלענדיקן ציטער,
נישט בלוי אויף מיר מיט דיַין צעהעלטן בליק, —
אין מיַינע טעג איז ליבע אַ געוויטער,
אין מיַינע טעג איז ליבע נישט קיין גליק.

נישט לאַק מיך מער. אין רויטן פאַל פון בלעטער
די ליפּן דיַינע לעשן זיך אין ווינט.
נישט בלוי אויף מיר — דיַין שמייכל איז אַ שפּעטער
דער הימל רעגנט אומעטיק און בלינד.

## אַדורך די גאַסן גייען מיידלער

אַדורך די גאַסן גייען מיידלעך הויכע און פולברוסטיקע
מיט פּנימער צעזוניקטע און וויַעס פול מיט נאַכט.
זיי קוקן שמייכלענדיק מיט אויגן טונקעלע און גלוסטיקע,
ווי ס׳וואָלט נאָך אַלץ אין זייער בליק די נאַכטיקייט געוואַכט.

זיי גייען שלאַנק אַדורך מיט טריט צעוויגטע, יצר הרע׳קע,
די מענער־בליקן לויפן נאָך זיי פיבערדיק צעגליט,
נאָר זיי צעוויגטע שפּריַיזן לאַנגזאַם הויכע און בלאָנדהאָריקע
און לאָזן איבער הינטער זיך אַן אומרוהילך פון טריט.

## דורך פרעמדן מיידלבליק

כ׳ווער אייפערזיכטיק צו די פרויען ווען זיי קושן מענער,
ווען זייער בליק פון ליבע איז צו אַנדערע געווענדט,
די פרויען ווערן דעמאָלט, דאַכט מיר, יינגער גאָר און שענער,
אַ רייץ גייט אויף פון זייערע פאַרבענקטע, צאַרטע הענט.

מיר דאַכט, ווי איך אַליין פון זייער בליק וואָלט יונג געוואָרן,
פון זייער קול גייט אויף מיַין יוגנט אין מיַין בלוט צוריק
און ווידער ווער איך אייפערזיכטיק ווי אַ מאָל מיט יאָרן,
און ווידער זינגט מיַין יוגנט דורך דעם פרעמדן מיידלבליק.

## זי לאַכט

זי לאַכט.
איר הייס־צעשײַטערטער געלעכטער
צינדט אָן אַ שׂרפֿה אויף איר קאָפּ,
די קופּער־פּלעכטן
פֿאַלן ווי קאַסקאַדן באַרג אַראָפּ —
אַ פֿײַערפֿאַל וואָס פֿליט גאַלאָפּ
און ברענט,
און בלענדט
מיט שײַטערדיקער, רויט פֿאַרשײַטער פֿרייד,
און טליעט אָפּ
בײַם ראַנד פֿון קלייד.

און נאָר די זומערשפּרינקלעך לויפֿן ווײַטער, ווײַטער אַלץ,
און פֿאַלן אויף איר נאַקן,
אויף די באַקן,
אויף איר האַלדז
מיט אָפּגעצאַנקטע גלי̈ענדיקע מעשן,
ווי פֿונקען פֿון אַ שׂרפֿה וואָס קענען זיך נישט לעשן.

# אַלטקייט

## די אַלטקייט

די אַלטקייט וויינט מיט טרוקענע, מיט אויסגעקילטע אויגן,
מיט קאַרגע טרערן שיטערע אויף פּאַרמעט פון געזיבט.
עס גליטשן זיך דורך קנייטשעלעך מיט דעמערגרוי פאַרצויגן
די טרערן קאַלטע, שיטערע, פאַרלאַשענע אָן ליכט.

ווי שפּליטערלעך פאַרטונקלטע פון אַ צעפּלאַצטן שפּיגל
וואָס טונקלען מאַט איצט אויס אַ ווײַטע פינקלענדיקע וועלט,
אַזוי לעשט אויס אַ לעבן זיך, וואָס ציט זיך נאָך פון וויגל
מיט לעצטע טרערן אויף אַ פּנים פּאַרמעטיק פאַרגעלט.

## די אַלטקייט דרימלט נאָר

די אַלטקייט דרימלט נאָר, זי קען נישט אויף אַן אמת שלאָפן —
זי שוועבט אַרום, זי פלאַטערט אום צווישן טרוים און וואָר,
ווי זי וואָלט פון דער ווירקלעכקייט דער גרויער גאָר געלאָפן
צום חלום־לאַנד, צום אויסדאַכטלאַנד ווו קיין זאַך איז נישט קלאָר.

די אַלטקייט דרימלט און איז וואָך, זי הערט זיך צו צעשראָקן
ווי ס'טריפט די צײַט מיט רגעס אָפּ אויף אירע מידע הענט,
ווי ס'גייט אַרום די שטילקייט אין דעם צימער אין די זאָקן
און ווי דער דעמער שאַרכט צעשאָטנט אויף די גרויע ווענט.

## אַלטע לײַט

אין ווינטער־מאַנטלען זיצן אויף דער זון די אַלטע לײַט,
ס'איז מײַ אין דרויסן — ס'גרינט, עס בליט, דער טאָג — אַ ליכטיק־שײַנער,
דער ווינטער איז אַוועק, נאָר זיי, זיי פילן נישט דעם בײַט,
זיי קעלטערט נאָך — דער ווינטער ליגט זיי אַלץ נאָך אין די ביינער.

מיט מאַטע בליקן קוקן זיי די וועלט אַן שטום, מיט וויי,
זיי זעען נישט דעם בוים וואָס בליט אַ זאַפטיקער, צעגרינטער,
זיי דאַכט זיך, פון דעם בוים פאַלט נישט קיין בלעכץ, נאָר אַ שניי
און טוליען אין די קאָלנערס פון די מאַנטלען זיך ווי ווינטער.

## אַן אַלטער מאַן

אַן אַלטער, קראַנקער מאַן זיצט שטום־געבויגן אויף אַ באַנק,
די זון איז בלייך, זי שלאָגט זיך אָפּ פון אַלע געלע פאַרבן,
די בלעטער אויף די ביימער הענגען אָפּגעוועלקט און קראַנק,
די זון איז געל, די ערד איז געל — זיי גייעןביידע שטאַרבן.

דער אַלטער זיצט אין מיטן פון אַ גוססדיקער וועלט,
ער זיצט מיט זײַנע בלייכע הענט די קני אַרומגענומען,
די קאַלטע זון האָט אים אַליין מיט לעצטער שײַן באַגילדט —
אָט ווערט ער באַלד אין דעם פאַרנאַכט דעם געלבלעכן צעשוווּמען.

## אַזוי איז די אַלטקייט

אַזוי איז די אַלטקייט — צו זיצן און דרימלען מיט אָפענע אויגן
און שמייכלען פאַרחלומט צו עפּעס וואָס נעפּלט פאַרגעסן און מאַט.
מיט גאָלדענער זוניקייט בלייבער וואָס האָט זיי פאַרנאַכטיק פאַרצויגן
צו וואַרטן אין האַרבסטיקן דעמער מיט געלער פאַרוועלקטקייט פון בלאַט.

די אַלטקייט וויל מערער שוין גאָרנישט, זי וויל נאָר אין בלייכע פאַרטאָגן
האַלב־וואַכעדיק זיצן און פילן פון זון די פאַרבלאַנדזשעטע שײַן,
דערמאָנען פאַרגעסענע טעמען וואָס רופן נאָך, רייצן און נאָגן
און קינדערשע זיסע גערוכן וואָס שמעקן מיט עפּל און ווײַן.

## אַלטקייט-מאַסקעס

די קרומע פינגער ציטערן מיט נעגל שאַרף־פאַרשפּיצטע,
זיי רויטיקן אַרויס זיך פון דער אָפּגעשיילטער הויט
פון פרויענהענט גערינצלטע, פון אַלטקייט אָפּגעניצטע,
ווו שרעקנדיק פון נעגל שרײַט ווי בלוט־באַטריפט דער רויט.

די רויטע נעגל גרוילן ווי פון רויבפייגל פּאַזורעס,
די אַלטע אויגן שמייכלען מאַט, פון אַלטקייט ווי פאַרשמעלט,
פון אונטער וויִעס פאַלשע אויף די אָפּגעשמינקטע צורות,
ווי זיי מיט מאַסקעס וואָלטן זיך פאַר פרויען זיך פאַרשטעלט.

## אַן אַלטער מידער מאַן

און אַז קומען וועט ער אויף צוריק
מיט גרויע האָר און מאַטן בליק
אַן אַלטער מידער מאַן
און וועט אַוועקשטעלן בײַם וואַנט דעם טשעמאָדאַן
און זיך אַ זעץ טאָן אויפן ברעג פון בעט
און קוקן ווי זײַן אַלטער אָפּגעניצטער ראָק
הענגט ווידער שוין אויף דעם פאַרראָסטן האָק,
וועט מען זאָגן אויפן אויער שטיל: — איר זעט,
אָט דאָס איז דער, וואָס איז אַ מאָל אַוועק
געגאַנגען זוכן אין דער וועלט אַ ביסל גליק.
אָט איז ער איצט געקומען דאָך צוריק
אַ גרויער מאַן מיט מידן, מאַטן בליק.

און ער אַליין וועט זיצן און נישט אויסריידן קיין וואָרט,
נאָר וועט זיך שפּעטער אויפהויבן פּאַמעלעך פון זיין אָרט
און צוגיין צו דעם פענצטער, דעם פאַרטונקלטן פון שטויב
און אָפּווישן נאָך יאָרן לאַנג די גרוי פאַרהויכטע שויב
און וועט אויף ס'נײַ דערזען אין אויפגעהעלטן רוים
שוין ווידער אַ צעפּרילינגטער עס גרינט דער זעלבער בוים
און ווידער ווי אַ מאָל, אַ מאָל דער הימל איז דאָ בלוי

אונ פּלוצלינג גאָר פאַרטראַכטן זיך און אפשר גאָר אַזוי.
אָט דאָ איז דאָך געווען, קען דאָך זײַן, דאָס ביסל גליק,
וואָס האָט געפּרילינגט נאָנט אַזוי און קומט שוין נישט צוריק.
און קוקן וועט ער גליווערדיק, אָן גלוסטונג, אָן באַגער
און וואַרטן מיט אַ דאַרער באָק אויף קוים אַ לעצטער טרער.

# זכרונות

## פון די קינדערטעג

איך טראָג אין מיר אַרום אַ נישט־פאַרגעסענעם געריוך
וואָס וואַכט אין מײַן געביין נאָך פון די קינדערטעג באַהאַלטן,
דעם מאָדנעם ריח פון פּאַפּיר אין ערשטן קינדערבוך
מיט בילדלעך אויסגעמאָלענע, מיט פּנימער, געשטאַלטן.

דער ריח לעבט נאָך אַלץ אין מיר מיט מעשׂיות פאַרוועבט,
מיט מאָדנעם חידוש קינדערשן, מיט האַרצקלאַפּ, מיט באַגערן —
אַן אויסטערלישע וווּנדערוועלט וואָס צאַפּלט נאָך און לעבט
און כּישופט מיט די נעמען מיר געהיים: מײַן ריד, זשול ווערן.

## בענקשאַפט

כאָטש איך בין שוין נישט יונג צו קענען אַלץ געדענקען,
דאָך זע איך אַלץ די שקיעה נאָך — פון קינדערטעג אַ בילד,
איך קוק פאַרגאַפט און פיל אין מיר גייט אויף צענאַגט אַ בענקען,
וואָס האָט מיט אומעט ערשטיקן אין האַרצן זיך צעשפּילט.

דאָס האָט מײַן האַרץ זיך אויפגעכאַפּט פון איר פאַרקלעמטער ענגשאַפט,
אַ ריס געטאָן זיך צו דער וועלט, כאָטש שטום נאָך, אָן אַ וואָרט —
אַזוי געקומען איז צו מיר צום ערשטן מאָל די בענקשאַפט
וואָס איז אַרײַן אין בלוט צו מיר און איז פאַרבליבן דאָרט.

## דאָס האָט מײַן יוגנט אויסגעטראַכט

פאַרקלעמט אין ריזיקן ניו־יאָרק ווי אין אַ שטײַג אַ גרויסער,
פון וואָלקן־קראַצערס טורעמדיק צונויפגעדריקט, פאַרשטעלט
טראָג איך נאָך אום מײַן קינדערש־ווײַטן שטערנדיקן דרויסן,
מײַן זומערטאָג מיט פלייצנדיקן קאָרנגאָלד אין פעלד.

דאָס האָט מײַן יוגנט אויסגעטראַכט, קען זײַן, פון שטאָט די שיינקייט —
מיט גאַסן־ליכטער נאַכטיקע, מיט אימפּעט פול און האַסט,
און נישט געאַנט די איינזאַמקייט פון מענטש, פון זײַן אַליינקייט
אין טויזנטקעפּיקן געדראַנג — אַן אומבאַקאַנטער גאַסט.

## אַ פאַרגעסענער געזיכט

דורך שאָטנדיקע קלאַנגען פון פאַרגעסענע ניגונים
עס לעבן אויף די פּנימער פון מײַנע קינדערטעג,
זיי טויכן אויף פון טיפקייט ווי פון טונקל פון אַ ברונעם,
פאַרלוירענע דורך יאָרן אויף זיין דעמערדיקן דעק.

זיי טויכן אויף פאַרוועבטע אין די קלאַנגען פון אַ זמר
אין שימער פון קאָנטראַסטן, ווי אין שפּיל פון שאָטנליכט,
זיי שיילן זיך אַרויס אַדורך דעם ניגונדיקן דעמער
און זינגענדיק אַנטפּלעקט זיך אַ פאַרגעסענער געזיכט.

## אַ פענצטער

איך בין נאָך מיט זכרונות פון מײַן קינדהייט אָנגעלאָדן,
מיט זומערטעג און ווינטערנעכט, מיט שטיפערײַ און שפּיל.
איך טראָג נאָך אין זכּרון אום אַ פענצטער מיט די לאָדן,
איך זע נאָך ווי די שפּאַרעס בלויען, ס'העלט פאַר טאָג דער דיל.

בײַ טאָג מיט אויפגעמאַכטע לאָדנס שטייט דאָס פענצטער אָפן,
מיטווירבל־זײַלן שטויביקע לויפט אום די זון אין הויז
און בײַ דער נאַכט איך ליג און זע — דאָס פענצטער קען נישט שלאָפן,
און הערט ווי איך זיך צו, ווי ס'גריזשעט אונדזער דיל אַ מויז.

## עס זינגט אין מיר מײַן יוגנט

מײַן יוגנט גייט נאָך אַלץ מיט פאַרלעך הייס געאָרעמט,
מיט ווערטער פון פאַרליבטע און מיט ערשטן מיידלקוש.
עס זינגט אין מיר מײַן יוגנט נאָך מיט שטעטישע כּלי־זמרים
מיט פלעמלליכט פון חתונות, מיט אַטלאַסן און פּליוש.

מײַן יוגנט זוכט מיך אַלץ נאָך אום, זי ווינקט פון יעדן ווינקל,
זי זינגט פון יעדן פּאָרל נאָך, דורך פרעמדע ליבערייד,
דורך אַלע שמייכלען מיידלשע, פון יעדן אויגן־פינקל,
זי לויפט צו מיר און ווינקט צו מיר דורך פרעמדער, הייסער פרייד.

## עס שפּילן קינדער זיך אין גאַס

עס שפּילן קינדער זיך אין גאַס. דורך זייערע געשרייען
מיט ווייטע עכאָס לויפט צו מיר צוריק מײַן קינדערוועלט.
דורך שטימעס הילכיקע ווי דורך צעפּרילינגטע אַלעען
גיי איך צוריק צו יענע טעג אַ זוניקער צעהעלט.

דער פרילינג איז שוין לאַנג ניטאָ, די זומערטעג פאַרגייען,
אָט נאָך אַ טראָט — דער הימל גרויט ביים האַרבסטיק־לעצטן ראַנד.
נאָר איך אין שײַן פון דעם פאַרנאַכט דורך קינדערשע געשרייען
איך לויף מיט פרייד פאַרגעסענער צוריק צו יענעם לאַנד.

## פּנימער

דורך שאָטנדיקע קלאַנגען פון פאַרגעסענע ניגונים
עס לעבן אויף די פּנימער פון מײַנע קינדערטעג,
זיי טויכן אויף פון טונקל ווי פון טיפקייט פון אַ ברונעם,
פאַרלוירענע דורך יאָרן אויף זײַן שאָטנדיקער דעק.

זיי וואַכן אויף נישט־זיכערע דורך קלאַנגען פון אַ זמר —
אַ ניגון פון קאָנטראַסטן, אין אַ שפּיל פון שאָטנליכט,
זיי שיילן זיך אַרויס אַדורך דעם טענערדיקן דעמער
און זינגענדיק אַנטפּלעקט זיך אַ פאַרגעסענער געזיכט.

## מײַן שטעטל בײַ טאָג

מיט גרויע וואָכנטעג און זוניקע שבתים
גייט אויף אין מײַן זכּרון נאָר מײַן שטעטל פון אַ מאָל
איך הער — אין אָוונט וויינט דער ברונעם ווי אַ יתום
מיט כליפּענדיקע, פולע עמערס אויפן קול.

די מאָרגנס וועקן מיך צעשמעקט מיט ברויט און קימל,
פאַרנאַכטן לעשן זיך בײַם ראַנד פון טעלער זופּ —
און וואַסער טרינק איך אויסגעמישט מיט קאַלטן הימל,
וואָס בלײַבט פון פּאַס אַרויס לעם פירהויז פון דער שטוב.

## אַ בלוטיק-רויטער שנײ

מײַן בעט איז נײַ, נאָר די חלומות זײַנען אַלץ נאָך אַלטע,
ווי גאָר אַ מאָל, ווי ס׳וואָלט זיך נישט געביטן שוין מײַן וואָר —
איך זע נאָך זומערס שטעטלשע, די ווינטערס — שנייִק-קאַלטע
און איך בין אַלץ אַ ייִנגל נאָך פון אפשר עלעף יאָר.

כאָטש ס׳לאָזט דער אומרו פאָרט שוין נישט מיך מערער רויִק שלאָפן
און ס׳טרעפט אַ מאָל, איך הער אין שלאָף מײַן אייגענעם געשריי —
איך זע מײַן שטעטל ברענג מיט טירן פענצטער רויִכיק אָפן,
עס פאַלט אַ שנײַ, ווי מאָדנע איז — אַ בלוטיק-רויטער שנײ.

## אַ בוים אין מײַן זכּרון

איך זע דאָס פענצטער פון מײַן קינדהייט פול מיט שײַן אַרום מיר
און אין דעם פענצטער אויפגעמאַכט שטייט גרין צעצווײַגט אַ בוים,
ער רוישט און זינגט אַרײַן צו מיר דאָס ליד פון זון און זומער
און הינטער אים אַ וואָלקנדל צעגאָלדיקט אין דעם רוים.

אַזוי שטייט אַלץ דער בוים אין מײַן זכּרון נאָך אין פענצטער,
אָט ווי אַ בילד איך זע אים אין אַן אײַנגעפאַסטער ראַם,
פון אַלע שיינעביימער אין דער וועלט דער בוים דער שענסטער —
אַ זאַפּטיקער, אַ גרינער מיט אַ זון באַגילדטן שטאַם.

## דער מעריב־ניגון

איך זע נאָך דעם בית־מדרש אין אַ קאַלטן ווינטעראָוונט,
דער אויוון גליט, פון בליצלאָמפּ פאַלט אַן אָפּשיין רויטלער־געל,
איך הער דעם מעריב־ניגון נאָך „והוא רחום יכפר עון" —
אַ פּאַסנער ניגון, ייִדן כאַפּן אָפּ די ווערטער שנעל.

זיי איַלן זיך. דער דרויסן וואַרט מיט שנייען דורכגעבלויטע,
מיט נידעריקע דעכלעך דורכגעפרוירן, שנייִיק־בלאַס,
מיט פענצטערלעך ווי מיט טראַכאָמע־אויגן קרענקלער־רויטע
און נאָך דער ניגון לויפט זיי נאָך אַ וואַרעמער אין גאַס.

## כ׳געדענק עס נאָך פון קינדוויַיז

איך זע נאָך ווי די ביימער גלִיען רויט, ווי דורכגעראָסטיקט,
די בלעטער הענגען אויף די צוויַיגן — מאַטע קופּערפּרענדז
און אויף דעם הימל דעם צעבלויטן — דורכגעווינטיקט, פּראָסטיק —
עס ציִען זיך קיין דרום לאַנגע שורות ווילדע גענדז.

כ׳געדענק עס נאָך פון קינדוויַיז — כ׳הער דעם גאַנערדיקן ברומען
וואָס שווימט אַוועק און עבאַט אָפּ אין ווינט־געפּלאָטער קוים,
איך הער נאָך אַלץ דעם ברום, ווי איך וואָלט איצט נאָך אים פאַרנומען.
אַ ייִנגל זיצט אויף דר׳ערד און קוקט פאַרחלומט אין דעם רוים.

## אַ מאַרקטאָג

מיט ברייטע באָבע־הינטנס שטופּט דער מאַרק זיך אַ צעפּווישטער,
עס מישן פּעלצלעך פּויערשע זיך אויס מיט ייִדנבערד,
דער מאַרק ווערט פולער, פולער אַלץ, ער ליאַרעמט אַ צערווישטער
מיט קולות און מיט רייד, מיט ביל פון הינט און הירזש פון פערד.

צו אויפגעשטעלטע האַלאַבליעס עס פאַלן צו די דעכער,
זיי הענגען קרומע, נידעריק צום רויש פון מאַרק פאַרהערט,
ווו גוייִש מישט מיט ייִדיש זיך און ס׳ווערט דער רויש אַלץ העכער,
און ס׳שמעקט די לופט פאַרפּסחדיק מיט טיַיענדיקער ערד.

## אין חדר

דער חדר־ניגון לעבט אין מיר נאָך מערער ווי די ווערטער,
איך פּיל דעם עבֿאַ זייערן נאָך מער ווי זיי אַליין.
איך שטיי נאָך דורך דער ווײַטקייט אַלץ צום ניגון אַ פאַרהערטער
און כ׳טראָג די שפּירונג פון אַ וואָרט דורך אים אין מײַן געביין.

אַט זע איך נאָך אַ ווינטערטאָג, עס איז דער פראָסט געשטיגן,
איך זיץ אין חדר, ס׳דעמערט שוין, דאָס פענצטער איז פאַרשנייט,
נאָר מיר איז הייס — די היץ גייט נישט פון אויוון, נאָר פון ניגון —
און ס׳לויפט אַ זומער־ריח נאָך די חומשדיקע רייד.

## דער ניגון פון תּנ״ך

איך בלעטער אַלץ און בלעטער נאָך דעם אַלטיטשקן תּנ״ך,
די בלעטער זײַנע זײַנען שוין פאַרגעלבטע און צעדריבלט,
אַט וויפל האָבן ספּדיק אין אים זיך נישט געגריבלט,
נאָר מיר איז נאָנט און הייליק אַלץ זײַן וווּנדערלעכע שפּראַך.

ווי ווײַט בין איך אַוועק פון אים שוין אין מײַן וואָקלגאַנג,
פון יענע טעג ווען איך האָב אים געלערנט נאָך אין חדר,
נאָר ס׳גייט דורך אַלע וואָגל־וועגן מיר אַלץ נאָך כּסדר
דער עבֿאַ פון זײַן ניגון ווי דער ליכטיקסטער געזאַנג.

## אין לעצטער ווײַל

איך זע נאָך אַלץ די דעכער פון דער שול, פון בית־המדרש,
פאַרלאָזנדיק מײַן שטעטל זע איך זיי אין לעצטער ווײַל —
אין דעכער־ווירוואַר אַנגעוואַליעט, קרום און נישט סימעטריש,
צעוואַקלטע אַנטלויפן זיי ווי איך אין גרויס געאײַל.

דער הימל יאָגט אונדז נאָך, ער לויפט, אַט פאַלט ער באַלד — אַ חלוש,
ער יאָגט אונדז נאָך אַ ווינטיקער מיט גרויע וואָלקנזעק,
די דעכלעך לויפן, יאָגן נאָך, ווי אַלץ זעט אויס סימבאָליש —
נישט איך אַליין אַנטלויף, נאָר אַלץ אַנטלויפט, געיאָגט פון שרעק.

## דער בוידעם

איך טראָג פון שטענדיק אום אַ נײַגער מיט אַ שרעק אין איינעם,
נאָך קינדווײַז האָב איך ליב געהאַט צו נאָכקוקן די וועלט,
אַרײַנבליקן בגנבה דורך די פענצטער בײַ די שכנים,
אין ברונעם זען ווי אויף זײַן דעק אַ שײַן געהיים דאָרט העלט.

געצויגן האָט דער בוידעם מיך, איך פלעג זיך דאָרט באַהאַלטן,
פאַרקריכן און פאַרטוליען זיך אין ווינקל בײַ דעם סטריך
און קוקן, זען ווי פון דעם דאַך דורך סודותפולע שפּאַלטן
די זון זי שאַרט אַרײַן זיך מיט צעטאַנצטע פלעקן ליכט.

## אַ ייִדישער סאָלדאַט

אַ ייִדישער סאָלדאַט מיט שוואַרץ־פּאַרדרייטע, בראַווע וואָנצעס —
איך זע זײַן פאָטאָגראַפיע נאָך בײַם שכן אויף דער וואַנט.
ער האָט אַ מאָל געשלאָגן זיך פאַר פאָניען מיט יאַפּאָנצעס
און איז געקומען אויף צוריק אין שטעטל אָן אַ האַנט.

אַזוי געדענק איך שפּעטער אים אַליין — אַ באַלעבעסל,
מיט קינדערלעך אַ סך און מיט אַ שנײַדערשן וואַרשטאַט,
נאָר כ׳זע זײַן בילד, וואָס קוקט אַדורך דעם פענצטער נאָך צום געסל —
מיט וואָנצעס שוואַרץ־פּאַרדרייטע שטאָלץ — אַ ייִדישער סאָלדאַט.

## שלאָף אײַן, מײַן קינד

שלאָף אײַן, מײַן קינד, שלאָף אײַן! — וואָלט מיר געזאָגט מסתּם מײַן מאַמע,
זי וואָלט מיך אַזוי ריידנדיק פאַרוויגט נאָך מיט אַ ליד —
די איבערחזרונג די אייביקע פון אונדזער לעבנס־דראַמע,
וואָס גייט אונדז נאָך און לעבט אין אונדז, אין יעדערנס געמיט.

אין אונדזער עלטער־איינזאַמקייט, אין נעכט אין שלאָפלאָז־שפּעטע,
ווען ס׳איז נישטאָ קיין אויסוועג שוין און נישט קיין טרייסטוואָרט מער,
קלינגט אָפּ דורך אַלע ווערטער די טאָג־טעגלעכע גערעדטע
דער מאַמעס ווײַטער קול אין אונדזער וואַכיקן געהער.

## מײַן זיידע

א

מײַן מאַמע פלעגט מיר מיטנעמען קיין וואַרשע צו דעם זיידן,
ער פלעגט מיר קינדווײַז שרעקן מיט זײַן חסידיש־לאַנגן טראַכט,
ער פלעגט אין גאַנצן אַנדערש ווי אין שטעטל בײַ אונדז ריידן
און בײַ דעם דאַוונען אויסטערליש העוויות גאַר געמאַכט.

ער פלעגט נישט אײַנשטיין בײַ דעם דאַוונען, נאָר מיט אימפּעט שפּרײַזן,
אַ בייזער ייִד — אַ פאַבריקאַנט מיט יוסטן, פּעוונעם טראַט,
ווי ער וואָלט גאָר געמיינט אפשר, אַז אַלץ קען ער באַווײַזן,
אַז ער קען גאָר אַרײַנשפּרײַזן צו אים אַליין — צו גאָט.

ב

מײַן זיידע האָט דערציילט מיר פון זײַן מאַמען דער אלמנה,
וואָס ער האָט קוים געדענקט זי, שוין פאַרנעפּלט און נישט קלאָר.
בײַ נאַכט איז ער געשטאָרבן מיט אַ שמייכל אויף זײַן פּנים,
פאַרלאָזן אונדזער וועלט — אַ ייִד פון איבער הונדערט יאָר.

ס׳קען זײַן, אַז אין דער לעצטער ווײַל דערזען האָט ער זײַן מאַמען,
וואָס האָט איר זון באַגעגנט ווי אַ מאָל מיט טרייסט און גנאָד
און ס׳האָט אין יענער רגע זיך צונויפגעמישט צוזאַמען:
זײַן קרעכץ, איר בליק און עפּעס נאָך וואָס איז פאַר מיר אַ סוד.

## די יוגנט

די יוגנט דײַנע לאָקט דיך מיט דער ווינקענדיקער ווײַטקייט,
זי זאָגט דיר צו און אַלע ווײַטן ווערן דיר גאָר נאָענט,
זי רופט דיך אַזאַ זיכערע מיט טראַציקער פאַרשײַטקייט —
דו לויפסט זי נאָך, כאָטש ווײַטער ווערט דער ראַנד פון האָריזאָנט.

אַ גאַנצן לעבן לויפט דײַן יוגנט נאָך דיך און זי בלענדיקט,
מיט הונדערטער מיראַזשן לויפט זי נאָך צו דיר געווענדט,
דו לויפסט, בלײַבסט שטיין אַנטוישט, דײַן חלום לעשט זיך, איז געענדיקט,
נאָר אָט רופט זי דיך ווידער שוין און דו לויפסט נאָך פאַרבלענדט.

## דער ניגון פון מײַן יוגנט

כּ׳פּרוּוו אַנטלױפֿן פֿון דער עלטער, פֿאַר די יאָרן זיך באַהאַלטן,
כ׳טראָג נאָך אַלץ מײַן יוגנטשמייכל אונטער מײַנע גרויע האָר.
אין מײַן בלוט נאָך קרײַזט אַ ניגון, ווי פֿון ווײַן געצערטן, אַלטן,
וואָס פֿאַרשיכּורט און פֿאַרחלומט מײַנע טעג פֿון גרויער וואָר.

מעג דער שׂכל טראַכטן אַנדערש און ער וואָרט אָפּ, און ער לויערט
אויף דער רגע ווען דער חלום לאָזט מיך שטיין אַליין לעם שוועל,
נאָר דער ניגון פֿון מײַן יוגנט שרײַט אים איבער, זינגט קאַפּריער —
אונטער האָר צעזילבערט, גרויע שווימט נאָך אַלץ מײַן יוגנט העל.

## וואַרשע

עס טרעפֿט, עס קומט אין שלאָף צו מיר אַן אומגעריכטע — פּוילן
און ווידער זע איך וואַרשע, כאָטש זי זעט מיר אויס שוין פֿרעמד,
זי קומט צו מיר אין חלום אַ באַהאַלטענע, פֿאַרהוילן,
ווי קומען אויף דער וואָר צו מיר זי וואָלט זיך גאָר געשעמט.

איז קומט זי אַן מײַן וויסן גאָר, אַזוי ביי נאַכט באַהאַלטן,
מײַן חורבן־וועלט גייט ווידער אויף אַזוי מין גרוויליק־קלאָר:
מיט שׂרפֿה־ווענט מיט חורבע, מיט רויכיקע געשטאַלטן
און איך, פֿאַר שרעק, איך לויף צוריק פֿון חלום צו דער וואָר.

## מײַן פֿענצטער אויף אַ וואַרשע־גאַס

מײַן פֿענצטער אויף אַ וואַרשע־גאַס איז דאָרט אין אַש פֿאַרבליבן,
איצט קוק איך דורך אַ פֿענצטער אויף אַ וועלט מיר קוים באַקאַנט.
נישט איך אַליין האָב דאָך די גאַס די נײַע אויסגעקליבן —
דאָ האָט דער גורל מיך געבראַכט מיט זײַן קאַפּריזנער האַנט.

מײַן וואַרשע־פֿענצטער ליגט אין אַש, באַגראָבן ווו אין שטויבן,
מיט נײַע ווענט, מיט פֿרעמדע, שטייט מסתּם שוין דאָרט אַ הויז,
נישט מײַן פֿאַרנאַכט קוקט דאָרט אַרײַן דורך אויפֿגעבלויטע שויבן
און נישט מײַן פּנים דורך דעם פֿענצטער קוקט צום גאַס אַרויס.

## נאָכן חורבן

### א

איך האָב געלאָזט אַ ליד אויף נאָוואָליפּיע דרײַ און צוואַנציק.
די וואַרשע־גאַס, מײַן היים, וואָס האָב איך נישט געלאָזט אַלץ דאָרט?
מײַן בעט, מײַן טיש, אַ שטול און אין דעם שאַנק — אַ נײַעם אַנצוג
און כּתבֿים פון אַ בוך וואָס איך געדענק שוין נישט קיין וואָרט.

וואָס האָב איך נישט געלאָזט אַלץ דאָרט? מײַן יוגנט און די ווערטער
וואָס איך האָב אויסגעצערטלט פאַר מײַן סאַמע שטילסטן ליד.
איצט גיי איך אום און ס'קלאָגט אין מיר אַ וואָרט אַ נישט־באַשערטער,
אַ וואָרט אַ שטילס, וואָס וויינט אין מײַן צעשויבערטן געמיט.

### ב

מײַן עבֿר ליגט באַהאַלטן טיף, פאַרשאָטן אין זכּרון,
איך גראָב אַרויס פון דאָרטן אָפּט אַ שמייכל, אַ געזיכט,
אַט ווי מען גראָבט אַרויס פון טיפער ערד וואָס ליגט פאַרפראָרן
די רעשטלעך פאַרהיסטאָרישע פאַרשאָטן אין אַ שיכט.

אַזוי גראָב איך אַרויס פון דאָרט אַ בליק אַ מאָל, אַ פּנים
וואָס ליגן לאַנג־פאַרגעסענע פאַרשטעקט דאָרט און פאַרשטעלט
און ווידער גייען אויף צו מיר די רעשטלעך, די סימנים
פון יאָרן לאַנג־פאַרשוווּנדענע — אַן אומגעבראַכטע וועלט.

### ג

דאָס לעבן וויקלט־אויף מיך ווי אַ רויטיקע מגילה,
דער גורל בלעטערט אָפּט מיך ווי אַ ווינט־צעפּאָכטן בוך —
איז ווייס איך נישט פון וואַנען קומען ווערטער צו מיר שטילע
און פרילינגדיקע ריחות אַנשטאָט טשאַדיקן גערוך.

עס וואָלטן מײַנע ווערטער דאָך באַדאַרפט זײַן ווילד־צעשריִען
און גליִען וואָלטן זיי באַדאַרפט מיט שרפהדיקן רויט,
און זיי גאָר האָבן ליב דעם ראָז פון פרילינגדיקן בליִען,
און צאַפּלען פול מיט חידוש פאַר אַ הימל העל־צעבלויט.

## די קופּערנע לבנה

### אַ דערמאָנונג פון דער קינדהייט

און איך געדענק גענוי:
אַ זומער־אָוונט,
אַ פענצטער אויפגעמאַכט אין גאַנצן אָפן,
עס שמעקט מיט קראָפּעווע און טוי.
אין שטוב איז שטיל, אַ נאַפטלאָמפּ ברענט
מיט רויטן שׂרפהדיקן בלענד.
דאָס פלעמל צאַנקט
רויבערדיק און קרום,
די שאָטנס פון אַרום
זיי זײַנען זיך צעלאָפן,
פאַרקלײַבן זיך אין ווינקל בײַ דער שאַנק
און סודען זיך צעשראָקענע פאַרטוליעט דאָרט.

די מאַמע זיצטביים פענצטער אויף אַ באַנק
און שטריקט אַ זאָק.
די זאָק איז לאַנג, אַזוי מין מאָדנע לאַנג,
זי וויקלט זיך אַראָפּ, אַראָפּ —
אַ שלאַנג.

די מאַמע זיצט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ
פאַרגליווערט שטײַף — זי רירט זיך נישט פון אָרט
און נאָר די פינגער אירע, גרינג
און פלינק
צעיאָגט,
זיי לויפן אומרויִק אַהין—צוריק.
זי שטריקט.

איך זיץ ביי אירע פיס פאַרגאַפט און שטיל
און קוק זיך צו ווי ס׳צאַפּלט אויפן דיל
דער פאָדעמקנויל אין אויסטערלישן שפּיל
און ווי אין פענצטער קופּערדיק און גרויס

ס׳גייט אויף דעם שכנס דאַך אַ צווייטער קנויל אַרויס —
אַ קופּערנע לבֿנה,
וואָס ווערט אַלץ גרעסער, העלער,
און נישט קיין קנויל, נאָר אונדזער פּסחדיקער טעלער.
אָט שטעלט ער זיך אַרײַן
אין אונדזער פענצטער מיט זײַן רויטער, קופּערדיקער שײַן.

מײַן האַרץ אַ קליינס אַזאַ — אַ יאַדערל די גרויס
ווערט פּלוצלינג פול, אַזוי מײַן פול —
אָט שפּרינגט עס באַלד אַרויס.
איך הויב זיך אויף פון דיל,
איך שטעל זיך אויף אַ שטול
און צי די הענטלעך אויס,
איך פיל איר שטראַליקן באַריר.
איך צי זיך העכער, העכער — אַלץ צו איר
איך שפּיר
אָט באַלד...
אָט נאָך אַ רגע, באַלד...
נאָר פּלוצעם גאָר איך פיל דער מאַמעס הענט,
זיי גיבן מיך אַ כאַפּ מיט גוואַלד
און שלעפּן מיך פון שטול אַראָפּ.

די מאַמע גלעט מײַן קאָפּ
און שעפּטשעט ציטערדיק און שטיל:
— וואָס טוסטו, קינד? —
פאַרצווייפלט בעט איך זיך: — איך וויל...

צו דער לבֿנה וויל איך... מאַמע —
און פיל
ווי ס׳הייבט מײַן האַרץ אָן ווייטיקלעך פאַרגיין
אין פיבערדיקן קינדערשן געוויין.

✶

אַזוי פיל יאָר,
אַזאַ מײַן ווײַטער אָוונט,

וואָס האָט פון קינדערשן אַמאָל
איצט אויפגעטויכט, ווי ס׳וואָלט אָט ערשט דאָס אַלץ פּאַרלאָפן.

איך זע די שטוב, די ווענט,
דאָס פענצטער אָפן,
אַ קופּערנע לבנה רויט צעבלענדט.
זי שטייט נאָך אַלץ און וויל אַלץ נישט פאַרגיין.

איך הער די שטילקייט נאָך, איך הער מײַן מאַמעס קול
און מײַן געוויין,
וואָס איז נאָך מיר דורך אַלע נעכט געלאָפן.

# מוזיק

## ניגונים

נאָך ריזלען אום אין מיר פון מיינע קינדערטעג ניגונים,
כאָטש כ׳קען זיך נישט דערמאָנען זיי, זיי נעפּלען זוניק־מאַט,
אָט ווי דו זעסט אַ לאַנדשאַפט, אָטאָ זעסטו אין דער זון אים,
אָט ווערט ער גאָר פאַרשאָטנט פּלוצלינג — זעסט אים נישט כמעט.

אַזוי אויך טונקלט טיף אין מיר פאַרשאָטנט נישט איין ניגון,
וואָס האָט אַ מאָל אַ זוניקער געהעלט אין מיַין געמיט,
נאָך ערגעץ אין די פריסטע טעג, ס׳קען זיַין נאָך בײַם פאַרוויגן,
איצט ליגט ער אַ פאַרשאָטנטער — אַז עכאָ פון אַ ליד.

## דער ניגון פון באַשעפער

אַ ניגון שוועבט אין וועלטאַל אום — דער ניגון פון באַשעפער,
ער ציטערט אין מזלות־גאַנג, אין פלאַטער פון דעם ווינט,
ער זינגט אַרויס פון גראָזנשאָרך. פון שטיין וואָס שטומט פאַרשלעפערט,
אין פאַרבנשפּיל פון שקיעה־שיַין, אין פליסטער פון אַ קינד.

דער ניגון זינגט דורך שטילקייטן — אַ זמר אָן אַ שטימע,
דורך שטורעמדיקע ימען — אין דעם גרינעם כוואַליעשוים,
דורך נאַכטיקייט וואָס הענגט צעוויגט אויף ליידיקייט — על בלימה,
אין שטראַל וואָס לויפט מיליאָנען יאָרן דורך דעם בלינדן רוים.

## אַ ניגון

כ׳האָב ערגעץ פֿאַרנומען אַ מאָל שוין דעם ניגון,
נאָר כ׳ווייס נאָך נישט ווו, אַלץ און כ׳ווייס נאָך נישט ווען —
זאָל זײַן בײַם געבורט גלײַך, זאָל זײַן בײַם פֿאַרוויגן,
צי שפּעטער ווען כ׳בין שוין אַ יינגל געווען.

צי אפשר נאָך פֿריער פֿון ערדישן קומען,
ווען איך האָב נאָך גאָרנישט געזען און געהערט,
האָב איך אָט דעם ניגון שוין דעמאָלט פֿאַרנומען
און טראָג איצט זײַן עכאָ אַרום אויף דער ערד.

## אַ צווייִקער ניגון

אין בלוט בײַ מיר שווימט אום באַהאַלטן ריזלענדיק אַ ניגון,
אַ ניגון אַזאַ טאָפּלטער וואָס ציטערט אין מײַן קול,
אָט טויכט ער אויף מיט פֿליסטער פֿון אַ מאַמען בײַם פֿאַרוויגן,
אָט גייט ער אויף מיט לײַדנשאַפֿט פֿאַרשײַט גאָר מיט אַ מאָל.

אַ ניגון, וואָס פֿון אים בין איך אַ סודותדיק באַהערשטער,
איך טראָג אים אום דאָ אומעטיק און דאָ גאָר פֿול מיט פֿרעמד,
דעם גאַנצן לעבן אָט אַזוי, נאָך פֿון דער ווײַל דער ערשטער —
אַ ניגון אַזאַ צווייִקער, וואָס גייט מיר נאָך, באַגלייט.

## די טענער

די טענער לויפֿן אום ווי כוואַליעס אויף דעם פֿלאַך פֿון וואַסער,
דער ניגון שפּרינגט צעקרײַזט אום אויף קלאַווישן פֿון קלאַוויר.
אָט צינדט ער זיך — ווערט העלער, אָטאָ לעשט ער זיך — ווערט בלאַסער
ווי זונפֿינקלען אויף כוואַליעס פֿון אַ ווינטיקן באַריר.

אַזוי אין שפּיל צעכוואַליעטע מיט פֿינקלגלי געצונדן
די טענער אײַלן שטיפֿעריש, זיי קרײַזן רונד אַרום
נאָר ס׳ברענגט דער ניגון זיי צוריק — ער האַלט זיי פֿעסט געבונדן —
און לעשן זייער בענקשאַפֿט אויס מיט אומרויִקן ברום.

## דער ניגון פון די סלאַווון

### א

מיר גײט דעם גאַנצן לעבן נאָך דער ניגון פון די סלאַווון
צוזאַמען מיט די ריחות פון מײַן שטעטלס גרויער ערד.
איך האָב געפילט אים קינדווײַז נאָך, איך האָב מיט אים געדאַוונט,
מיט ווײַטע אומרו־עבאָס שטײ איך נאָך צו אים פאַרהערט.

אַזוי האָט ער פאַרקניפּט זיך מיט מײַן שטעטל, מיט די ייִדן,
מיט טאַטע־מאַמע און פאַרבליבן טיף אין מײַן געמיט —
מיט פעלדער, וועלדער פרילינגדיק, מיט האַרבסטיקע יאַרידן
וואָס האָבן מיט דעם ניגון זיך פאַרוועבט בײַ מיר אין ליד.

### ב

אַדורך אַ ליד לעבט אַלץ אין מיר דער סלאַוויש־פרעמדער נוסח
וואָס איך האָב אים אַ מאָל אין מײַנע קינדערטעג געהערט
און איצטער דורך מײַן וואָרט ברענג איך נישט ווילנדיק אַ גרוס אײַך
פון פרעמדן ליד וואָס אײַנזאַפּן געוועין איז מיר באַשערט.

ס׳קען זײַן, דאָס פרעמדע ליד געהערט האָב איך נאָך בײַם פאַרוויגן,
נישט וויסנדיק האָט ער מיט מיר זיך ביסלעכווײַז פאַרוועבט,
געוואָרן אײנס, פאַרקניפּט דערנאָך זיך מיט מײַן חומש־ניגון
און קרײַזט אַרום אַלץ אין מײַן בלוט, און זינגט אין מיר, און לעבט.

### ג

מיר גײט אַלץ נאָך טשײַקאָווסקיס ניגון און שאָפּענס נאָקטיורן,
זײ פלעכטן זיך צוזאַמען מיט דעם ריטעם פון מײַן וואָרט
און ווען איך זוך אין מײַן זכּרון יענע ערשטע שפּורן
וואָס האָבן זיך צעניגונטע פאַרקניפּט אין ליד זיך דאָרט —

דערפיל איך זײער עבאָ נאָך, כאָטש ס׳זײַנען מײַנע ווערטער,
מײַן ליד אין גאַנצן ייִדיש, ווי מײַן פילן, מײַן געדאַנק,
נאָר ווען צו מײַנע ווערטער שטײ איך אָפּט מאָל אַ פאַרהערטער
דערפיל איך ווי זײ עבאָן אָפּ מיט סלאַווישן געזאַנג.

## דער דזשעז־אָרקעסטער

### א

אין אָפּהליך פון טרומייט לויפט אום אַן אומרו־צאַפּל שטענדיק,
ער פלאַטערט הייס־צעעבאַט מיט אַ נאַגנדיקן קלאַנג
און ס'פינקלט אין זײַן הייסן מעש אַ בענקשאַפט זוניק, בלענדיק
מיט אומעט פון אַ קיין מאָל נישט פאַרלאָשענעם פאַרלאַנג.

עס גליט דער מעש און אין זײַן שײַן עס שפּיגלען זיך די קלאַנגען.
זיי טראָגן אום זײַן פינקלענדיקן, נישט געשטילטן וויי,
די בענקשאַפט וואָס ליגט זוניק דאָרט אַ שטראַליקע געפאַנגען
און עבאָן אָפּ אין דעם טרומייטס פאַרצאַפּלטן געשריי.

### ב

דער ניגון לעשט זיך אָונטיק, אַדורכגעברומט און סטרוניק,
דער פידל וויינט, הויבט אָן פאַרגיין און גיט זיך בלוי אַ לעש,
נאָר אויפגעהילכט גייט דער טרומייט אויף שײַנענדיק און זוניק,
ווי ס'וואָלט דער ניגון אויפגעוואַכט איצט טאָגיק דורך דעם מעש.

דער ניגון ווערט אַלץ זוניקער, ער פלייציקט אַ צעגליטער —
דאָס שטראָמט די זון צעשמאָלצן אין טרומייט מיט הייסן גאָלד
און ס'לויפט שוין דער קלאַוויר אים נאָך מיט שטערנדיקן ציטער,
ווי ער וואָלט פון זײַן נאַכט צום טאָג אַוועקגיין אויך געוואָלט.

### ג

די טענער פון קלאַוויר זיי טריפן אָפּ ווי זילבער־טראָפּנס
און גיסן זיך צונויף מיט דעם צעפינקלטן טרומייט,
וואָס לויפט זיי נאָך מיט קופּערנע, צעזוניקטע סינקאָפּן
צום שקיעה־ראַנד ווו שקיעהדיק אַ טאָג פאַרגליט, פאַרגייט.

ווי דעם צעשײַנטן קופּערקלאַנג וואָס העלט נאָך ליכטיק, זוניק
באַגלייט וואָלט אַ לבנה־נאַכט וואָס טריפט אָפּ פון קלאַוויר
און נאָר אין באַס מיט דעמערטריט, אַדורכגעברומטע סטרוניק
שוין פלאַטערט דער פאַרנאַכט אַרום מיט טונקעלן באַריר.

### ד

דעם קופּער פון טרומייט לאָקט אַלץ וואָס ערדיש איז, וואָס טמאדיק,
עס ציט אים לײַב, אים רופט דער גוף, ער ברומט מיט גלוסט פון זינד.
די פידלען שטיל זיי פלאַטערן, פאַרגייען זיך נשמהדיק,
מיט צאַרטער בענקשאַפט צניעותדיק, מיט פליסטער פון אַ קינד.

דער קופּער שלעפּט צו ערדישקייט, ער אָטעמט הייס און ברילנדיק,
דער באַס דער גראָבער לויפט אים נאָך צום תאווה־רוף פאַרהערט,
די פידלען ציט צום הימל הויך, ווי דין אויף סטרונעס שפּילנדיק
אַוועקגיין וואָלטן זיי געוואָלט פון טמאדיקער ערד.

### ה

אַ טעמפּער ברום גייט אויף אין דזשעז דורך אויפגעהילכטע קלאַנגען,
ווי ס'וואָלט זיך דורך דעם אורוואַלד דאָרט געגנבעט עמעץ שטיל.
די טאַצן זשומזשען שרעקנדיק ווי צישענדיקע שלאַנגען,
דער סאַקסאָפאָן צעגאָרגלט טראָגט פאַרשטיקט אום אַ געבריל.

די פּויק לויפט נאָך דעם באַס ווי מיט פאַרהילכטע דונער־קנאַלן
און רײַסט די טעמפּע עכאָס איבער האַסטיק, מיט אַ מאָל,
ווי ס'וואָלט אין שווערן נאַכט־געראַנגל טויט אַ לייב געפאַלן
און ס'ברומט אין סאַקסאָפאָן נאָך אָפּ זײַן ברילנדיקער קול.

### ו

דער אומעט קלאָגט אין דעם טרומייט. מיט פײַערדיקע צונגען
גייט אויף צעברילט דער זוניקער, דער פינקלענדיקער מעש.
דער אומעט־ניגון עכאָט אָפּ אין קעל בײַ אים צעקלונגען,
ווי ס'וואָלט דער טאָג זיך שקיעהדיק געגעבן דאָרט אַ לעש.

דער זוניקער טרומייט האָט אַלע שײַנען אײַנגעשלונגען,
ער טראָגט זיי איצט אַוועק אין נאַכט אַ גליענדיקן גרוס
פון זון, פון ליכט וואָס שפּיגלט זיך אין מעש אָפּ הייס־צעזונגען
מיט אומעטיקן ניגון פון אַ בענקענדיקן בליוס.

ז

דער דזשעז־געקלאַג נאָך האַלבער נאַכט — ער פּרוּווט נאָך אַלץ פּאַרוויגן
דעם מידן טאַנץ וואָס שאַרט זיך שוין מיט וואַקלדיקע טריט,
ווען ס'האָט די נאַכט אַליין פאַרבלאָנדזשעט אין צעוויגטן ניגון
און שווימט אַרום צווישן פאַרלער אומעטיק און מיד.

דער ניגון וויינט אין קעל פון דעם טרומייט פאַרשטיקט, פאַרלאָרן,
ער קרעכצט אין מעש אויס אומרויִק אַן אוראַלטן געקלאַג
און מישט זיך אויס אין טאַנצגעפּלעכט פון אומעטיקע פאָרן
מיט לעצטן טריף פון דעם קלאַוויר בײַם ראַנד שוין פון פאַרטאָג.

ח

ס'איז אָוונט־שפּעט, אַ דאַנסינג־האָל. דער מעשענער טרומייטער
פאַרגייט זיך הייזעריק צום טאַקט פון שנעל־צעוויגטן טאַנץ.
דער ניגון לויפט מיר נאָך — דער דרויסן ליגט אַ ווײַס־פאַרשנייטער —
ער לויפט מיר נאָך מיט מיידל־אויגן פול מיט הייסן גלאַנץ.

אַ ווײַטע נאַכט. נאָר איך זע אַלץ מיך אין דעם טאַנץ זיך וויגן —
ווי הייסט דער טאַנץ און זי ווי הייסט? איך האָב פאַרגעסן אַלץ.
נאָר ס'פּלאָנטערט זיך אין מײַנע טריט נאָך פון טרומייט דער ניגון,
וואָס טראָגט נאָך אַלץ דעם ריטעם אום פון יענעם אַלטן וואַלץ.

ט

עס וויינט בײַ נאַכט דער דזשעז־אָרקעסטער איבער ראַדיאָ־כוואַליעס,
עס גאָרגלט זיך דער סאַקסאָפאָן אַ הייזעריקער מיד,
עס וויקלען ערגעץ מענערהענט זיך אויף די פרויען־טאַליעס.
עס גייט אַ טאַנץ, עס פלעכטן זיך צום טאַקט צעוויגט די טריט.

עס וויינט דער מעש פון האָרן דורך דער ראַדיאָ־שעה דער שפּעטער,
אַ צאַרטער, אַ צעניגונטער ער שווימט אום אין דער נאַכט,
דורך ווײַטקייטן פאַרוויגט ער מיך און זינגענדיק מיך גלעט ער,
ווי ער וואָלט פון אַ פרעמדער פרייד אַ גרוס צו מיר געבראַכט.

## אַ קופּערנער שטורעם

אַ קופּערנער שטורעם קרײַזט אום אין אָרקעסטער,
אַ מעשענע שקיעה גײט אויס אין טראָמפּײט.
די פּויקן, די טאַצן זײ זעצן אַלץ פעסטער,
עס כליפּעט דער ווינט נאָר אין אָטעם פון פלײט.

נאָר טיף פון דער פידל מיט סטרוניקן ציטער
שווימט נאַכט שוין פון אונטער דעם פינגער־באַריר.
עס הילכט נאָר אין פּויק אָפּ דער ברום פון געוויטער,
נאָר ס׳פינקלט אַ שטערן שוין אויף אין קלאַוויר.

# טעמעס און וואַריאַציעס

## אין אַ פרעמדער שטאָט

כ'וועל זיצן אין אַ פרעמדער שטאָט בײַ נאַכט אין אַ האָטעל
און דורכטראַכטן וואָס איך דאַרף מאָרגן צו דעם עולם זאָגן —
די טיר וועט גלאָצן צוגעמאַכט, פאַרשאָטנט אויף דער שוועל
און ס'וועט אַ מאָדנער אומעט אַ פאַרבאָרגענער מיך נאָגן.

די פרעמדע שטאָט וועט רוישן אויף דער אַנדער זײַט פון טיר
מיט גאַסן נאַכטיק-פריילעכע און פאַרביק-העלע ליכטער
און איך וועל טראַכטן פון אַ וואָרט וואָס זינגט איצט שטום אין מיר,
און פון אַ זאָל צו מאָרגנס מיט פאַרשאָטענע געזיכטער.

## און נישט געוווּסט

כ'האָב ערגעץ ווו געהערט דיין נאָמען
און נישט געוווּסט אַז דאָס ביסט **דו**,
אַז אין די אויפגעברויזטע שטראָמען
ביסט **דו** די כוואַליע פון מיין רו.

קען זײַן אויף כוואַליעס פון מײַן לעבן
האָב איך געזען דיך ערגעץ ווו,
געטראָגן זיך לעם דיר דערנעבן
און נישט געוווּסט אַז דאָס ביסט **דו**.

## דער טרוימער

דער וועג פון דער מלחמה איז מיט בלוט אַדורכגעקנאַטן,
מיט קברים לאַנג פאַרגעסענע איז אָנגעפילט די ערד.
ווו האָט זי נישט יאַרטויזנטער די וועגן דורכגעטראָטן
מיט זעלנערפיס געשוואָלענע, מיט האָרדעס אויף די פערד.

און אַלע נאַכט נאָך ברענען שטעט, און אין דעם רויטן פלאַקער
שטייט אַלץ אַ מענטש אַ טרוימער נאָך מיט זעונג פון אַ טאָג —
ווען איבערשמידן וועט מען פּאָרט אַ שווערד דאָן אין אַן אַקער,
ער טרוימט און הערט שוין אויף דאָס ניי — אַ נייעם קרבנס קלאָג.

## די טרעפעריַן

זי האַלט מײַן האַנט און רעדט — איך קוק זי אָן, די טרעפעריַן,
זי מורמלט עפּעס און עס גליטשט איר בליק זיך איבער מיר,
מיר דאַכט זיך אַלץ, זי פּרוּווט מיט ווערטער מיך פאַרשלעפערן
מיט שטאַרע בליקן, ווי מיט נישט־געזעענעם באַריר.

איך זיץ און פּלי, אַן אומרו הויבט מיך אָן צו עדערן,
כאָטש כ׳קוק אויף איר מיט אומצוטרוי, מיט חוזק און מיט שפּאָט,
זעט אויס אַזוי, אַז ס׳לעבט נאָך פּאָרט אין אונדז אין יעדערן
אַ שרעק פאַר אַלץ וואָס איז נישט קלאָר און אײַנגעהילט אין סוד.

## די פלעשער

זיי ווינקען סודותדיק אַראָפּ פאַרחתמעטע די פלעשער
אין שנאַפּסגעשעפט דעם טונקלען אויף פּאָליצעס צעשטעלט —
די פאַלשע טרוימען־אָנצינדערס, די זאָרג און צער־פאַרלעשערס,
וואָס טראָגן פון דער וואָר אַוועק דיך צו אַן אויסדאַכטוועלט.

ווער ווייס, ווו בלײַבן שטיין אַ מאָל די פלעשער ווען ליידיק,
צו וועמעס טיש איז גורלדיק צו קומען זיי באַשערט —
צי וועט מען זיי נישט אויסטרינקען בײַ יום־טוב־טישן פריידיק,
צי עמעץ אין זײַן איינזאַמקייט — מיט אויגן גאָר פאַרטרערט?

## דער אויטאָ אײַלט

דער אויטאָ טראָגט זיך, יאָגט זיך, אײַלט אַ פֿלינקער, נישט־געצוימטער,
ער שפּרינגט אַריבער שטרויכלונגען און טראָגט זיך נישט־געשטערט.
מיט וואָלקנדלעך דער הימל קנוילט אַ גאָלדיק אויפֿגעשוימטער,
ער לויפֿט אויף הינטערוויַילעכץ און פֿאָלט אום דאָרט אויף דער ערד.

דער אויטאָ אײַלט, ער פֿליט און יאָגט צום הימלראַנד אַנטקעגן,
ווו ס'ליגט די שקיעה אויך שוין אויף דער ערד מיט בלאַסן ראָז —
מיט אָפּגעטריפֿטן בלוט ווי פֿון טיטאַנישע געשלעגן,
ווו ס'ליגט דער טאָג אַ טויטער שוין אויף שאָטנדיקן גראָז.

## אַ שיכּור

אַ שיכּור ליגט אין גאַס. לעם אים אַוועקגעוואָרפֿן, ליידיק
עס וואַלגערט אָן אַ זײַט זיך, אויפֿן ברוק, פֿון שנאַפּס די פֿלאַש.
עס רוישט די גאַס, ס'איז האַלבער טאָג, די זון האָט גאָלדיק, פֿריידיק
צעשפּילט זיך מיט דער זויל פֿון זײַן צעריסענעם קאַמאַש.

דער שיכּור ליגט, ער שעלט מיט קללות כריפּענדיק־ צעהוסטע
און ס'דאַכט זיך מיר, אַז ער אַליין אין גורלדיקן שפּאַס
ער וואַלגערט זיך אַוועקגעוואָרפֿן ווי די פֿלאַש די פּוסטע,
וואָס ס'האָט דאָס לעבן אויסגעזויפֿט און דאָ געלאָזט אין גאַס.

## אַ זומער־פֿייגעלע

אַן אַלטער מאַן, ער שטעלט זיך אָפּ, זעט אויס ער איז פֿאַרמאַטערט,
ער זעצט זיך אויף אַ באַנק אין פּאַרק — אַרום אַ זומערטאָג.
ער קוקט, אַ זומער־פֿייגעלע אַ פֿאַרביקע זי פֿלאַטערט,
זי שוועבט אַרום, זי פֿליט אין זוניק־זומערדיקן יאָג.

זי שוועבט און טאַנצט, ווי נישט דער פֿלי אַליין וואָלט זי באַנוגנט,
ווי ס'וואָלט אַ פֿרייד געיאָגט זי אין דעם פֿלאַטערדיקן פֿלי.
דער אַלטער מאַן ער קוקט זי נאָך, אים דאַכט — דאָס פֿליט זײַן יוגנט,
זי פֿלאַטערט אַלץ אַרום נאָך דאָ אין פֿרעמדן אינדערפֿרי.

## אין אַ װײַטער שטאָט

איך װעל מיט זיך נאָר מיטנעמען אַ מאַנטל, אַ פּאָר העמדער
און פון ניו־יאָרק אַװעקגײן ערגעץ אין אַ װײַטער שטאָט.
אַרומבלאָנדזשען אויף גאַסן דאָרטן רױשיקע אַ פרעמדער,
אַ מאָדנער ייִד װאָס טראָגט אַרום פאַרשטעלטערהייט אַ סוד.

איך װעל אַ פרעמדער לעבן דאָרטן אײנזאַם און פאַרבאָרגן,
פאַר זיך אַלײן נאָר װעל איך שרײַבן שטילערהייט אַ ליד,
צום איבּערישמאָן, מײַן שכן, װעל איך זאָגן אַ גוט מאָרגן,
ער װעט מיך אָנקוקן און טראַכטן: — װער איז אָט דער ייִד ? !

## אין קלויסטער

מיט פאַרביקע װיטראַזשן־פענצטער טונקלט זיך דער קלויסטער,
ער גלאָצט מיט בילדער הייליקע — איקאָנעס אויף די װענט
און אויפן קרייץ הענגט ער אַלײן אַ װײטאָגדיק־אָנטבלױזטער,
און ס'בלײַבט דער האַנטער אויף דער טױטער געלבקייט פון זײַן לענד.

ער האַלט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט מיט הענט און פיס פאַרװוּנדעט
און הערט זיך צו צום פּרעפּלען אויף אַ גױיִש־פרעמדער שפּראַך,
און ס'דאַכט זיך מיר — אַ ייִד הענגט דאָ װאָס הערט זיך צו פאַרװוּנדערט
װי געטשנדינערס זינגען אויס אים קניענדיק אַ שבח.

## אַ שװײַגנדיקער פענצטער

פאַרנאַכט־צײַט װערט די װעלט מיר ענג, ס'װערט מאָדנע קלײן מײַן צימער,
עס קומען זיך די װענט צונויף װי שאָטנדיק פאַרשטעלט.
דאָס פענצטער גרויט, עס װערט פאַרנאַכט אַזוי מיין שטילער, פרימער,
עס לאָקט נישט מער שוין װי בײַ טאָג מיט רײץ פון גאַס, פון װעלט.

אַ שװײַגנדיקער פענצטער פול מיט טרױער און הכנעה
ער קוקט אויף מיר אין דעמערגרוי אַן עלנטער, פאַרבענקט.
די װענט זיי פאַלן־צו צעשראָקן שאָטנדיקע, גרויע
און קלענער װערט די װעלט אַרום, מײַן צימער װערט מיר ענג.

## דער סאַמאָוואַר

עס קאָכט און זידט דער סאַמאָוואַר מיט קנוילן דאַמף געדיכטע,
אַ ניגון שווימט פון אים אַרויס מיט דינעם, בלויען רויך —
דאָס זינגט ער אפשר אויס אַן אַלטע רוסישע געשיכטע,
אַ מעשהלע וואָס פינקלט אין זײַן מעש־צעגליטן בויך.

און איך, איך קוק אין אים אַרײַן — דאָרט שלאָגט זיך אָפּ מײַן פּנים,
נאָר מאָדנע קוקט מײַן פּנים פון דעם מעש אַרויס צו מיר,
אַ פּרצוף אַ צעקרימטער גאָר מיט גויִשע סימנים —
אַ פּאָניע ווילד צעהוליעט אין אַ רוסישן טראַקטיר.

## די אַלטע געשיכטע

די אַלטע געשיכטע וואָס חזרט זיך איבער, —
דער זעלביקער ציטער, דער זעלביקער בליק,
ער זאָגט איר: — מײַן ליבסטע! — זי זאָגט אים: — מײַן ליבער! —
מיט אויגן וואָס וואַרטן פאַרבענקטע נאָך גליק.

איך טראָג נאָך אַליין אום דעם זעלביקן צאַפּל,
ער לעבט נאָך אין מיר ווי מיט יאָרן צוריק
מיט מיידלשן שמייכל, מיט גלײַכן אַפּל
וואָס ליכטיקט נאָך אַלץ מיט דעם אויסדאַכט פון גליק.

## זײַן פּנים

פאַרשטעלטערהייט זי קוקט אויף אים און ער, ער קוקט אויף איר —
עס גייט אַ שפּיל אַן ווערטער, ס'גייט אַ שפּיל פון בליקן שטומע,
זי מאַכט זיך כּלומרשט לייענען — נאָר בלאָס איז דאָס פּאַפּיר,
די ווערטער בלײַבן, נעפּלען זיך מיט אותיות מיט קרומע.

די סאַבוויי אײַלט, די סאַבוויי יאָגט — אַ סטאַנציע לויפט אַדורך,
אָט בלײַבט זי שטיין — ער איז אַרויס, זי פאַרט שוין איצטער אָן אים,
נאָר ס'זײַנען אויך ווי ער אַוועק די ווערטער פון דעם בוך
און פון די זײַטלעך ליידיקע קוקט נאָר אַרויס זײַן פּנים.

## ס'איז האַרבסט אין דיַין געמיט

ווען ביימער גרינען, נאָר אין דיַין געמיט איז האַרבסטיק-געל,
אַן אָפּגעוועלקטע וועלט, דיר דאַכט זיך, שטייט פאַר דיַינע אויגן,
די ערד זי גרינט, דער הימל בלויט, די וועלט איז זוניק-העל,
נאָר ס'האָט אַ געלע האַרבסטיקייט פאַר דיר די וועלט פאַרצויגן.

דו גייסט, די מענטשן שמייכלען, נאָר דיר דאַכט זיך, אַז אַ טרער
אַדורך דעם שמייכל גליט אין יעדנס בליק, כאָטש אַ פאַרשטעלטער,
דורך אַלע זינגעוודיקע רייד כאַפּט אויף גאָר דיַין געהער
אַ שטילן קרעכץ, ווי פון אַ בלאַט וואָס פאַלט שוין אַ פאַרגעלטער.

## עס לויפן די שאָטנס אַרום

מיט שוואַרצע, מיט רויכיק-פאַרלאָשענע פאַקלען
עס לויפן די שאָטנס אַרום.
מיַין אייגענער שאָטן הויבט אָן זיך צו וואַקלען
און טראָגט זיך צעפלאַטערט און קרום.

מיט שטערן מיט טויזנטער ווי דורך בינאָקלען
קוקט אָן מיך די נאַכט מיט פאַרדאַכט
און ס'הויבט זיך מיַין שאָטן אָן שיכּור צו שאָקלען,
און פאַלט אין דעם אָפּגרונט פון נאַכט.

## נאָר נישט דיַין קול

עס איז אומזיסט דיַין שריַיען, ס'וועט דיך קיינער נישט דערהערן,
דער חושך וואַקסט און דו, דו שריַיסט אין נאַכטיקייט אַריַין,
דיַין קול וועט נישט פאַרנעמען קיינער, נישט דער הימל, נישט די שטערן,
וואָס קוקן גליַיכגילטיק אַראָפּ מיט קילער, בלויער שיַין.

די שטערן זיַינען וויַיט און דו ביסט אין דער נאַכט פאַרזונקען,
עס שוויַיגט די ערד, דער הימל שטומט, דו ביסט אין נאַכט אַליין,
די שטערנשיַין דערגייט צו דיר, כאָטש מאַט ווי בלאַסע פונקען,
נאָר נישט דיַין קול צו זיי דאָרט — ער וועט קיין מאָל נישט דערגיין.

## דער ברענענדיקער דאָרן

די וועלט טראָגט אום דעם אָפּשײַן פון דעם ברענענדיקן דאָרן,
וואָס האָט אַ מאָל באַוויזן זיך צו משהן אומגעריכט —
אַן אָפּשײַן וואָס געבליבן נישט פאַרטונקלט איז דורך יאָרן
און וואַנדלט אום פאַרהוילן מיט זײַן דורותדיקן ליכט.

אַ ליכט אַ נישט־געזעענס גאָר, נאָר ווי אַ וווּנדערשטראַל איז
דערגאַנגען און זיך דורכגעריסן איבער צײַט און אָרט —
אַן אָפּשײַן אַן איינמאָליקער פון געטלעכער התגלות,
וואָס ברענט און בלענדט אין אונדזער ייִדיש־שעפערישן וואָרט.

## מיר זײַנען מערער

מיר זײַנען מערער ווי זיי מיינען — מערער מיט מיליאָנען!
פאַרגאַזט — מיר לעבן ווײַטער פאַר דער מערדערוועלט פאַרשטעלט,
מיר זײַנען מערער ווי מען ציילט אונדז, ווי זיי פּרוּוון אונדז דערמאָנען,
נאָך מערער ווי מען זעט אונדז — ווי מען זעט אונדז אין דער וועלט.

פאַרברענט — דאָך זײַנען מיר אַלץ נישט־געזעענע פאַראַנען,
ס'איז אונדזער בלוט און אַש דאָ ווו אַ לאַנד און ווו אַ שטאָט —
דורך שפּאַרעס פון געשיכטע קומען מיר אַרויס און שפּאַנען,
ס'איז אונדזער אָטעם — שטורעם און בטחון — אונדזער טראָט.

## ס'איז דאָ אַ ווײַל

ס'איז דאָ אַ ווײַל, ווי ס'וואָלט אַ פליגל
באַרירט מיך קוים מיט צאַרטן פאָר
פון קינדערווײַז נאָך, ס'קען זײַן פון וויגל,
גייט מיר די וווּנדער־רגע נאָך.

און אַלץ ווערט דעמלט מיר פאַרשטענדלער
די וועלט אַרום, די וועלט אין מיר
און וואָס געווען איז ווײַט אומענדלער
ווערט פלוצלינג נאָנט פון דעם באַריר.

און קלאָר ווערט מיר דער סוד פון זאַכן
וואָס גרויען שטום אין פרעמדער וואָר,
דער קלאַנג פון אומבאַקאַנטע שפּראַכן
ווערט אויך מיר דעמלט פלוצלינג קלאָר.

אויף יענער רגע וואַרט איך שטענדיק,
אויף יענעם פּאָך אויף מײַן געזיכט
ווען אַלץ ווערט שלמותדיק פאַרענדיקט
אין דער התגלות אומגעריכט.

## אַ פײַער טליעט אויף

איצט קומען מיר צוריק די ווערטער פון אַ מאָל
וואָס האָבן אַזוי לאַנג געדרימלט אויף מײַן צונג.
איך קוק פון באַרג אַראָפּ פון נעפּלדיקער הויך
ווי אונטן אין דעם טאָל
דורך בלויען אָוונטרויך
אַ פײַער טליעט אויף — אַ רויט־צעגליטער פונק
אַ סודותדיקער ווונק
דורך צווייגנפלעכט פון גרין

און ס׳ציטערט־אויף אַ קול
אין בלוטן — הייס און יונג
וואָס רופט צוריק אין טאָל
צוריק אַהין, אַהין...

און איך, שוין מיד און אַלט מיט אויסגעשטרעקטן קאָפּ,
איך אײַל פון דר׳הייך צוריק, איך לויף אַראָפּ, אַראָפּ.

## איינס איז קלאָר

קען זײַן מען קען אָן אַלץ
אָן אַלץ אַדורכקומען און לעבן —
אָן זאַלץ,
אָן שמאַלץ,
אָן זינדיקן, אָן האַסן, אָן פֿאַרגעסן.
נאָר קיין מאָל, קיין מאָל כ׳וועל מײַן האַלדז
אין יאָך פֿאַרקלעמען אים נישט געבן.
קען זײַן ס׳איז זייער שווער.

ס׳איז זייער שווער צו לעבן בלויז מיט חלומען און וועלן,
ווען דײַן באַגער
און טרער
קען גאָר די וואָר נישט אַלע מאָל געפֿעלן.

נאָר איינס איז קלאָר — איך וועל נישט מער
פֿאַר קיינעם קיין מאָל פֿאַר די קני זיך שטעלן.

## די שויבן ווייסן אַלץ

די נאַכט טריפֿט אָפּ מיט שאָטנדיקע ריחות,
מיט טונקעלע געררוכן פֿון חלומות און באַגערן.
פֿאַלנדיקע שטערן
ציטערדיקע, בלייכע
קלינגען אויס דעם הילפֿלאָזן געוויין
דעם אומרוכליפֿ פֿון קינדער אין די וויגן.
נאָר די שויבן — זיי אַליין
פֿאַרשטייען אָט דעם ניגון.
זיי טראָגן אום אין גלאָזיקן געביין
דעם סוד
פֿון קינד
וואָס קריכט נאָך בלינד
מיט וואַקלטראָט
דורך אין־סוף פֿון אַ דיל.

נאָר די שויבן, זיי געדענקען נאָר זײַן שפּיל,
זיי האַלטן
טיף אין זיך באַהאַלטן
זיין ערשטן שטאַמלוואָרט, זיין ערשטן קלאַנג.
זיי זאַפּן אײַן,
זיי בלויען טיף אין זיך אַרײַן
לבנה־שײַן
און שטערן
צוזאַמען מיט זײַן גאַנג,
מיט זײַנע טרערן
און גלאָזיקן אַזוי אין מיט
צווישן אים און יענעם גרויסן
אומבאַקאַנטן דרויסן
וואָס מאַניעט ערגעץ בלוי און שטעכנדיק צעבליט.

די שויבן ווייסן אַלץ אין זייער גלאָזיקן באַריר:
פאַר וואָס די ווינטן טוען אומעטיקע בלאָזן,
פאַר וואָס עס שאַרכן טרויעריק די גראָזן
און פאַר וואָס אַ קינד, וואָס פּויזעט נאָך אויף אַלע פיר
גיט פּלוצלינג אַ צעשמייכל זיך מיט אומעט אין פאַרנאַכט
ווי ס'וואָלט פון אַלץ געוווּסט שוין און געטראַכט,
ווי ס'וואָלט פון אַלץ געאַנט שוין און געדאַכט.

## נאָנעס

אויף ברייטע קלויסטערטרעפּ
שטייען נאָנעס אין לאַנגע שוואַרצע טראַכטן.
זיי גלײווערן אין דעם פֿאַרנאַכט דעם אומעטיק פֿאַרטראַכטן
מיט שוואַרץ פֿאַרהילטע קעפּ,
מיט אויגן פֿרום פֿאַרהימלטע וואָס זעען גאָרנישט, גאָרנישט,
מיט ליפּן פֿרום פֿאַרתּפֿילהטע וואָס פֿליסטערן: מע טאָר נישט!

אַריבער זיי אַ וווּנדערלעכע שקיעה,
פֿענצטערשויבן
גליִען,
ביימער לאַנג פֿאַרדאַרטע נעמען גאָלדיק בליִען,
גראָזן אָפּגעוועלקטע הויבן פֿלוצלינג אָן זיך ציִען
פֿון די שטויבן,
פֿון די שטיינער,
פֿון דעם ברוק.
אַ כאָפּטע וואָלקנדלעך — קונדסים, שטיפֿערס קליינע
קוקן נייגעריק אַרונטער קינדעריש פֿאַרוווּנדערט:
— זעט נאָר, קוקט,
סאַראַ הייזער, סאַראַ גאָסן —

אָן אַ זייט, אין שקיעה־ליכט אין בלאָסן
שטייט דער קלויסטער.
ער ציט זיך מיט די טורעמס איבער וועגט אַריבער דעכער,
אַ וואָלקנדל אַ שטיפֿער מיט אַ פּנים פֿון אַ מלאך
קוקט אומעטיק אַראָפּ.
ער בעט זיך, דאַכט זיך, בעט זיך בײַ דעם קלויסטער.
— קום,
קום,
לאָמיר פֿליִען,
לאָמיר שוועבן העכער, העכער
לאָמיר אַוועקגיין פֿון די ווענט און פֿון די דעכער. —

דער קלויסטער קוקט צו אים אַרויף אַ שטוינענדיק פֿאַרגאַפֿטער:
— אַ וואָלקנדל — אַ מלאך! —

ער קוקט צו אים אַרויף און וווּנדערט זיך ווי הויך ער איז, ווי וויַיט
און ער אַליין איז אַלט
און ער אַליין איז מיד,
אים האַלט
געשמידט
דער פונדאַמענט,
אים האַלטן שווערע שטיינערדיקע ווענט.
טאָ ווי־זשע קען ער פליען?
ווי קען ער שוועבן?
כאָטש זיַינע טורעמס ציען זיך און ציען
צו אַלע הייכן,
נאָר קיין מאָל וועלן זיי צום הימל נישט דערפליען,
נאָר קיין מאָל וועלן זיי צום הימל נישט דערגרייכן.

ער גלאָצט אַרויף מיט פענצטער פרום
פאַרגולמט:
— אַ וואַלקנדל — אַ מלאך! —
ער שטייט,
די טירן ברייט
צעעפנט — שטום,
נישט קיין עולם,
נישט קיין גלח,
נישט קיין פריידיק,
נישט קיין תפילות.
ווי ליידיק
שטיל איז
אינעווייניק — פוסט.
די מוטער מיט דעם קינד ביַים ברוסט
שמייכלט פון דעם בילד דעם הייליקן אַראָפּ
אומעטיק, פאַרנאַכטיק, מיט אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ.
שוין לאַנג
האָט אָפּגעהילכט פון תּפילות דאָס געזאַנג.
אַ לעצטער גלאָקנקלונג געבליבן ליגן איז אין שטויב
מיט אָפּגעהילכטן קלאַנג.
עס האָט שוין אויך דער אָרגל אָפּגעברומט
פאַרשטומט

און נאָר אַן עבאָ קוים
נאָך שוועבט אַרום
אין דער געוועלבטן רוים
אַ מידע וואָרקענדיקע טויב.

אַט האָט דער טאָג זיך אויף פאַרלאָשן, שוין אַוועק
ווי דער געמורמל פון אַ שטילן, נישט פאַרענדיקטן געבעט
אַ לעצטער שטראַל מיט ציטערדיקן גלעט
איז צוגעפאַלן צו אַ מידן שטיין
און קושט אים אויס מיט גילדערנעם געוויין,
אַט האָט אַ ווינטל זיך פאַרטשעפּעט אָן דעם אָוונטיקן בלאָ
און איז געבליבן הענגען שטיל אַזוי — נישטאָ.

דער הימל האָט שוין אויך לאַנג אָפּגעגליט, פאַרגרויט.
דאָס וואָלקנדל אין דר׳הייך האָט אָפּגעראָזט, פאַרבלויט.
צעשוומען זיך, צערונען, געוואָרן גרויער, גרויער,
נישט קיין מלאך שוין —
אַ שטיקל נעפּלדיקער טרויער.
נישט קיין פּנים, נישט קיין פליגל.
אויס —
נישט ראָז,
נישט בלאָ, מער
נישט קיין רופער, נישט קיין טרוימער,
שוין מער קיין מלאך נישט מכּלומרשט.

אַט באַלד, אַ רגע נאָך, אַ פּאָך, אַ בלאָז
און שוין נישטאָ, ווי קיין מאָל נישט געווען
ווי גאָרנישט וואָלט געשען,
ווי קיין מאָל נישט געשוועבט,
געשטרעבט,
קיין חלום־שפּיל געוועבט
און האָט אין הויכן פלאַטער נישט געזען
גאָרנישט :
אי די וואָר נישט,
אי דעם טרוים פאַרוויקלט אויף אַ האָר נישט.

װאָס קומט אַרױס
אַז אַלץ איז אױס,
די נאָנעס בלױז,
זײ שטײען אַלץ נאָך אױף די טרעפּ
פאַרגליװערט אױסגעצױגן
מיט שװאַרץ פאַרהילטע קעפּ
מיט אױסגעגלאָצטע אױגן,
װי ס'װאָלט גאָרנישט דאָ געשען,
װי זײ װאָלטן גאָרנישט דאָ געזען
גאָרנישט
גאָר — נישט.

## אין קאַבאַרעט „טאַבאַרען״ — חוהס טאַנץ

מיט געלבלעכע, געדעמפטע ליכטער
מיט פרויען־פלייצעס נאַקעטע און טונקעלע געזיכטער
שווימט אום אַ רוישיקער דער זאַל.

מיט פידלבּרום,
מיט פליסטער פון דער פלייט
הויבט אויף דער פאַרהאַנג זיך אַ לאַנגזאַמער צעשפּרייט
און אין רעפלעקטאָר־בלענד
אין קאַלטן ליכטגעפּראַל
גייט אויף צעגליט מיט קלאַנג
דאָס שפּיל פון ווײַב און שלאַנג,
דאָס אייביק־נײַע שפּיל
דער אוראַלט־אומרו־טאַנץ
וואָס ציט זיך דורות־לאַנג...
עס ווינקט, עס רופט די שלאַנג
מיט זילבער־שופּן גלאַנץ,
זי וויקלט זיך צעטאַנצט אַרום דעם עץ־הדעת
און חוה גייט איר נאָך. איר לײַב איז שלאַנק
און בלאַס
און ס׳איז איר נאַקעטקייט צו זיך נאָך נישט באַוווּסט
און חוה ציט זיך נאָך. איר לייב איז שטיל
און קיל.
עס דרימלט נאָך די גלוסט
אַ ראָזע אויף איר ברוסט
און ס׳איז איר מיידלטראַכט
פון צניעות נישט באַוואַכט.
זי טאַנצט
מיט הענט
מיט בויגעוודיקע אויסגעשטרעקט געווענדט
צום בוים ווו זינדיק רופט און לאָקט
דער עפּל אַ פאַרבאָטענער פון גאָט אַליין פאַרזאָגט.
אין וואַקלשפּרײַז
נאָך אַלץ נישט דרייסט,

די הענט שוין אויסגעשפּרייט
און גרייט
צום הויב,
צום רויב,
זיי בלײַבן אויף אַ רגע הענגען גליוועדיק פֿאַרשטיינט.
די פּידל האָט זיך פּלוצלינג יאָמערלעך צעוויינט.
די פּלייט
האָט זיך פֿון העלער הויט צעבליפּעט, זיך צענאָגט
אַזוי מין שטיל צעקלאָגט,
ווי וואָרענען געמיינט.
נאָר הויך האָט זיך צעהילכט, צעחוזקט דער טראָמפּייט
און ס'האָבן טאָצן זיך מיט הפקר־מעש צעיאָגט
און אָט אַזוי אין פֿיבערטאָנץ צעוויגט
אין ספק־טאָנץ צווישן שרעק און גלוסט געפּלאָגט —
אַ שפּרײַז,
אַ ריס
און אָפּגעפּליקט
דער עפּל אין איר האָנט אַ גאָלדיקער שוין ליגט.
איר מויל אַ גיריער פֿאַלט צו מיט אימפּעט צו דעם ביס
וואָס ציט אַ זינדיקער פֿאַרבאָטן, זיס.
אַ ציטער לויפֿט אַדורך דורך אירע שלאַנקע פֿיס
און פֿרעכער ווערט דער פֿלי
פֿון אירע קני
און בריסט
און הייסער ווערט דער גלי,
דער ברי
פֿון איר שוואַרצאַפּל
וואָס פֿיבערט אויף מיט תאוההדיקן צאַפּל
און צינדט זיך אָן צעטליעט אין איר בליק
מיט ערשטן סוד פֿון נײַ־אַנטפּלעקן גליק.

איצט זינגט איר פֿרייד
צעקופּערט אין טראָמפּייט
און ס'הילכט אין פּויק
דער פֿיבער פֿון איר אויג.

איצט טאַנצט זי אויס
דעם טאַנץ פון וואַכער לײַב
וואָס זינגט פון איר אַרויס
מיט פאַרגעפיל פון ווײַב
וואָס רײַסט זיך בלינד
דערוואַכט
מיט בלוט,
מיט קינד,
מיט טראַכט
און ס׳קומט די שעה פון זינד,
די ערשטע תאווה־נאַכט...

דער פאָרהאַנג פאַלט,
ער זינקט.
די פידל נאָר מיט שטילן טרויער זינגט
און ציטערט אויס מיט סטרונעקרעכץ די שרעק
וואָס וועט זיך ציען שוין ביז צו דעם סוף פון טעג.

און שטיל.
די שפּיל
איז אויס.
אַ רגע בלויז
פאַרגליווערט שווייגט אַ טונקעלער דער זאַל
נאָר באַלד
מיט ערשטן ליכטגעפּראַל
גייט אויף דערוואַכט
שוין אויף אַן אמת דאָ דער שײַן פון יענער נאַכט.

## די שרפה

ס'איז שפּעטער האַרבסט. אַ פלאַקערדיקע שקיעה,
די ביימער גאָלדערנע זיי הייבן אָן צו גליען
און לייגן שאָטנס אויס בײַם פענצטערראַנד פון וואַנט
מיר קומט עס פאַר אַזוי מין אויסטערליש באַקאַנט,
ווי ס'וואָלט צו מיר אַהער פון ווייטער ווייט אַרויס
אַ שבתדיקער, קינדערשער פאַרנאַכט. איך זע מײַן זיידנס הויז,
עס שמעקט מיט צימערינג און שבתדיקע פיש,
מיט אָנגעטריפטן חלב שײַנט דער לײַכטערמעש פון טיש,
ווו ווינקלדיק פאַרשאָטנט זיצט מײַן זיידע איינזאַם דאָרט,
ער קוקט פאַרטיפט אין ספר אַלץ און גלעט זײַן זילבערבאָרד,
די ברעמען זײַנע הענגען שווער אַראָפּ אַזוינע גראָבע,
פון טיפן טונקל טויכט אַרויס אין ווײַסן שאַל די באָבע,
זי שמייכלט אַזוי אומעטיק מיט מילדע אויגן קלוג.
אָט שטעלט זי זיך בײַם פענצטער צו דער גאַס אַרויס פאַרקוקט
און בלעטער פאַלן גאָלדערנע. זיי פאַלן אויפן ברוק.
ס'איז שפּעטער האַרבסט. אַ פייערדיקע שקיעה,
די פענצטער־שויבן צינדן זיך און הויבן אָן צו גליען.
דער מערב פלאַקערט שרפהדיק און קען זיך אַלץ נישט לעשן.
מײַן באָבעס פּנים הייבט זיך אָן פון שקיעה־שײַן באַמעשן
די באָבע שטייט בײַם פענצטער און זי וואַרט אויף עפּעס אַלץ
און ס'גליט די שווערע גאָלדבראַש ווי אַ שקיעה אויף איר האַלדז.
אַ זון איז דער רובין. אָט גיט ער פינקלענדיק אַ שטראַל
ווען ס'גיט זיך ווי אַ וואָלקן אַ רוק אָפּ איר ווײַסער שאַל.
זי קוקט און ס'גייט אַ שרעק אויף אין איר שטוינענדיקן בליק.
דער שבת טרעט נישט אָפּ און ס'קומט די וואָך נישט אויף צוריק.
די שקיעה וויל נישט אויסגיין אַלץ בײַם ווײַטן מערב־ראַנד
ווו זינדיק דער גיהנום ברענט אין פלאַקערדיקן בראַנד.
איר פּנים ווערט אַלץ בלייכער, כאָטש די שקיעה געלבט איר לײַב.
מיר קומט עס פאַר זי שטייט אַזוי, ווי לוטס דערשראָקן ווײַב,
אַ זײַל פאַרגליווערט זאַלץ אין ווײַטן שרפה־שײַן פון סדום.
און נאָר די ליפּן שאָקלען זיך מיט גאָט פון אברהם...

דער לײַכטערמעש גיט פלוצלינג הייס אַ גלי אין שקיעה־ליכט.
מיר דאַכט זיך אויס עס גיט אַ שפּרונג אַ פלאַם צו מײַן געזיכט.

מײַן האַרץ גיט זיך פון שרעק אַ ריס, הױבט האַסטיק אָן פאַרגײן.
איך פיל, װי ס'װאַרגט מײַן האַלדז פאַרשטיקט אַ קינדערש שטום געװײן.
איך פיל אַט ברען איך און איך ברען און װער אַלץ נישט פאַרברענט
און דורך דעם פלאַקערפלאַם און דורך דעם פלאַטערבלענד.
איך שפיר דעם סמאַלעטשאַד, דעם דאַמף פון שװעבל־סם.
דאָס צינדט מען אין גיהנום אָן די קעסלען מן הסתם.
אַט קלינגט דער קלױסטער מיט אַ פרײלעכן געקלאַנג.
פון הינטערגעסלעך גװיִשע גײט אויף אַ פרעך געזאַנג.
אַט ברענען שױן אַרום אונדז אַלע אױסגעקרימטע שטיבער,
אַט כאַפּט זיך שױן דער פלאַם צו אונדזער שטוב אַריבער,
די רױטקײט גיט אַ פּראַל, די שטוב פלאַמט אויף אין גאַנצן,
די שאָטנס אויף דער װאַנט זײ הײבן האַסטיק אָן צו טאַנצן,
מײַן זײדע גיט אַ הױב זיך אַ פאַרצאַפּלטער פון אָרט
און ס'ציטערט רױט אין פלאַמענשײַן דער זילבער פון זײַן באָרד.
זײַן באָרד איז מאָדנע לאַנג אַזױ ער זעט אױס װי אברהם.
מיר דאַכט זיך אויס ער גײט גאָר אויף פון שאָטנדיקן תהום
און ס'בלאַנקט אַ שאַרפער חלף אין זײַן אױסגעשטרעקטער האַנט.
ער קוקט אויף מיר און װײַזט מיר אָן דעם פלאַם בײם מערב־ראַנד,
ער הױבט מיך אויף אויף זײַנע הענט און טראָגט מיך צו דעם שײַטער.
דער קלונג פון קלױסטערגלאָק װערט העכער נאָך, פאַרשײַטער,
אַט פיל איך שױן דעם ברי אויף זיך, דעם גלי פון דער עקידה,
דעם חלף־שאַרף שױן אויף מײַן האַלדז, מיר װילט זיך שרײַען — זײדע! —
מײַן האַרץ גיט פלוצלינג זיך אַ ריס, פאַרגײט אין שטום געװײן
און מיט די לעצטע כּוחות שרײַ איך: — נײן, איך װיל נישט, נײן! —
ס'װערט שרעקלעך שטיל אַרום. איך בלײַב גאָר פלוצלינג שטײן אַלײן
און נאָר די שקיעה ברענט און בלענדט און װיל אַלץ נישט פאַרגײן.
דער מערב־הימל פלאַקערט מיט אַ גליִענדיקן ראַנד
און כּ'פיל דעם זײדנס חלף איז געבליבן אין מײַן האַנט.

און איצט איז װידער האַרבסט. די זעלבע שקיעה ברענט און בלענדט.
די בײמער שטײען גאָלדערנע צעפלאַקערט בײַ די װענט,
מיר דאַכט זיך אויס די זעלבע זעונג און די זעלבע שרעק
טויכט װידער אויף איצט פלוצלינג דאָ פון יענע קינדערטעג
װי כ'װאָלט מיט יענעם שבת דאָ זיך אויף דאָס נײַ באַגעגנט
כאָטש גאָר שױן אין אַן אַנדער װאָר
שױן נאָך אַזױ פיל יאָר

ווו פרעמד זעט אויס דאָ אַלץ אַרום: די בערג, די גאַנצע געגנט
און נאָר דער האַרבסט גליט רויט ווי דאַן און ס׳ברענט די זעלבע שקיעה.
אָט צינדן זיך די שויבן אָן, אָט הייבן זיי אָן גליִען.
די רויטקייט גיט אַ פּראַל אַרײַן, די שטוב פלאַמט אויף אין גאַנצן,
די שאָטנס אויף דער וואַנט זיי הייבן האַסטיק אָן צו טאַנצן.
די שרעק גיט ווי אַ פלעדערמויז אַ פלאַטער מיט פאַרדאַכט
די שרעק פון יענעם שבתדיקן, פלאַמיקן פאַרנאַכט.
נאָר איצט ברענט אויף אַן אמת דאָך. די שקיעה מן־הסתּם
איז נאָר דער רויטער אָפּגלאַנץ פון דעם גרויסן שׂרפה־פלאַם.
דער גאַנצער מערב פלאַקערט איצט. דאָס ברענט מײַן היים, מײַן לאַנד.
די שקיעה איז דער אָפּשײַן נאָר פון וועלטיש גרויסן בראַנד.
אָט עפנט פאַר מײַן אויג זיך אויף דער אָנגעגליטער תהום.
עס ברילט, עס הילכט אַ ווילדער דאָרט דער נייער, ברוינער סדום,
עס יובלט דער גיהנום שוין, מען מאַכט דאָרט גרייט דעם שײַטער,
דער קול פון ברוינעם לעסטערער ווערט העכער אַלץ, פאַרשפּרייטער.
עס דריקט דער טשאַד פון שוועבל־סם, מיט רויך פון סמאָלע־קעסלען.
אָט זע איך ווי מיין שטעטל לויפט מיט ברענענדיקע געסלעך
און אין געדיכטן פלאַמענרויך אין קנוילִיקן געדריי
אַ גאַנצע עדה ייִדן לויפט מיט יאָמער און געשריי.
עס טראָגן זיך די שטיבער אום צעשויבערטע אין פלאַמען.
און מיט אַ מאָל אָט זע איך אין דעם פלאַקערטאַנץ מײַן מאַמען
דורך קנוילן רויך און פונקענשפּריץ צווישן וואַקלווענט.
זי לויפט מיט הענט משוגענע, מיט ווילדע, דולע הענט.
עס יאָגט איר נאָך דער פלאַקער מיט אַן אויסגעשטרעקטער לאַפּע.
אָט נאָך אַ ווײַל, אָט נאָך אַ ווײַל, אָט באַלד וועט ער זי כאַפּן.
איך גיב זיך פון מײַן אָרט אַ ריס מיט אויפגעפּראַלטן גרויל,
איך לויף אַנטקעגן איר אַרויס צום רויכיקן געקנויל.
— מאַמע! שרײַ איך אויס צו איר און זע אין אָנמאַכטשרעק
אַ בלוטיק־ברוינער פלאַם פאַרלויפט אין מיטן מיר דעם וועג.
אָט זע איך נאָך איר בליק געווענדט דורך פלאַקערדיקן בראַנד.
איך זע נאָך דורך דעם בלענד צו מיר איר אויסגעשטרעקטע האַנט.
עס גיט זיך אַלץ אַ מיש צונויף אין חורבן־טאַנץ פון ווענט.
איך זע דער ברוינער פלאַם ציט אויס צו מיר שוין זײַנע הענט.
אָט פיל איך שוין דעם ברי, דעם גלי — מײַן האַרץ הויבט אָן פאַרגיין
און מיט די לעצטע כּוחות שרײַ איך — ניין, גענוג שוין, ניין! —

*

ס׳ווערט פּלוצלינג אַזוי שטיל אַרום. און דורך מײַן טויבן ווי
פאַרנעם איך נאָר דעם עכאָ פון מײַן אייגענעם געשריי.
ס׳איז שטיל, ווי ס׳וואָלט אַ פידל אין דעם סאַמע מיטן שפּיל.
אויף העכסטן טאָן מיט סטרונעפּלאַץ געפאַלן אויפן דיל.
דער בויגן נאָך צעשראָקן הענגט פאַרגליווערט אין דער לופט,
דער לעצטער סטרונעברום גייט אויס נאָך ווי און רופט.
ס׳איז שטיל, נאָר מיט אַ מאָל ווי ס׳וואָלט דער עכאָ זיך צעשפּילט
פון זיך אַליין, צעקלונגען זיך, צעדונערט זיך, צעברילט,
ווי ס׳וואָלט דער וואַלד אַליין זיך גאָר אַ ריס געטאָן פון אָרט
און טראָגט זיך טויזנט־בוימערדיק מיט אויפגעשאַלטן וואָרט,
ווי ס׳וואָלט מיט כוואַליעס שוימיקע דער ים פון ברעג אַרויס
און טראָגט זיך אַ צעפלאַמטער מיט אַן אויפגערוישטן ברויז
דורך בערג און איבער טאָלן, איבער פעלדז און איבער שטיין
צום ברוינעם פלאַם אַנטקעגן מיט אַ צאָרנדיקן: — ניין! —

מײַן ניין האָט זיך אַדורכגעריסן דורך דעם גליווערוים.
איצט ציטערן די צווײַגן אויף דעם שטאַם פון אַלטן בוים.
איך בין אַליין אַ צווײַג דאָך פון דעם שווער געפּרוווטן שטאַם
וואָס האָט געברענט נישט איין מאָל שוין אויף דעם עקידה־פלאַם.
מײַן באָבע איז געגאַנגען מיט אַ ברכה צו דעם בראַנד,
מײַן זיידע האָט פאַר זיך געשאַרפט דעם חלף מיט זײַן האַנט.
נאָר איך, אָט זייער אייניקל, צום שײַטער כ׳וועל נישט גיין
נאָר קעגן פײַנט פײַנט זיך שטעלן מיט מײַן צאָרנדיקן: ניין!
ווײַל איך, אָט זייער אייניקל, וואָס האָב מיט נײַגעזאַנג
געטרישט דעם זיידנס יאָמערטראָט אויף אַנדערן אין גאַנג,
אויף אַנדערן פאַרלאַנג, וועל מוטיק איצט שוין גיין

אַנטקעגן ברוינעם שונא מיט מײַן צאָרנדיקן: — ניין! —
אָט הילכט ער שוין אין כוואַליערויש פון דעם מיליאָנען־שטראָם
וואָס קײַקלט ווי אַ לאַווע זיך אַנטקעגן ברוינעם סדום.
אָט גיסט ער זיך צוזאַמען מיט דעם אויפגעפלייצטן ברויז
וואָס רייסט מיך מיט זײַן כוואַליע מיט און טראָגט מיך שוין פאַרויס
און דורך די קנוילן שרפה־רויך, דורך קלאַנג פון שווערד און שטאָל
ווי ס׳וואָלטן טויזנט פידלען זיך פאַרגאָסן אויפן קול,

װי ס׳װוּאָלטן טויזנט פּלײטן זיך מיט מאָרגנליד צעטרעלט.
איך פֿיל עס טראָגט די כװאַליע מיך אין אײנעם פֿון דער װעלט
און כ׳פֿיל דעם זײדנס חלף גײט אויף װידער אין מײַן האַנט
צום האַלדז פֿון שונא אויסגעשטרעקט אין שײַן פֿון ברוינעם בראַנד.

# ישראל

## ס׳איז גאָט אַדורך

ס׳איז גאָט אַדורך אויף גורלדיקע גאַסן פון געשיכטע,
ווען גאָט, זאָגט מען, געשטאָרבן איז און ס׳איז קיין גאָט נישטאָ,
אַדורך מיט פסוקים הייליקע, מיט רייד מיט אומגעריכטע
אַריבער ווערטער פון טאָג־טעגלעך וואָכעדיקער שפּראַך.

אין אונדזער צייַט פון אומגלויבן, פון צביעות און ציניזם
ווען גאָט, זאָגט מען, געשטאָרבן איז און ס׳איז קיין גאָט נישטאָ,
האָסטו זיך אויף דאָס נייַ צו אונדז ווי גאָר אַ מאָל באַוויזן
אויף אָט דער ערד פאַרבלוטיקטער אין אומגעריכטער שעה.

און ס׳האָט אַריבער אונדז מיט נייעם נס אַדורכגעפליגלט
די אייביקייט די ייִדישע אַריבער צייַט און אָרט
און האָט די טעג פון אומגלויבן זיי זיגנדיק פאַרזיגלט
אויף שטענדיק שוין, מיט ייִדישן, מיט דורותדיקן וואָרט.

## אין תּל־אַביבער האָטעל

ווי בין איך אין האָטעלן פון דער וועלט אַלץ נישט געזעסן,
אין וויפל שטעט און לענדער האָט מײַן אומעט נישט געוואַכט,
וואָס האָב איך נישט געזען, געהערט, וואָס האָב איך נישט פאַרגעסן,
ווי האָט דער גורל אומגעריכט מיך ערגעץ נישט געבראַכט?

איצט זיץ איך דאָ אין שפּעטער שעה. אויף גאַסן תּל־אביבער
נאָך רוישט די נאַכט, פון ערגעץ ברומט דער ראַדיאָ מיט אַ ליד.
אין מײַנע בלוטן רוישט ניו־יאָרק, די גאַסן, דער איסט־ריווער
און ס'רוישט אויך תּל־אביב אין מיר און זינגט אין מײַן געמיט.

אויף יענער זייט האָטעל מיט בלויער נאַכטיקייט פאַרלאָפן
זי רוישט, די שטאָט, כאָטש שטילער שוין, אָן טאָגגעהילך און האַסט
און איך בײַם פענצטער פון האָטעל איך זיץ און קען נישט שלאָפן,
איך טראַכט אַרײַן: ווער בין איך דאָ — צי בין איך נאָר אַ גאַסט?!

איך זיץ און טראַכט, אין האַרצן ווייס איך — כ'בין דאָ צוגעפּלט,
ס'האָט מיך דער צופאַל ערגעץ אַנדערש גורלדיק געבראַכט,
נאָר דאָ בין איך מיט דורות לאַנגע אײַנגעפּעדעמט טאָפּלט —
אַליין מיט זיך און אויך דורך זיי — איך זיץ אין נאַכט און טראַכט.

אויף יענער זײַט פון ימען האָט געוואַנדערט ווי מײַן לעבן,
אויף גאַסן נאַכטיק־ליכטיקע געבלאַנדזשעט האָט מײַן טראָט
און אַלע מאָל געגאַנגען בין איך זײַטיק, ווי דערנעבן,
און אומעטום איז עס געווען אַ פרעמדע, גרויסע שטאָט.

אַזוי נישט איין מאָל אין דער שײַן פון אָוונטיקע ליכטער
האָב איך פאַרבלאָנדזשעט ערגעץ צו אַן אויפגערוישטן פּאָרט —
כ'האָב ליב געהאַט דעם שיידן זיך, דעם אומעט פון געזיכטער,
צו הערן אַ פאַרכליפּעטן, אַ שטילן אָפּשיידוואָרט.

אַזוי פיל אומעט האָט מײַן האַרץ אין זיך אַרײַנגעזויגן
פון שטעטל נאָך — אַ ייִנגעלע, איך זע נאָך און געדענק
דעם יאָמערדיקן טרויערבליק פון אונדזער שכנס אויגן,
וואָס גייט גאָר קיין אַמעריקע — איך קוק אים נאָך פאַרבענקט.

פאַר וואָס האָט מיך די וועלט געצויגן, וואָס האָט מיך געטריבן?
אַזוי פיל טרויער ייִדישן האָב איך מיט זיך געשלעפּט,
דעם גאַנצן אומעט שטעטלשן, זײַן הימלגרויִ דעם טריבן,
וואָס האָט מיט מיר דערנאָך זיך שפּעטער מיט מײַן ליד פאַרוועבט.

און איך געדענק נאָך פּוילן, איך געדענק די ייִדן־שינאה
אין מײַן זכרון לעבט אַ זעונג וואָס צעהעלט נאָך, וואַכט —
אַט וואַרט די באַן, חלוצים פאָרן אָפּ קיין פּאַלעסטינע,
איך זע דעם וואַרשעווער וואָקזאַל, איך זע נאָך דעם פאַרנאַכט.

די גויִים שטייען און זיי קוקן ווי די ייִדן טאַנצן,
ס'גרויט דער הימל איבער זיי, פון אונטן גרויט די ערד,
נאָר ס'הילכט די האָרא, ס'יאָגט דער טאַנץ זיי און די אויגן גלאַנצן —
איך שטיי און טראַכט, וואָס איז זיי דאָרטן אין דעם לאַנד באַשערט.

איצט גייען זיי דאָ אום, ווי איך, געעלטערט שוין, געלאַסן,
זיי טאַנצן נישט, זיי טראָגן אום ישׂראלס שווערן עול,
נאָר ס'זינגען זייערע קינדער שוין, צעטאַנצטע אין די גאַסן
און איך אין פענצטער פון האָטעל פאַרנעם איצט זייער קול.

אין זייער ליד פאַרפלעכטן זיך צעפּליקטע מײַנע יאָרן,
דער אָפּהילך פון מײַן לעבן עכאָט אָפּ אין זייער טאַנץ
און אַלע מײַנע טרוימען וואָס איך האָב אין גאַנג פאַרלאָרן
ווערט איינס מיט זיי, ווערט איצט מיט זיי פאַרקניפּט, פאַרבונדן — גאַנץ.

איך זיץ און הער זיך צו, איך בין אין האַרצן זיי מקנא —
פון הינטער מיר ליגט וואַרשע, מאָסקווע, איצטער שוין ניו־יאָרק,
דער אומעט לויפט מיר נאָך מיט שיפן, באַנען, עראָפּלאַנען
און אומעטום אַוווּ איך קום באַגלייט מיך שווער די זאָרג.

נאָר איצטער דאָ, אין דעם האָטעל, בײַם פענצטער אויפגעמאַכטן
גייט אויף אַ פרייד: זאָל זײַן, דער עכאָ נאָר פון זייער ליד?
צי אפשר גאָר פון מיר אַליין, אין מיר אַן אויפגעוואַכטן
די פרייד וואָס האָט פון דרעמל איצט דערוואַכט אין מײַן געמיט?

אין פענצטער רױשט די שטאָט שוין, כאָטש עס איז נאָך קוים באַגינען,
דורך בלױע נעפּלען לױפט דער ים אַנטקעגן צו דעם ברעג,
ער רױשט דער ים אַ שױמיקער, די כוואַליעס פליִצן, גרינען,
זײ וואַרפן אױפן זאַמד זיך און זײ לױפן באַלד אַוועק.

אַזױ שוין פון דער נאַכט אַרױס דער ים ער קומט צולױפן,
ער וואַרפט זיך אױפן ברעג אין דעם אומאױפהערלעכן יאָג,
אַנטקעגן אים מיט הױכע ווענט, מיט דעכער אָנגעהױפנט
לױפט אָן די שטאָט, זי הילכט שוין מיט אַן אױפגעברױזטן טאָג.

עס ברומט דער ים, עס הילכט די שטאָט, זײ רױשן איצט צוזאַמען,
זײ פּרוּװן איבערשטײַגן זיך אין ליאַרעמדיקן שטרײַט —
די כוואַליעס אײַלן רױשנדיק פון גרין־צעשױמטע קאַמען,
די גאַסן יאָגן ברױזנדיק, די שטאָט צעהודזשעט שרײַט.

אַזױ גײט אױף דער טאָג אין שטאָט, דער רױש ווערט גרעסער, העבער —
דאָס כאַפּט זיך תּל־אביב אױף אין דעם פענצטער פון האָטעל
און איבער איר ווענט, אַריבער אירע פלאַכע דעכער
גײט אױף ישׂראלס זון, און ס׳ווערט מײַן צימער ליכטיק, העל.

## אין צפת

די הײַזער קוקן דאָ אַרויס ווי אותיות פֿון ספֿרים
און ווי אַ קרומע שורה לויפֿט אַ גאַס דאָ צו אַ גאַס.
איך גיי אַרום דאָ און איך טראַכט, ווי קליין בין איך, ווי אָרעם —
אַ וואָכעדיקער ייִד אויף שורות הייליקע פֿון צפֿת.

די געסלעך ווינקלען, וויקלען זיך, זיי טרעפֿלען זיך צעטורעמט,
אַ גאַס לויפֿט אויף אַ גאַס אַרויף און האַלט דיר אײַן דײַן טראָט —
דאָס האָבן די שבתים זיי דורך דורות אויסגעפּורעמט,
ווי ס׳וואָלטן וועגט געירשנט דאָ פֿון הייליקייט דעם סוד.

נאָר איך בין פֿרעמד דאָ, כ׳האָב דאָך נישט די הייליקייט געירשנט —
אַ פֿרײַער ייִד וואָס האָט געמיינט אַז ער איז טאַקע פֿרײַ,
וואָס איז מיט יוסטן טראָט געגאַנגען אויף דעם ברוק פֿון וואַרשע
מיט רויטער פֿאָן אין מאַסנשטראָם אין טאָג פֿון ערשטן מײַ.

ווו בין איך אַלץ נישט אויסגעווען, פֿאַר וועלכע עולם־הבא׳ס,
גן עדנס ערדיש־פֿאַלשע האָב איך נישט געפֿירט אַ שטרײַט,
נאָר אויפֿן וועג האָב איך פֿאַרשפּילט די הייליקייט פֿון שבת —
איצט שטיי איך הויל און נאַקעט פֿאַר דעם פּנים פֿון דער צײַט.

ס׳קען זײַן, איך וואָלט געוואָלט אויך איצטער בלײַבן קיל און ניכטער,
זיך שפּילן נאָר אין דמיון מיט זכרונות פֿון אַ קינד,
נאָר כ׳האָב אויף זיך דערפֿילט דאָ איצט דעם אָטעם פֿון געשיכטע,
ער איז אויף מיר אַדורך אַצינד — אַ דורותדיקער ווינט.

דער עבֿר איז אַדורך אויף מיר מיט ווײַטן פֿאָך פֿון פֿליגל
און כ׳קען נישט מער פֿאַרנעמען אַלץ מיט שׂכל, צי געדאַנק,
איך האָב דעם טרויער פֿון געשיכטע אײַנגעזאַפּט פֿון וויגל.
נישט פֿילנדיק איך טראָג אים אום אין ריטעם פֿון מײַן גאַנג.

ווײַל כ׳בין אַהער נישט צופֿעליק פֿון ערגעץ דאָך געקומען,
נישט צופֿעליק האָט מיך אַהער געבראַכט מײַן גורל־טראָט —
איך טראָג אין זיך דעם ציטער אום, קען זײַן, גאָר פֿון אַ פֿרומען,
כאָטש כ׳זע דאָ נישט מלאָכים גיין אויף דעכער פֿון דער שטאָט.

ס׳איז עפּעס דאָ וואָס מער איז פון דער ניכטערקייט פון רעיון,
וואָס ליגט באַהאַלטן טיף אין אונדז און טויכט אויף אומגעריכט,
ווײַל קענסט דאָך פון דעם עבר פון דײַן פאָלק זיך נישט באַפרײַען,
ער לאַסטיקט איבער דיר, ער אָטעמט שטרענג אויף דײַן געזיכט.

איצט זוך איך דאָ די שאָטנס פון פאַרהוילענע געשטאַלטן
איך פיל זיך דאָ, איך זוך זיי דאָ נישט וויסנדיק פאַר וואָס.
זיי ליגן ערגעץ אין מײַן לייב מיט זעונגען באַהאַלטן
זיי טונקלען אין מײַן בלוט מיט קרעכץ פון דורותדיקן חצות.

מײַן שטעטל איז געווען פון זייער בענקשאַפטגאַנג אַ סימן,
ס׳האָט זייער זעונג פון גאולה דאָרט די וואָך פאַרוועבט,
מיט זייער קלאָג געוויינט מײַן שטעטל האָט מיט קינות־שטימען,
מיט זייער פרייד אַ שטעטל האָט דעם גלות דורכגעלעבט.

איצט קום איך צו אַ וועלט וואָס איז געווען פאַר מיר אַלטמאָדיש,
זי האָט געגרעדט פון מצוות, גאָט מיט פרומע הימלרייד,
איז גיי איך אום און זוך די טריט פון דעם אר״י הקדוש,
פון יעדער וואַנט, מיר דאַכט, זײַן בליק גייט נאָך מיר און באַגלייט.

אַזוי פון יעדער פענצטער טאַקע, יעדער וואַנט און שפּאַרע
דערפיל איך אויך — עס קוקט מיר נאָך פאַרשטעלט אַ שטרענגער בליק,
מיר דאַכט זיך אויס, דאָס קוקט מיר נאָך פון דאָרט ר׳ יוסף קאַראָ,
ווי ער וואָלט מיר איצט נאָכגעקוקט דעם וועג מײַנעם צוריק.

ווי מיר וואָלטן אויף ס׳נײַ זיך איצט נאָך יאָרן לאַנג באַגעגנט,
ווי איך וואָלט גאָר אַליין דורך דורות צענדליקער אַדורך
און מאָדנע נאָנט און היימיש זעט מיר אויס די גאַנצע געגנט,
ווי איך וואָלט עס אַרויסגעלייענט ערגעץ פון אַ בוך.

ווי אַלץ איז טאַקע דאָ פאַרמישט נישט איך אַליין, די וואָר אויך —
מיר קומט עס פאָר איך שטיי פאַר אים לעם שוועל דאָ פון זײַן שול,
איך האָב אַ מאָל פאַרלאָזן אים — זײַן שטרענגן שולחן ערוך,
מיר דאַכט, איך רייד צו אים מיט ווערטער שטאַמלדיקע פול.

— איך שטיי פאַר דיר ר׳ יוסף קאַראָ, כ׳שטיי דאָ אָפּגעזונדערט,
ווען אָפּגעשוימט איז שוין דער רויש פון וועלט אין מײַן געמיט,
אַ וואַנדערער פאַרבלאָנדזשעט אין דעם בלוטיקסטן יאָרהונדערט,
אַ ייִד וואָס הערט שוין מערער נישט דעם גאַנג פון זײַנע טריט —

— איצט ווייס איך, אַז אין מײַן געדאַנק בין איך נישט מער מחלל
דאָס אַלץ וואָס דו געפּילט האָסט אין דײַן זעונג ווי אַ ייִד,
טאָ זיי פאַר מיר אַ בעטער איצט, זיי איצט פאַר מיר מתפלל,
וואָס מיט דײַן נאָמען יוסף שרײַב איך אונטער מײַנס אַ ליד.

## אויפן גולן

פון ווײַטנס זעסטו סיריע און פון לינקס דאָרט איז לבנון,
דאָ פּאַשען שעפּסן זיך, אויף יענער זײַט — אַ סטאַדע קי.
דו קוקסט, דו ווייסט דעם חילוק פון דער ערד דאָ נישט דערקאָנען —
דער באָדן ענלעך און דער זעלבער הייסער אינדערפרי.

די ערד איז דאָ צעפּליקט, צעטיילט, מיט גרענעצן געשלאָסן —
דאָס קליינע לאַנד שטייט אָנגעשפּאַרט דאָ אויף אַ גרענעצסלופּ,
ווי שטיל איז איצט, ווי שטיל, דאָ האָט מען נעכטן נאָך געשאָסן
און ס׳פינצטערט ווי אַ טיפע וווּנד פון אויפרײַסקויל אַ גרוב.

די שטילקייט שרעקט, דאָ לויערט נאָך באַהאַלטן ווי די שינאה,
זי קוקט אַרויס פון יעדער שפּאַלט פאַרשלייערט און פאַרשטעלט —
טאָ היט דײַן טראָט, ס׳קען אומגעריכט דאָ אויפרײַסן אַ מינע
און קראַכן וועט דער טאָג לעם דיר דאָ בײַ דעם ראַנד פון פעלד.

דו הערסט זיך צו, דו שטייסט און וואַרטסט. אין שויבער פון געדאַנקען
וואָס לויפט נישט פאַר מײַן בליק אַדורך אין דורכבליץ פון מינוט:
די שוצגראָבנס, די שטעכדראָטן, די האַלב פאַרברענטע טאַנקען,
דעם העלם אויף דער ערד וואָס ליגט פאַרפלעקט מיט פליאָמעס בלוט.

דאָ האָט אַ שלאַכט געגרוילט — אָט שוואַרצט פאַרברענט אַ בונקער־טורעם,
אַ פּאַנצער־וואָגן ליגט צעפּליקט, לעם אים — אַ זעלנערשוך —
זעט אויס, דער פיינד האָט נישט געלאָזט זיך, ווען מיט דראַנג און שטורעם
האָט דאָ אַ ייִד געבראָכן אים און קעמפנדיק אַדורך.

אַזוי איר ער אין שווערן קאַמף דורך שטרויכלונגען, סכּנות
אַדורך דער ייִד, זיך דורכגעריסן ברעכנדיקן זײַן מאַכט.
ווער איז געווען דער ייִד וואָס האָט געקעמפּט דאָ מיט עקשנות,
ווער ווייס, צי נישט געפאַלן איז ער דאָ אַ מאָל אין שלאַכט?

איך קוק זיך אום, צעטראָטן ליגט דער באָדן דאָ, די גראָזן.
צי האָט די ערד דאָ נישט אַ מאָל באַהאַלטן ווי זײַן גוף?
ער איז אַדורך, געיאָגט דעם פֿײַנד און הינטער זיך געלאָזן
די אייביקייט די ייִדישע, זי שוועבט דאָ אין דער לופֿט.

איצט איז שוין שטיל, אַ וואָלקן בלייכט, אַ רייפֿטעלע לבֿנה
קוקט גלײַכגילטיק אַראָפּ, עס רוישט נאָר ווי אַן עראָפּלאַן,
דער חרמון בלויט פֿון ווײַטנס בײַ דעם גרענעץ פֿון לבֿנון
און ס'ברומט אַן אומרו־שטילקייט אויף דער הויכקייט פֿון גולן.

## מעפּילים

אָט אויף דעם ברעג דאָ האָבן זיך געגנבֿעט די מעפּילים
און ס'רוישט דער ים פֿאַר מיר איצט ווי אַ מאָל נאָך פֿול מיט סוד,
אַדורך זײַן רויש איך פֿיל נאָך זייער אָטעם דאָ — איך פֿיל אים
אין שאַרף פֿון ווינט, וואָס האָט פֿאַרווישט אין זאַמד דאָ זייער טראָט.

נאָר נישט געזעען שוועבט נאָך זייער אָטעם אום פֿאַרבאָרגן,
איך הער אים נאָך אין פֿאָך פֿון ווינט און דורך דעם ימס געברום —
דאָ האָבן אויגן ייִדישע דורך פּחד־טעג און זאָרגן
געראַנגלט מיטן שונא זיך מיט מוט, פֿאַרביסן, שטום.

די שטילקייט האָט באַגלייט זיי דאָ, דעם שונאס חשד נישט וועקן,
דעם מינדסטן שאָרך, דעם קלענסטן קלאַנג פֿון זיי אין זאַמד דערשטיקט,
דאָס האָבן זיי באַפֿרײַטע פֿון די היטלער־סטאַלין־שרעקן
דעם שונא אין געראַנגל דאָ דורך שטילקייט אים באַזיגט.

איצט שוועבט דאָ אום מיט ווײַטע עכאָס יענע רעטונג־שטילקייט,
דורך רויש פֿון ים און ווינט זי פֿלאַטערט אַלץ נאָך דאָ אַרום —
איך שטיי און הער, ווי דורך דער בלויער, נאַכטיקער פֿאַרהילטקייט
אַריבער מיר אָט יענע שטילקייט פֿלאַטערט דאָ און ברומט.

## ירושלים

משהן און חנה גוראַרי געווידמעט

פון הינטער פינקלענדיקע ליכטער, הינטער גאַס־לאַמטערנס
דו ליגסט אין טונקל פון דער נאַכט פאַרשאַטנט און פאַרשטעלט —
איך וואַרט אויף דיר. ווו זײַנען דײַנע פינקלענדיקע שטערן,
וואָס האָבן אין מײַן קינדהייט מיר תּנכישע געהעלט?

זאָל טאַקע זײַן, אַז יענע שטערן פינקלענדיקע, גרויסע
האָב איך אַ מאָל אין חדר זיי אַליין גאָר אויסגעטראַכט —
איצט שטיי איך אויף דער גאַס, אין דײַן לאַמטערנדיקן דרויסן,
נאָר דו אַליין ביסט גאָר נישטאָ, באַהאַלטסט זיך אין דער נאַכט.

ס׳קען זײַן, נישט דו, נאָר איך האָב זיי, די שטערן, גאָר פאַרלאָרן
דאָס האָב איך זיי, קען זײַן גאָר, אין דער פרעמדער וועלט פאַרשפּילט,
נאָר פאַר מײַן אויג דאָס זײַנען זיי איצט אָפּגעטאָן געוואָרן
און אויף אַן אמת שײַנען זיי, פאַרשטעלט פאַר מיר, פאַרהוילט.

ס׳קען זײַן, איך האָב פאַרלאָרן זיי דורך אַלע טעג און יאָרן,
אויף פרעמדע ערדן גייענדיק מיט בלאָנדזשענדיקן בליק,
און איך איצט אויף דעם ראָג פון גאַס, איך פּרוּוו אין מײַן זכּרון
דערמאָנען זיך, אַרויסבערענגען דײַן פּנים אויף צוריק.

איז וואַרט איך דאָ, נאָר דו אין נאַכט ליגסט שאָטנדיק צעשטאָפּלט,
דו לויפסט אַרויף, אַראָפּ מיט שורות פינקלענדיקן ליכט
און איך, בײַם ראָג פון גאַס, איך שטיי און וואַרט אויף דיר פאַרצאַפּלט —
באַוויַז, ירושלים, זיך, אַנטפּלעק מיר דײַן געזיכט.

כ׳האָב אָפּגעפרעמדט פון דיר זיך דורך די יאָרן פון מײַן מאַטער,
נאָר ערגעץ אין מײַן דמיון האָסטו פאַרט בײַ מיר געוואַרט,
איך האָב געטראַכט פון דיר אין מײַנע אומרונעבט צעפלאַטערט,
געזען דיך אין עלעקטרע־בלענד פון אַ בראָדווייער נאַכט.

איצט שטיי איך דאָ, אַ ייִד וואָס איז געקומען אויף אַ ווײַלע,
אַ ייִד וואָס איז געקומען פון מרחקים ווי אַ גאַסט,
וואָס טראָגט דיך אין זײַן זוּנג אום אַן אַנדערע — של מעלה —
און זעט דיך איצט גאָר אויף דער וואָר — אַ וואָכעדיקע גאַס.

ס'קען זײַן, דו האָסט דײַן פּנים גאָר בכּיוון איצט באַהאַלטן,
ווײַל איך בין נאָר אַ גאַסט, איז שטייסטו שאָטנדיק פאַרשטעלט,
נאָר דו, דו קוקסט מיר נאָך פון אַלע ווענט, פון אַלע שפּאַלטן,
דו קוקסט מיר נאָך מיט גאַסן־ליכטער וואַכעדיק צעהעלט.

איך ווייס, דו ווילסט אין גאַנצן מיך, מײַן גאַנצן לײַב און לעבן
און איך בין נאָר אַ גאַסט וואָס קומט און גייט דאָ באַלד אַוועק,
איז מײַדסטו אויס מיך, גייסט פאַרבײַ מיר, נישט אַנטפּלעקט, דערנעבן
און לאָזט מיך שטיין דאָ אויפן ראָג, פאַרבלאָנדזשעט אויף מײַן וועג.

און איך, איך שטיי און וואַרט מיט שטומען בענקענדיקן טרויער,
אַז דורך דעם רויש פון אָוונטגאַס מיט פינקלענדיקן סוד
וועסטו צו מיר אַרויסגיין פאַרט פון שאָטנדיקן לויער,
אַריבער וואָר, דו אייביקע, של מעלהדיקע שטאָט.

## בײַם כּותל

איך שטיי בײַם כּותל — ס'טונקלען זיך די שפּאַרעס און די שטיינער,
איך ריר זיי אָן און איך דערפיל אַ קילקייט אויף מײַן האַנט.
איך שטיי און גליווער, אָן אַ טרער — אַ ייִד, אַ שטומער וויינער,
און פיל ווי אויך מײַן האַנט קלאָגט שטום באַרירנדיק די וואַנט.

איך הער דעם שלוכץ אַרום, איך הער דעם דאַוונענדיקן יאָמער,
מיר קומט עס פאָר, איך האָב אים שוין נאָך גאָר אַ מאָל געהערט
און איך דערזע מײַן שטעטל, און די שול וואָס איז נישטאָ מער —
עס ברענען ליכט, אויף בענקלעך זיצן ייִדן בײַ דער ערד.

ס'איז תּשעה־באָב, די ייִדן קלאָגן, זאָגן קינות, איכה —
די טונקלקייט פון דורות פאַלט אויף יעדערנס געזיכט,
וואָס קוקן פון די בערד אַרויס פאַראומערטע און בלייכע,
אַדורכגעגעלבטע אין דער שײַן פון ברענענדיקע ליכט.

איך זע די שול, דער טונקל וואַקסט, אַ געלבער פלעמל־דעמער
נעמט אַלץ אַרום און פלאַטערט אום אויף אַלע ווענט פון שול,
און מאָדנע נאַקעט, איינזאַם שווימט אין יאָמער דער באַלעמער —
די שאָטנס לויפן אום, די שול מיט זיי ווערט פלוצלינג פול.

מיר דאַכט, דאָס שטעטל שווימט צו מיר — די שול, די גאַנצע געגנט,
איך זע, אויף קרומע דעכלעך ווי עס לעשט זיך אויס דער טאָג —
דאָס האָב איך מיט מײַן שטעטל בײַ דעם כּותל זיך באַגעגנט,
איך פֿיל דעם זעלבן טרויער, ס'איז די זעלבע דורות־קלאָג.

ווּ זײַנען יענע ייִדן מיט דעם קלאָג דעם דורות־אַלטן?
זיי ליגן אין די גאַזאַויוונס פֿאַרטיליקט און פֿאַרברענט,
נאָר דאָ לעם מיר איצט שטייען די וואָס ס'האָט זיי אויסבאַהאַלטן
די אייביקייט די ייִדישע פֿון חורבן און פֿאַרלענד.

אַזעלכע נאָנטע פּנימער פֿון סקידל און פֿון וואַרשע,
דער זעלבער קרעכץ דער ייִדישער, דער זעלבער ניגון־באַנג,
ווי ס'וואָלט די שטאָט די הייליקע דאָ זייער קרעכץ געירשנט
און זיי אַליין געבראַכט אַהער אַדורך דעם ניסים־גאַנג.

ס'האָט אַלץ זיך איצט דאָ אויסגעמישט לעם כּותל —אַלץ צוזאַמען,
מײַן שטעטעלע און וואַרשע, יעדעס הויז און יעדע גאַס,
זיי גייען פֿאַר דער וואַנט דאָ דורך מיט שרפֿהדיקע פֿלאַמען
מיט טעג אַדורכגעשאָסענע, מיט טעג און נעכט פֿון האַס.

ווי גאָר אַ מאָל, ווען ס'זײַנען דאָ געקומען ווײַטע עדות
פֿון אַלע תּפֿוצות ייִדישע צעשפּרייט דאָן אין דער וועלט,
זיי גייען דאָ אַדורך איצט און די וואַנט שטייט ווי אַן עדות
זי נעמט זיי אויף, כאָטש פֿאַר מײַן אויג פֿאַרהוילן און פֿאַרשטעלט.

אַ שאָטנדיקע סקידל גייט, אַ שאָטנדיקע וואַרשע —
ווי ס'זײַנען דאָ אַ מאָל אַדורך די ייִדן פֿאַר דער וואַנט
פֿון בבֿל און מצרים, פֿון דמשק און פֿון תּרשיש
און איך גיי אויך מיט מײַנע שטעט, אַנטרונען פֿון דעם בראַנד.

איך בין דאָך אויך מיט זיי דורך יענע חורבן־טעג געלאָפֿן
און כ'האָב ווי זיי געטראָגן שטום דעם ייִדישן געוויין.
איצט האָבן מיר זיך דאָ אין אונדזער גורל־גאַנג געטראָפֿן.
דער כּותל קוקט אויף מיר פֿון דר'הייך מיט שטומער שפּראַך פֿון שטיין.

דאָס רעדט צו מיר די אײביקײט די ייִדישע אָן ווערטער,
זי רעדט צו מיר דורך זעונגען מיט קינדעריש־װײַטע רײד
און איך לעם װאָנט דער הײליקער שטײ איצטער אַ פּאַרהערטער —
איך הער דעם טרױער־ניגון און איך הער אַ ליד פון פרײד.

מײַן טאַטנס פּנים לױכט אַרױס, אַט שטײט לעם מיר מײַן זײדע,
זײ קוקן אָן מיך — ס'איז דאָך מיר, נאָר מיר געװען באַשערט
צו שטײן דאָ איצט בײַם כּותל מיט דער גאַנצער ייִדן־עדה
אין נײַעם לאַנד, ישׂראל, אױף דער אױסגעלײזטער ערד.

איך הער זיך צו, פון װײַטן רױשט די ייִדישע מדינה,
אין האַרצן ליכטיקט מיר אַ פרײד און ליכטיק איז דער טאָג
און נאָר דורך שטײנער פון דעם כּותל, דורכגעמאָכיקט־גרינע,
דורך שפּאַרעס װײנט דער עבר נאָך מיט װײַטן חורבן־קלאָג.

## דער עמק

די אַלטע פּאַלמעס שטױביקן װי אָנגעטאָן אין זעק,
זײ פאַלן צו די דעכלער צו, װאָס געלבן זוניק־לײמיק.
צעקעסטלט, ערגעץ אונטן טיף, װי אױף אַ גרינער דעק
קוקט אין פאַרנאַכט דעם װינטיקן אַ לופטיקער דער עמק.

און װײַט אַריבער אים שױן בײַ דעם ראַנד פון האָריזאָנט
עס לױפן אָן די בערג, זײ שטאַפּלען מילכיק־בלױ צעטרעפּלט
און אַלץ װערט פלוצלינג חומשדיק און קינדעריש־הײמיש נאָנט,
װי גאָר אַ מאָל אין חדר, דורך פאַרנאַכטן־בלױ פאַרנעפּלט.

ס'װערט טונקעלער, ס'װערט בלױער אַלץ, דער זוניק־בלײבער גאָלד
האָט נאָך אַ מאָל מיט לעצטן אָפּשײַן אַלץ אַרום באַשפּרינקלט.
דער עמק, אַ צעקעסטלטער מיט גרין און געל באַמאָלט,
װערט פלוצלינג אין דער טונקלקײט מיט ליכטער דורכגעפינקלט.

די װײַטקײט ליגט שױן איצטער װי אַ טעפּעך אױסגענײט,
עס װינקען נאָך צום לעצטן מאָל די פאַרבן שױן פאַרשאָטנט —
די נאַכט פאַלט צו און װי אױף בלױען סאַמעט פון אַ קלײד
די פינקל־ליכטער מיניען זיך װי פּערל אױסגעשאָטן.

## בײַם ים התיכון

אַזוי פֿיל דורות ליגן אין מײַן בלוט געהיים פֿאַרהוילן —
איך טראָג אין מײַנע גענען אום אברהם אבינוס זוים,
אַזוי פֿיל דורות ייִדישע פֿון בבל, שפּאַניע, פּוילן —
פֿון יעדן דור באַהאַלטן ליגט אין בלוט בײַ מיר אַ טרוים.

די אַלע טרוימען ווימלען דאָרט, זיי זוכן אַלץ אַ תּיקון,
איך בין דער קנופּ וווּ ס'האָבן אַלע פֿעדעם זיך פֿאַרקניפּט —
דורך מײַנע אויגן שטראַלן אָפּ יאָרטויזנטער פֿון בליקן,
אין אומעט מײַנעם קנוילן זיך יאָרהונדערטער באַטריבט.

און ווו איך קום מיר דאַכט זיך אַלץ איך קען שוין אָט די געגנט,
דאָ בין איך שוין געווען, איך קען דעם הימל דאָ, די ערד,
די פּנימער האָב איך אַ מאָל שוין ערגעץ ווו באַגעגנט,
די ווערטער וואָס זיי ריידן האָב איך לאַנג צוריק געהערט.

נאָר דאָ, מיר דאַכט, בין איך אַ מאָל געוועזן נאָך צום ערשטן,
דאָ איז געווען דער אָנהויב פֿון מײַן דורותדיקן גאַנג —
איך שטיי פֿאַרגאַפֿט פֿון דעם געפֿיל דעם נײַעם מיר באַהערשטן,
איצט ווייס איך שוין גענוי, עס ווערט מיר קלאָר שוין מײַן געדאַנק.

אָט דאָ בין איך געשטאַנען שוין בײַם ברעג פֿון ים־התּיכון,
נאָך גאָר אַ מאָל, נאָך איידער כ'האָב פֿאַרוואָגלט אין דער פֿרעמד
און ס'רײַסט זיך איצט אין בלוט בײַ מיר דורך אַלע פֿרעמדע איכן
מײַן אייגן איך וואָס איז אין מיר געלעגן שטום פֿאַרקלעמט.

זעט אויס, דאָס בין איך איצטער דאָ צוריק צו זיך געקומען,
דורך הוניקע יאָרהונדערטער שטיי איך דאָ ווי אַ מאָל
און ס'זינגט מײַן בלוט מיט ווײַטן רויש וואָס איך האָב דאָ פֿאַרנומען,
וואָס האָט פֿאַרשטיקט געקנוילט אין מיר — מײַן ערשט־אַנטפּלעקטער קול.

## באַמסין

ווען פון דער זון די היץ הויבט אָן אין קאָפּ אַלץ פאַרטומאַניען,
די ערד ווערט שווער, ווי ס'וואָלט די חמימה אַלץ אַרום פאַרצערט,
גייט אויף אין דיר איין גלוסטונג נאָר וואָס הויבט דיר אָן צו מאַניען —
די בענקשאַפט נאָך אַ רעגן וואָס זאָל אָפּקילן די ערד.

דו ליגסט, דו וואַרטסט, דער ווינט ער אָטעמט בריזיק, טראָפּיקאַליש,
ער לויפט אַרום און בלייכט אַלץ אָפּ — דעם הימלבלוי, דעם גרין.
די היץ סמט אָפּ דײַן בלוט, דו ליגסט צעפּיבערט און פאַרחלשט
און איבער דיר לויפט שיכּור אום דער גליִיקער באַמסין

אַזוי ווערסטו פון היץ פאַרטשאַדעט, ס'קרײַזט דײַן בלוט צעזאָטן,
די ערד פון אונטער דיר ווערט שווער — דו ליגסט ווי אויף אַ שטיין.
דיר דאַכט זיך אויס — אַן אָנגעגליטער ליגט אויף דיר דער שאָטן,
געבליבן ליגן פונקט ווי דו און קען נישט ווײַטער גיין.

די היץ זי שטײַגט, די זון איז מאַט, כאָטש שטאַרקער אַלץ איר גלי ווערט,
איר הייסער אָטעם בריט דײַן לײַב — אַ הייס־צעגליטער קנויל,
ווי אַלץ אין דיר געבליבן ליגן וואָלט פון היץ פאַרגליווערט
און נאָר די לופט פאַלט דאַרשטיק צו און טריקנט אויף דײַן מויל.

## אַ ניגון

עס טרעפט איך ווער פאַרכאַפּט אַ מאָל פון אַ ישראל־ניגון
און ווער מיט אָט דעם מיזרח־ליד גאָר אומגעריכט פאַרקניפּט,
כאָטש פרעמדלעך איז ער מיר, נישט מיך פלעגט ער אַ מאָל פאַרוויגן,
נישט מיך האָט ער דערפרייט אַ מאָל, נישט מיך האָט ער באַטריבט.

אַז אַנדער ליד האָט מיך געלאָקט, געריסן מיך פון ענגשאַפט —
דער ניגון פון די סלאַוון, זייער אומעטיק געזאַנג,
מיט ווײַטער ברייטקייט פון דער וועלט, מיט נאָגנדיקער בענקשאַפט —
ער האָט דערנאָך באַגלייט מיך אין מײַן וואַנדערדיקן גאַנג.

אַזוי איז ער אַרײַן צו מיר דער ניגון פֿון די סלאַוון,
באַהעפֿט זיך מיט די ריחות פֿון מײַן ליטוויש־גרויער ערד,
שוין קינדווײַז האָב איך אים געפֿילט, איך האָב מיט אים געדאַוונט —
ס'קען זײַן נאָך פֿריער בײַם פֿאַרוויגן האָב איך אים געהערט.

אַזוי האָט ער פֿאַרקניפּט זיך מיט מײַן שטעטל, מיט די ייִדן,
מיט טאַטע־מאַמע און פֿאַרבליבן טיף אין מײַן געמיט,
מיט פֿרילינגדיקע ריחות און מיט האַרבסטיקע יאַרידן,
וואָס האָבן מיט דעם ניגון זיך פֿאַרוועבט בײַ מיר אין ליד.

איצט גייט מיר נאָך טשײַקאָווסקיס ניגון און שאָפּענס נאָקטורן,
אַ יעדערער פֿון זיי אין מײַן געמיט פֿאַרבאָרגן לעבט
און ווען איך זוך אין מײַן זכּרון יענע ערשטע שפּורן
וואָס האָבן זיך אין וואָרט בײַ מיר צעניגונטע פֿאַרוועבט —

דערפֿיל איך זייער עבֿאָ נאָך, כאָטש ס'זײַנען מײַנע ווערטער,
מײַן ליד אין גאַנצן ייִדיש ווי מײַן פֿילן, מײַן געדאַנק,
נאָר ווען צו מײַנע ווערטער שטיי איך אָפּט מאָל אַ פֿאַרהערטער,
דערפֿיל איך ווי זיי עבֿאָן אָפּ מיט סלאַווישן געזאַנג.

נאָר טרעפֿט אַ מאָל אַז אָט דער סלאַוויש־צפֿונדיקער ניגון
ווערט פּלוצלינג ווי פֿאַרבונדן, ווי פֿאַרקניפּט אין מײַן געמיט
מיט טענער פֿון אַ ליד גאָר אַ ישׂראלדיקן, היגן
און ס'ווערןביידע הימלען ווי פֿאַראייניקט דורך דעם ליד.

און כאָטש ישׂראלס הימל בלויט, די ביימער זאַפֿטיק גרינען
און ס'איז די ערד גאָר אַנדערש דאָ, און אַלץ זעט אויס פֿאַרקערט,
נאָר ס'קען אַ מאָל אַ ניגון גאָר צונויפֿפֿירן, פֿאַרשפּינען
דעם מיזרחדיקן הימל מיט דער צפֿונדיקער ערד.

## שטײנער

די שטײנער קוקן שטום אויף מיר מיט פֿלעקיגע סימנים,
מיט קריצן דורכגעגעלבט אויף זײער שטויב־צעגרויטער הויט.
זײ קוקן אָן פֿאַרדעכטיק דאָ אַ יעדן פֿרעמדן פּנים,
זײ האַלטן נישט אײן סוד פֿאַר זיך, וואָס ס'האָט די צײַט פֿאַרטרויט.

זײ קוקן נאָך אַ יעדערן וואָס האָט לעם זײ געטראָטן,
וואָס האָט אין זאַמד געלאָזן דאָ אַ צײכן, צי זײַן סליאַד —
מיט שטויבן געלבלעך־גרויע פֿון יאָרהונדערטער פֿאַרשאָטן
זײ גלאָצן איצט אויף מיר מיט שטומען, גליווערדיקן חשד.

איז שטײען זײ אין דר'ערד פֿאַרגראָבן טיף די אַלטע שטײנער,
באַמאָכטע, געלבלעך־גרויע אין דעם טיפֿן זאַמד פֿאַררוקט —
ווער ווײס ווי לאַנג זײ שטײען דאָ און ס'וועט נישט וויסן קײנער
אָט וויפֿל דורות האָבן שוין אויף זײ דאָ נישט געקוקט.

ס'קען זײַן, זײ זײַנען עלטער אפֿשר פֿון די פּיראַמידן,
אַ יעדער שטײן דאָ שטומט פֿאַרעקשנט מיט זײַן גליווער־סוד —
ווער ווײס, צי נישט אַ מאָל צו מײַנע עלטער־זײדעס — ייִדן
מיט דונערן און בליצן האָט זיך דאָ באַוויזן גאָט.

## אין על אַריש

דער מידבר לויפֿט אַנטקעגן אונדז, דער אויטאָ טראָגט זיך שנעל,
פֿאַרשווונדן ליגן הינטער אונדז די מערק, די געסלעך עזה'ס.
עס גלאָצט דער מידבר הונגעריק אַדורך זײַן געלע פֿעל
און בלײַבט אַ טויטער ליגן בײַ דעם ראַנד פֿון אַן אָאַזיס.

ס'איז על אַריש. מיר בלײַבן שטײן. אַ הויכער פּאַלמענוואַלד
לויפֿט צו דער ים וואָס ווינקט צו אונדז מיט זונפֿלעקן געצונדן
און ס'דאַכט זיך מיר — דער גרינער ים האָט פּלוצלינג זיך צעשטראַלט,
צעמיניעט מיט די כוואַליעס זיך און ס'איז די וואָר פֿאַרשווונדן.

איך שטיי און טראַכט, וואָס האָט עס מיך איצט צו דעם ברעג געבראַכט
דורך לופטוועגן, דורך אַנדערע צעבראָזיזטע, ווײַטע ימען,
דאָ האָט אַ דיכטער אויפֿן ים אַ מאָל אין אַ פֿאַרנאַכט
זײַן אומעט אויסגעזונגען אין דער שײַן פֿון שקיעה־פֿלאַמען.

דאָס האָט אין אים געקלאָגט געוויס דער אומעט פֿון זײַן ערד
וואָס ער האָט וואַנדערדיק געטראָגן פֿון זײַן היימלאַנד — פּוילן.
זאָל זײַן, אַז איך האָב איצטער דאָ זײַן עכאָליד דערהערט,
וואָס בלאָנדזשעט אַלץ אַרום נאָך דאָ, כאָטש נישט־געזען, פֿאַרהוילן.

און אפֿשר איז דער עכאָ נאָר אַ שפּיל פֿון מײַן געדאַנק
און ס׳איז דער אומעט מײַנער גאָר — כ׳בין אויך ווי ער אַ דיכטער,
כאָטש ס׳איז דאָ אין דעם מידבר־שטויב אַדורך ישראלס טאַנק
און שטאָלץ אַדורכגעבראָזירט האָט די ייִדישע געשיכטע.

ווײַל ס׳האָט סלאָוואַצקיס אומעט דאָן, אין שקיעהדיקן בלענד
זײַן לאַנד, שוין אַ באַפֿרייטע, שפּעטער אים פֿאַרשוועכט, פֿאַרביליקט —
איצט ליגט מײַן מאַמע אויף זײַן ערד פֿאַרגאַזט, אויף אַש פֿאַרברענט,
מײַן פֿאָלק ליגט מיט דער הילף פֿון יענעם לאַנד געטויט, פֿאַרטיליקט.

איצט שטיי איך מיט מײַן אומעט דאָ בײַם ראַנד פֿון זעלבן ים,
וואָס האָט זיך אין דעם זאַמדברעג אין דעם געלן אײַנגעביסן,
אַ לופֿטיק־דורכגעבליטער אין דער מידברדיקער ראַם,
ווי ער וואָלט דאָ אויף מיר געוואַרט, צו מיר זיך דאָ געריסן.

איז שטיי איך דאָ בײַם מדבר־ראַנד, בײַם ברעג אין על־אַריש,
אַ ייִד וואָס איז פֿון וואַרשע און ניו־יאָרק אַהער געקומען,
ווו ס׳האָט זיך חלום מיט דער וואָר געגעבן אַ פֿאַרמיש,
ווען ס׳האָט דעם ייִדנס אייביקייט אַריבער מיר געשוואומען.

## דער נגב

די היץ איז גרויס, די חמימה שטײַגט, נישטאָ זיך וווּ באַהאַלטן —
קיין בוים נישטאָ, נאָר זאַמד און זאַמד, קוים ערגעץ וווּ באַגראָזט,
די ערד אַן אויפגעפּלאַצטע געלבט מיט שאַרף פאַרקריצטע שפּאַלטן,
ווי פון אַ שריפט אַן אוראַלטער וואָס ס'האָט דאָ ווער געלאָזט.

ס'קען זײַן, ס'האָט טאַקע דאָ אַ וועלט אַן אוראַלטע געדײַעט,
ווען ס'האָט נאָך נישט דעם הייסן גרונט באַרירט אַ מענטשנס טראָט
און אָט די וועלט די אוראַלטע דער מדבר נאָך געטרײַ היט
מיט זאַמדנשריפט, מיט שפּאַלטנקריץ — אַ בראשיתדיקער גרוס.

ס'קען זײַן, אַז גאָר אַ מאָל געפּרוּווט די ערד האָט דאָ צו גרינען,
דורך דורות איז באַפאַלן זי אַ האַרטער, בייזער שלאָף,
איצט וויגן זיך די קעמלען דאָ מיט וואַנדער־בעדווינען —
אָט זוכט אַ ציג אַ גראָז אין זאַמד, עס מעקען סטאַדעס שאָף —

די רעשטלעך פון אַ וועלט, נאָך פון אברהם אבינוס צײַטן,
זיי זײַנען דאָ געבליבן שטיין פאַרגליווערט אין דעם גאַנג.
דאָ קוקט דער חדר נאָך אַרויס מיט חומשדיקע זײַטן,
מיט פּרשהס דורכגעלערנטע, מיט קינדערשן געזאַנג.

דער ניגון מאַכט זי לעבעדיק, די טויטע געלע לאַנדשאַפט,
זי קוקט מיך מאָדנע היימיש אָן — פון קינדערטעג אַ בילד,
וואָס טונקלט אין זכרון — אַ פאַרגעסענע באַקאַנטשאַפט,
וואָס ציט זיך פון דעם חדר נאָך, כאָטש נעפּלדיק פאַרהילט.

ווי אַלץ ווערט איצט מיר היימיש־נאָענט — די שעפּסן און די ציגן,
דער אַלטער בעדווינער מיט זײַן לאַנגער, גרויער באָרד
און איבער אַלץ גייט אויף אין מיר דער חדרדיקער ניגון,
און אין דעם ניגון שווימט אַרויס אַ לאַנג־פאַרגעסן וואָרט.

אַ קעמל קוקט מיך אָן, באַגריסט מיך ווי אַן אַלט־באַקאַנטער,
ער שטעלט זיך אָפּ אַ ווײַלע און באַטראַכט מיך מיט זײַן בליק —
ס'קען זײַן, דער זעלבער קעמל דורך יאָרטויזנטער אַלץ שפּאַנט ער,
דאָס קומט ער פון דעם חדר איצטער דאָ צו מיר צוריק.

ווער ווייסט, ווער איז אויף אים אַלץ דורך די זאַמדן דאָ געריטן,
אַט וויפל פעלקער זײַנען שוין אַדורך דאָ נישט איין מאָל —
דאָ האָבן זיך יאַרטויזנטער מיט בלוט און שלאַכט געמיטן,
ווער ליגט דאָ נישט באַגראָבן אַלץ, ווער ווייסט דאָ זייער צאָל.

די ערד קוקט מאָדנע אָן מיך מיט איר אויסזען דעם געהיימען —
אַ יעדעס בערגל, יעדער שפּאַלט טראָגט שטום אין זיך אַ סוד,
דאָ איז די מלכּה שבֿא געגאַנגען, קען דאָך זײַן, צו שלמהן
און ס׳איז נאָך אין דעם זאַמד באַהאַלטן ערגעץ ווו איר טראָט.

איצט וועקן ייִדן אויף דעם מדבר, ס׳גלאַנצט דער וועג דער נײַער,
ער טראָגט זיך איצט אַנטקעגן אונדז — אַ גלאַטיקער אַספּאַלט.
אַט לויפט אַנטקעגן שוין אילת, די זון זי בראָט — אַ פײַער
און פון דער ווײַט דער ים־סוף שײַנט — אַ זוניקער צעשטראַלט.

## בײַם ים־סוף

אַט בײַ דעם ברעג פון ים, אין ווײַטע ווײַטקייטן פאַרקוקט
שטיי איך אין דער לבֿנה־שײַן אין שטילקייט אַ פאַרהערטער,
דער ים ער רוישט, ער בלענדט, די נעפּלען האָבן זיך צערוקט
און סודותדיק עס טויכן אויף אין בלוט בײַ מיר איצט ווערטער —

דאָס קומען חומש־ווערטער אויף, זיי ריזלען אין מײַן גוף,
זיי טויכן אויף, זיי פלייצן אָן, פאַרשווענקען מיך כּסדר,
דער ים ווערט רוישיק, העל, ווי ער דערהערט וואָלט זייער רוף —
דער אַלטער ים־סוף זינגט צו מיר מיט ווערטער פון מײַן חדר.

די ווערטער פאַלן איצט ווי מן — צעגייען אויף מײַן צונג
מיט ווײַטע, זיסע, קינדערשע, נישט־אויסגעטראַכטע טעמען —
דאָס זיץ איך נאָך אין חדר איצט, מײַן האַרץ איז קינדעריש־יונג
און ס׳זיצט דער ים־סוף אויך מיט מיר אין חדר איצט צוזאַמען.

איך קוק אויף אים און ער אויף מיר, מיר זײַנען זאַלבעצווייט
אין חדרשן פאַרנאַכט אַ מאָל בײַם נאַפטלעמפּל געזעסן,
מיט ווײַטער שײַן מײַן זעונג בײַ דעם חומש מיך באַגלייט,
נאָר איך האָב ערגעץ אין מײַן לעבן שפּעטער אים פאַרגעסן.

איצט האָבן מיר באַגעגנט זיך — מיר האָבן זיך דערקענט —
ער קוקט אויף מיר, דער ים־סוף, איצט מיט נאַכטיק בלויע אויגן
און די לבנה אין זײַן טיף זי זילבערט אויס אַ בלענד,
וואָס איך האָב נאָך אין חדר־נאַכט אין זיך אַרײַנגעזויגן.

איצט האָבן מיר באַגעגנט זיך — איך הער דעם ים־סופס קול,
ער זינגט צו מיר לבנהדיק, איך הער זײַן שטילן ניגון
און ווערטער גייען אויף אין מיר, זיי זינגען ווי אַ מאָל —
די ווערטער וואָס איך האָב אַ לעבן לאַנג זיי אויסגעשוויגן.

דאָס קום איך ברענגען, ים, דיר דאָ אַ גרוס איצט פון אַ וועלט,
אַ גרויסער וועלט אַ יידישער, וואָס איז פאַרלענדט, פאַרשוווּנדן,
דער מדבר־סיני בלויט מיט נעפּלען נאַכטיקע פאַרשטעלט,
דעם ים־סוף בלענדט, ער קוקט אויף מיר לבנהדיק געצונדן.

דאָס קום איך איצטער, ים, צו דיר פון פרעמדער וועלט אַהער,
אַ מידער ייִד וואָס איז פון טויט, פון חורבן־וועלט אַנטלאָפן —
ער שטייט און קוקט און דורך זײַן לעצטער, דורכגעגליטער טרער
דערזעט ער איצט וואָס ס'האָט אַ מאָל דאָ מיט זײַן שטאַם פאַרלאָפן —

דאָ איז געווען דער אָנהויב דאָך, קען זײַן, אַז אויף דעם ברעג
ווו איך שטיי איצט, אַרויס פון ים דאָ זײַנען מײַנע זיידעס,
אַרויס און אין דער אייביקייט דער ייִדישער אַוועק
און איך, אַ ווײַטער אייניקל, איך שטיי דאָ ווי אַן עדות.

אַ ווערטערפלייץ גייט אויף אין מיר. דער סיני ליכטיקט, בלויט,
די נעפּלען רינען אויס, די כוואַליעס קומען און פאַרגייען,
ווי זיי וואָלטן, די ווערטער, מיר געבראַכט איצט און פאַרטרויט,
די ווערטער וואָס דער ים און איך מיר זינגען אויס אין צווייען.

## דער סיני

אָט איז דער סיני, הינטער אונדז ליגט שטויביק שוין כאַן יוניס,
דער מדבר לויפט אַנטקעגן אונדז, דער אויטאָ קריכט אין זאַמד,
די לופט איז הייס, זי סמאַליעט אָפּ און גליענדיק די זון איז,
מיר דאַכט זיך אויס — דער מדבר ברענט, די שויב אין אויטאָ פלאַמט.

דער מדבר־אָטעם כאַפּט אַרום אונדז מיט צעגליטער אָרעמס,
דער וועג שטייט אין אַ נעפּלשטויב, דער אויטאָ לאַנגזאַם פאָרט,
דאָ איז געווען, זעט אויס, אַ שלאַכט — אָט בערגלען זיך שוין קברים,
אַ פּאַנצער־וואָגן שטייט אין זאַמד באַגראָבן אויפן אָרט.

דער מדבר געלבט אַ זאַמדיקער מיט קשאַקעס דורכגעשפּרינקלט,
צעוואָרפן ליגן זאַכן, שיך, אָט ליגט צעפּלאַצט אַ פלאַש,
אַ שפּליטער גלאָז גיט אומגעריכט אַ זוניק־שאַרפן פינקל
און שפּיגלט אָפּ זיך אויף אַ ראָד מיט שוואַרצע פלאַמעס אַש.

מיר בלײַבן שטיין, איך גיי אַרויס, די זון זי בריט, זי פלאַקערט,
מיט דיונעס זאַמדיקע עס פלייצט די געלבקייט אין דער ווײַט,
דער באָדן איז פון רעדער־קייטן דורכגעקאַרבט, צעאַקערט,
דאָ איז אַ טאַנק אַדורך, אָט ליגט ער טאַקע, אָן אַ זײַט.

אַ שווערער טאַנק, ער ליגט פאַררויכערט מיט די גרויע פאַרבן,
פון קוילן דורכגעוווּנדיקט ליגט ער אָפּגעשונדן, הויל.
ער איז געגאַנגען זיגן דאָ און איז געקומען שטאַרבן,
און ס'שרײַט אַ לאָך אין טורעם ווי אַן אויפגעריסן מויל.

דאָס האָט אַ טאַנק אַ ייִדישער באַזיגט אים און דערשלאָגן,
ער ליגט מיט פײַער־פלעקן ווי באַדעקט מיט רויטע קרעץ,
דער זיגערטאַנק אַוועק איז די עגיפּטער ווײַטער יאָגן,
ער האָט דעריאָגט זיי און באַזיגט — איצט זיצט ער בײַם סועץ.

איך קוק זיך אום — דער מדבר זאַמדיקט, כוואַליעט זיך אומענדלער,
דער הימל ליגט דאָ נידעריק, אַדורכגערויכערט, בלאָ.
איך טראַכט אַרײַן, ווי אַלץ זעט אויס געהיים דאָ, אומפאַרשטענדלער,
די וועלט אַרום און איך אַליין, און אויך דער סיני דאָ —

דאָ האָט אַ מאָל די שטים פון גאָט דעם מדבר דורכגעדונערט:
**לא תרצח** האָט די וועלט געהערט, **נישט טויט** — צום ערשטן מאָל,
מיר דאַכט, דער סיני הערט נאָך איצט און אויך אין דר׳הייך די זון הערט
דעם עכאָ נאָך, וואָס שוועבט דאָ אום — גאָטס פֿײַערדיקער קול.

נאָר מאָדנע איז, אַז אונדז, דעם פֿאָלק, מיט דעם געבאָט פֿאַרטרויט,
אַז דווקא אונדז, דעם ייִדן, איז געווען גאָר באַשערט
צו קומען דאָ, אין מדבר, איצט צו הרגענען, צו טויטן —
אָט דווקא דאָ, אין סיני, אויף דער אויסגעווײלטער ערד.

דאָס האָט די וועלט געוואָלט אַזוי, פֿון בייזער האַנט דעם שונאס,
מיר האָבן זיך געראַנגלט דאָ, מיט בלוט באַטריפֿט דעם זאַמד.
ווי מאָדנע איז! אַ ייִד דאָ שטייט אין פֿלאַנטער פֿון רעיונות. —
**וואָס** טראַכט ער אַלץ? די זון פֿאַרגייט, דער הימל בלוטיק פֿלאַמט.

## תשעה־באב

איך האָב דערפֿילט אין מיטן נאַכט — ס׳ווערט שאַרפֿער מײַן געהער,
פֿון ווײַטער ווײַטקייט האָבן שטימען אָנגעהויבן גרייכן,
די נאַכט אויף מיר געהאַנגען איז פֿאַרגליווערט, בלײַיק־שווער,
נאָר פֿון די שטימען האָט דער חושך אָנגעהויבן בלייכן.

די שטימען האָבן אַ געוויין צו מיר פֿון ווײַט געבראַכט
און מיט דעם קלאָגן אויפֿגעוועקט מיך פֿון דעם שלאָף אַ מידן
און כ׳האָב דערמאָנט זיך פּלוצלינג — עס איז תשעה־באב בײַ נאַכט
און כ׳הער, קען זײַן — בײַם כותל־מערבי וויינען ייִדן.

אין פֿענצטער האָט די שטאָט געקוקט מיט סילועטן, ווענט,
מיט פֿײַערלעך צעשאָטענע אויף גאַסן ווי מיט פּונקען,
דער ים האָט שטיל געבלויט און ווײַט מיט בלוטיק־רויטן בלענד
אַ ים־לאַמטער האָט שרעקעוודיק מיט ציטער מיר געווונקען.

און איך בײַם פֿענצטער בין געשטאַנען און די קלאָג געהערט —
איך ווייס נישט אויף אַן אמת, צי גאָר אפֿשר אין מחשבה,
נאָר כ׳האָב פֿאַר זיך געזען, ווי וויינענדיק פֿאַרטרערט
עס קלאָגן איצטער ייִדן בײַ דעם כותל־מערבי.

# אינהאַלט


משה גוראַרי — בײַם סוף . . . . 7
אברהם ליס — די דיכטונג פון יוסף רובינשטיין . . . . . . 11

## מײַן מחשבה

מײַן מחשבה . . . . . . . . 23
דו בלאָנדזשעסט . . . . . . . 23
אָן אַ וועג צוריק . . . . . . . 24
די לבנה . . . . . . . 24
אין כּישוף־קרײַז . . . . . . 24
אַ צווייטער זיצט אין מיר . . . . . 25
מײַן געשריי . . . . . . . . 25
ס׳קען זיין . . . . . . . . . 25
אומזיסט מײַן מוט . . . . . . . 26
אַנדערש ווערט מיט יעדער ווײַל . . 26
די וועלט איז טאַקע שיין . . . . . 26
אין יעדן טעם און שפּיר . . . . . 27
ס׳קען אַלץ דאָך זײַן . . . . . . . 27
איבערחזרונגען . . . . . . . . 27
אין יעדער ליניע . . . . . . . 28
כ׳בין נײַגעריק . . . . . . . . 28
שוין נישט קיין דיכטער . . . . . . 28
זאַכן . . . . . . . . . . 29
פאַרגעסן . . . . . . . . . 29
אַ משכּון . . . . . . . . . 29
ווי אַ מענטש אַנטפּלעקט . . . . . 30
אין דעם חושך־לאַבירינט . . . . . 30
טויט . . . . . . . . . . 30
אין יעדער רגע . . . . . . . . 31
אַ נײַע וואָר . . . . . . . . 31
אויף דאָס נײַ . . . . . . . . 31
אַ יוגנטקרענק . . . . . . . . 32
על־פּי טעות . . . . . . . . 32
דײַן רעיון . . . . . . . . . 32
פול מיט סוד . . . . . . . . 33
ווער ווייס דעם זין פון זאַכן ? . . 33
דער צופאַל . . . . . . . . . 33
מײַן היים . . . . . . . . . . 34
דער נישט־אַנטפּלעקטער סוד . . . . 34
מײַן הימל . . . . . . . . . 34
ווײַל ס׳איז דאָך אַלץ געבונדן . . 35
עס טרעפט . . . . . . . . . 35
איצט . . . . . . . . . . 35
ס׳קומט אַלץ אויף פאַרן שלאָף . . 36
דײַן געדאַנק . . . . . . . 36
דער שטראָם פון טייך . . . . . . 36
איך פיל . . . . . . . . . 37
ס׳האָט יעדער טאָג . . . . . . . 37
אונדז אַליין . . . . . . . . 37
איך בין אין דער מיטן ווו . . . . . 38
פאַרנאַרטע . . . . . . . . . 38
מײַן געדאַנק . . . . . . . . 38
מיר האָב ליב די וועלט . . . . . 39
די צײַט מישט אויס . . . . . . . 39
רחמנות . . . . . . . . . 39
אויף יענער זײַט פון אַלץ . . . . . 40
מײַן שאָטן . . . . . . . . . 40
ס׳איז אַלץ ווי אויסגעמישט . . . . 40
עס גייט אַ שטרײַט . . . . . . . 41
תּפילות . . . . . . . . . . 41
פראַגן . . . . . . . . . . 41
ס׳איז אַלץ אין מיר . . . . . . . 42
די וועלט איז מיר געוואָרן ענג. . 42
יעדער סוף איז נאָר אַן אָנהויב . . 42
מײַן לעבנסוועג . . . . . . . 43
דער טרוים פון אַ גן־עדן . . . . . 43
Sic transit gloria mundi . . . 43
אויף דער שפּיץ פון דער כוואַליע . 44
נישט איין מאָל . . . . . . . . 44
מײַן בלאָנדזשענדיקער שאָטן . . . 44
דאָס בלאָנדזשע איך אַליין . . . . 45
דו הער זיך צו . . . . . . . 45
אין נאַרנדיקן קרײַז . . . . . . . 45
די שיף פון מײַן הײַנטצײַטיקייט . 46
דײַן אַנונג . . . . . . . . . 46
שדים . . . . . . . . . . . 46

די שרעק . . . . . . . . . 47
די שעה פון חשבון . . . . . . 47
דער מענטש . . . . . . . . . 47
ער וואַרפט אַן אויף מיר אַ שלאָף . 48
פון אויסגעדראַכטע לופטשלעסער . . 48
לויט לערמאָנטאָוון . . . . . . . 48
אומרו . . . . . . . . . . . 49
איצט שטייען מיר פאַרלאָזט אַליין . 49
כ׳האָב ליב . . . . . . . . . 49
מיט פאַלשער לויב . . . . . . . 50
פון ווײַסער אייביקייט . . . . . 50
אויף פאָטאָגראַפיעס זע איך ערשט . 50
אין יענעם לאַנד . . . . . . . 51
און מיר האָט זיך געדאַכט . . . 51
אָט ווי אַ פלאַש אַ טונקעלע . . . 51
אַ סודותפולער קול . . . . . . . 52
אַ פּנים . . . . . . . . . . 52
אַ ווײַטע שרעק . . . . . . . 52
אַ שטיין . . . . . . . . . . 53
כ׳בין פון דער אַלטקייט שוין
געפאַנגען . . . . . . . . 53
אַ פרעמדנס בליק . . . . . . . 53
גלויב ! . . . . . . . . . . 54
די זעלבע דענקשאַפט . . . . . 54
די גרינקייט . . . . . . . . . 54
דער העלד . . . . . . . . . 55
די פייגל זינגען פון דעם טאָג . . 55
ווער איז ער, ווער ? . . . . . . 55
זי ווײַזט מיר . . . . . . . . 56
כאָטש אויף אַן אמת איז ער דאָ . . 56
מײַן צימער . . . . . . . . . 56
דער ווײַנגעטראַנק . . . . . . . 57
פון יענער זײַט . . . . . . . . 57
דעם מענטשנס גאַנג . . . . . . 57
„באַפרײַערס״ . . . . . . . . 58
צו וועלטן נישט־אַנטפּלעקטע . . . 58
די וועלט איז ווי אַ בילד . . . . 58
שפורן פון אַ ווײַטער וועלט . . . 59
אַ צווייטע וועלט . . . . . . . 59
דער ניגון פון דער וועלט . . . . 59
אַן אויסגעטראַכטע וועלט . . . . 60
איך קער זיך אום . . . . . . . 60
מײַן אומעט . . . . . . . . . 60
אין טעג פון אומעט . . . . . . 61
דער אומעט האָט זיך ליב מיט
מיר צו רייצן . . . . . . . . 61
דער אומעט שטעלט דיך פלוצלינג
אָפּ . . . . . . . . . 61
דער אומעט . . . . . . . . . 62
אומעטטײַך . . . . . . . . . 62
דער אומעט־ניגון . . . . . . . 62

## לאַנדשאַפטן

מיט צוגעמאַכטע אויגן . . . . . 63
אַן אויסמיש פון ריחות . . . . . 63
לאַנדשאַפט . . . . . . . . . 64
דער הימל . . . . . . . . . 64
אַ באַרג אַ הוילער שטײַגט . . . 64
וואָלקנס . . . . . . . . . . 65
דער דעמער . . . . . . . . . 65
בריקן . . . . . . . . . . . 65
פאַר טאָג . . . . . . . . . 66
אַ שאָטנדיקער רײַטער . . . . . 66
אין שאָטן . . . . . . . . . 66
אויף יענער זײַט פון פאַרק . . . 67
די אַזיערע . . . . . . . . . 67
היימישע כוואַליעס . . . . . . . 67
זיי גיסן זיך צונויף . . . . . . 68
דער ים איז אַלט . . . . . . . 68
פאַרנאַכטיקע וואָלקנס . . . . . 68
נאָר בלאַסער איז דער שאָטן שוין . 69
אַ פאַרבן־קאַרנאַוואַל . . . . . . 69
דער נאַכטיקער הימל . . . . . 69
א נעפּל הילט אַלץ אײַן . . . . . 70
אַ פּוסטקייט אַ פאַרוואָרלאָזטע . . 70
אין וואַלד . . . . . . . . . 70
דער וואַלד . . . . . . . . . 71
ווינטן . . . . . . . . . . . 71
דער ווינט . . . . . . . . . 71
דער וואַלד שטייט ווי אַ גרינע
וואַנט . . . . . . . . . 72
אין דעם נעפּל . . . . . . . . 72
פאַר טאָג בײַם ים . . . . . . . 72
אויף יענער זײַט פון שטורעם . . 73
צוויי וואַנדערער . . . . . . . 73
אַ פונק פון שײַן . . . . . . . 73
אומעטיקער טײַך . . . . . . . 74
דער ברייטער טײַך . . . . . . . 74
אַ באַרג . . . . . . . . . . 74
אַ שטוב אין וואַלד . . . . . . 75
דער שטרײַט . . . . . . . . . 75

דער נאַכטיקער ווינט . . . . . . 75
די שיפן . . . . . . . . . 76
דער טײַך . . . . . . . . 76
בלויקייט . . . . . . . . 76
איך ווייס עס . . . . . . . 77
די שיף . . . . . . . . . 77
דער ים פאַר טאָג . . . . . . 77
דער ווינט איז שוין פון לאַנג אַוועק 78
כוואַליעס . . . . . . . . . 78
אַ פאַרנאַכטיקער נעפל . . . . . 78
די וואָלקנדיקע גרויקייט . . . . 79
אַ סצענעבילד . . . . . . . 79
דער ווינט ליגט אײַנגעלייגט . . . 79
אַ שוואַרץ־צעפליקטער קאַפעליוש . 80
אַ פייגעלע ליגט טויט . . . . . 80
אַ שאָטנדיקע שיף . . . . . . 80
אין דעם דעמערדיקן סקווער . . 81
דער ווינט ליגט אײַנגעלייגט . . . 79
אַ זומערטאָג . . . . . . . . 81
אַ טאָטערישער ניגון . . . . . 82
דאָרפישער לאַנדשאַפט . . . . . 82
אַ בוים . . . . . . . . . . 82
אַ ביימעלע אַ יונגס . . . . . . 83
אַ נידעריקער בוים . . . . . . 83
ביימער . . . . . . . . . . 83
ביימער אין רעגן . . . . . . . 83
אַ שוואַרצער בוים . . . . . . 84
הוילע ביימער . . . . . . . . 84
דער רויך . . . . . . . . . 85

## טאָג און נאַכט

אויף יענער זײַט טאָג . . . . . . 86
אַ ספק־טאָג . . . . . . . . . 86
די מאַנטיקס . . . . . . . . 87
אַ טאָג . . . . . . . . . . 87
גלאַדיאָלאָס . . . . . . . . . 87
אַ מפיל־טאָג . . . . . . . . 88
אַ טאָג גאָר אָן אַ נאָמען . . . . 88
אַ נעפלדיקער טאָג . . . . . . . 88
צו דעם געהיימען ציל . . . . . . 89
דער טאָג גייט אויס . . . . . . 89
און קיינעם וועט נישט אײַנפאַלן . 89
דער טאָג . . . . . . . . . 90
אַז וועט דער טאָג באַלד דעמערדיק
פאַרגיין . . . . . . . . . 90
אַ בייזער טאָג . . . . . . . . 90
דער מאָרגנדיקער טאָג . . . . . 91
צווישן טאָג אין נאַכט . . . . . 91
ווײַל באַלד וועט אויך דער טאָג
נישט זײַן . . . . . . . . . 91
דער רויטער טריף . . . . . . . 92
אין בין־השמשות . . . . . . . 92
שאָטנס טאָגיקע . . . . . . . . 92
אין נעפל פון פאַרטאָג . . . . . 93
עס זײַנען טעג פאַראַנען . . . . 93
נאָר קומט די נאַכט . . . . . . 93
נאַכט . . . . . . . . . . . 94
אין מיטן נאַכט . . . . . . . 94
דער שאָרך פון נעכט . . . . . . 94
אין נאַכטיקן סך־הכל . . . . . 95
בײַ נאַכט קום איך צוריק . . . . 95
אין דער פינצטער . . . . . . . 95
פינצטערניש . . . . . . . . . 96
אַ זומערנאַכט אַ פינצטערע . . . . 96
כ'האָב מורא פאַר דער פינצטערניש 96
חצות . . . . . . . . . . . 97
פאַרנאַכטן רופן מיך צוריק . . . 97
נאַכטיקע שאָטנס . . . . . . . 97
אין שטערנגנעץ . . . . . . . . 98
דײַן קינדערשער געוויין . . . . 98

## דעם דיכטערס גאַנג

אַזוי איז שוין דעם דיכטערס גאַנג . 99
דורך דעם דיכטערישן כישוף . . 99.
דעם דיכטערס זעונג . . . . . . 100
דורך שורות פון זײַן ליד . . . . 100
איך טראָג דאָס וואָרט . . . . . 100
דורך די שפּאַרעס פון די שורות . 101
דער חשק צום שרײַבן . . . . . 101
דער אימפעט פון מײַן גאַנג . . . 101
און שרײַבט אַלץ לידער . . . . 102
צום ערשטן מאָל . . . . . . . 102
דאָס ליד ווערט זײַן געזיכט . . . 102
פון געראַנגל אַ געזאַנג . . . . . 103
אַ סימן פון מײַן גאַנג . . . . . 103
ווער ווייס שוין וויפל מאָל . . . 103
מיט מײַן שטילסטן ליד . . . . . 104
יענער טאָג . . . . . . . . . 104
מײַן ליד איז ווי אַ שטײַג . . . 104
ווי איך ווער אַליין אַ ליד . . . . 105

| | |
|---|---|
| דער גאַנג פון וואָרט צו וואָרט | 105 |
| דאָס אייגן וואָרט | 105 |
| ווערטער א.ב. | 106 |
| אַ וואָרט | 106 |
| איך זוך די קלאָרקייט אין מײַן ליד | 107 |
| אַ וואָרט אַ שטילס | 107 |
| מײַנע ווערטער | 107 |
| זיי וועלקן נישט | 108 |
| אַזוי פיל ווערטער ייִדישע | 108 |
| די ווערטער זײַנען אַלט | 108 |
| אין מײַנע לידער | 109 |
| דורך ווערטער | 109 |
| נאָר דורך אַ זעונג | 109 |
| בלויז דורך דעם וואָרט | 110 |
| דאָס וואָרט פון אונטן | 110 |
| מיר ווערן איינס אין וואָרט | 110 |
| איז גיי איך אום פון ווערטער שיכּור | 111 |
| קלאָרע ווערטער | 111 |
| מען זאָגט | 111 |
| ווערטער לאַנג־פאַרגעסענע | 112 |
| ווי מיט קערנער איבערפילט | 112 |
| זיך באַהאַלטן | 112 |
| הינטער יעדן וואָרט | 113 |
| פון גורל די טריט | 113 |
| ווערטער אָפּגעציטערטע | 113 |
| נאָר קומט אַ רגע ווען | 114 |
| ס׳קען זײַן אַזוי וועט אויסזען | 114 |
| אַן אַלטמאָדישער מאָטיוו | 114 |
| עס זײַנען ווערטער דאָ א.ב. | 115 |


## צײַט


| | |
|---|---|
| עס לויפט די צײַט | 116 |
| ס׳איז אַלצדינג גוט אין צײַט | 116 |
| איז בלויז זכּרון | 117 |
| דער גורל | 117 |
| די צײַט | 117 |
| איך טראָג אין מײַן זכּרון אים | 118 |
| ווי איצטער נאָך | 118 |
| אין מײַן זכּרון | 118 |
| אויף צוריק | 119 |
| אויף דער דעק פון מײַן זכּרון | 119 |
| איך וואָלט געוואָלט זיך אומקערן | 119 |
| נאָך ווי אַ מאָל | 120 |
| דײַן עבר נעפּלט | 120 |
| וווּ אַלץ איז מעגלעך | 120 |
| אויף כוואַליעס צײַט | 121 |
| מיראַזשן | 121 |
| דײַן איצט | 121 |
| אַן אומגעבראַכטע וועלט | 122 |
| די שטים פון אייביקייט | 122 |
| מיר דאַכט | 122 |
| דערמאָנסט זיך | 123 |
| אַ מאָדנע זעונג | 123 |
| צום אָנהויב דאָרט | 123 |
| דורות־לײַדנשאַפט | 124 |
| די גאַסן פון מײַן לעבן | 124 |
| ווי אין אַ שטורעמנאַכט | 124 |
| מײַן לעבן | 125 |
| איך לעב | 125 |
| איך מײַנע טעג | 125 |
| עס גייט אַוועק מײַן דור א.ב. | 126 |
| נאָר מיר אין אונדזער דור | 126 |
| אין גאַנג פון דור צו דור | 127 |
| דער גלי פון מײַנע יוגנטטעג | 127 |
| דער זייגער ווייס נישט וואָס איז צײַט | 127 |
| אַן אויסטערלישער זייגער | 128 |
| אין קרײַז פון אייביקייט | 128 |
| די ווײַל | 128 |
| די רגעס פאַלן | 129 |
| איך הער זיך צו צום זייגער | 129 |
| די ווײַזערס | 129 |
| דער וועקזייגער | 130 |
| דער וואַנטזייגער | 130 |
| דער ציפערבלאַט | 130 |
| דער ציפערבלאַט קוקט אויסגעקרומט | 131 |
| דער זייגער | 131 |
| דער זייגער ציילט | 131 |
| כ׳האָב ליב די אַלטע זייגערס | 132 |
| אַ שפּיטאָל־זייגער | 132 |
| פאַר טאָג קוקט אַן דער זייגער מיך | 132 |


## שטאָטישע מאָטיוון


| | |
|---|---|
| בײַם ראַנד פון שטאָט | 133 |
| בײַ נאַכט די שטאָט | 133 |
| אויפן ברוק | 134 |
| אַ נאַסע גאַס | 134 |
| פאַרפלעקטע ווענט | 134 |
| אַ קליינער האָטעל | 135 |
| אַ פוסטע גאַס | 135 |

די שטאָט בײַ נאַכט . . . 135
איך קען מײַן גאַס . . . 136
אין אויטאָ בײַ נאַכט . . . 136
וויליאַמסבורגער בריק . . . 136
די נאַכטיקע שטאָט . . . 137
אַ ליכטסיגנאַל . . . 137
אַ מאָדנע גאַס . . . 137
אין מאָרגנרויך . . . 138
שויבן . . . 138
די גאַס . . . 138
אַ וואָלקן־קראַצער . . . 139
די שטאָט ווערט אין דער נאַכט . . . 139
מיט אויגן וועלפּישע . . . 139
די נאַכטיקע צונגען . . . 140
ארבעטער־פאָרשטעט . . . 140

## סעזאָנען

דאָס ערשטע פרילינג־ווינטל . . . 141
דער פרילינגווינט . . . 141
ער ראַנגלט זיך דער ווינטער . . . 142
עס שנייט און זוניקט . . . 142
פאַרפרילינג . . . 142
ערב פרילינג . . . 143
פאַרפרילינגדיקער דעמער . . . 143
כאָטש ס׳איז אַלץ ווי אַ מאָל . . . 143
אין זומער־פאַרנאַכטן . . . 144
די חמימה . . . 144
די זון . . . 145
פון הייסער זון . . . 145
איבער זונטרעפּ . . . 145
די היץ . . . 146
די זון איז אַ קראַנקע . . . 146
כ׳האָב ליב דעם זומער . . . 146
דער גלי פון זון . . . 147
ס׳איז דושנע הייס . . . 147
די זון ציט זיי אַרײַן . . . 147
אַ וואָרעם . . . 148
בײַם סוף זומער . . . 148
סוף־זומערדיקע טעג . . . 148
אין זוניקן סעפּטעמבער־טאָג . . . 149.
האַרבסטיקער מאָטיוו . . . 149
האַרבסטיקע פאַרנאַכטן . . . 149.
דער האַרבסט . . . 150
געלע בלעטער . . . 150
דער האַרבסטווינט . . . 150
ס׳איז אָוונט, האַרבסט . . . 151
דער פאַלנדיקער שטערן . . . 151
דער האַרבסטיקער וואַלד . . . 151
האַרבסטיקע שויבן . . . 152
האַרבסטיקער געוויטער . . . 152.
די האַרבסטיקע זון . . . 152
טויבן פאַר טאָג . . . 153
די שפּיל פון האַרבסט . . . 153
דער האַרבסט זעט אויס . . . 153
אַ קליינער בלאַט . . . 154
דער האַרבסט איז נישט אַוועק . . . 154
האַרבסטיקע באַלאַדע . . . 154
בלעטערוועלק . . . 155
ווינטער־לאַנדשאַפט . . . 155
אַ ווײַסע פּוסטקייט . . . 155
עס פאַלט אַ שניי . . . 156
דער ערשטער שניי . . . 156
די ווינטערדיקע יאָדלע . . . 156
איך זע נאָך אַלץ דם ווינטערטאָג. . . 157
אַ ווינטערטאָג . . . 157
די זאַווערוכע . . . 157
אין פראָסטיקן פאַרנאַכט . . . 158
דער רעגן . . . 158
נאָך אַ רעגן . . . 158
דער רעגן איז געהאַט אַוועק . . . 159
דער פלויט . . . 159
די רעגנס קלאַפּן אין די שויבן . . . 159
מיט נאַסע פײַערן . . . 160
אַ רעגן גייט . . . 160
אין שטורעם . . . 160
כמאַרעס . . . 161
אַ כמאַרע . . . 161

## חלום

דער חלום . . . 162
דו קומסט פון שלאָף צו גיין . . . 162
אַ צווייטע וואָר . . . 163
אַזוי פיל איכן . . . 163
צווישן וואָר און חלום . . . 163
אַ חלום . . . 164
ס׳איז אַלץ אין חלום קלאָר . . . 164
אַזוי קום איך פון שלאָף אַרויס . . . 164
אַ חלום אָן אַ זעונג . . . 165
אַ צווייטער גאָר . . . 165

דער חלום איז נאָר מײַנער . . . 165
צווישן טרוים און וואָר . . . . 166
אין חלום . . . . . . . . 166
איך בענק נאָך גרויער וואָר . . . 166
מיר האָט געחלומט זיך אַ מאָל . . 167
און ערב שלאָף . . . . . . . 167
איך האָב געפילט . . . . . . . 167

## פרויען

פּאָרטרעטן . . . . . . . . . 168
קאָנטראַסטן . . . . . . . . 174
אויגן . . . . . . . . . 174
אָט ווערן אירע אויגן פול . . . . 174
אין דײַנע אויגן . . . . . . . 175
די אויגן דײַנע . . . . . . . 175
דײַנע אויגן . . . . . . . . 175
איר גרינער בליק . . . . . . 176
קום מיידל אַרויס . . . . . . . 176
איר אויגנבלוי . . . . . . . 176
צו דיר . . . . . . . . . . 177
האָרבסטיקער פּאָרטרעט . . . . . 177
די בלייכקייט פון די פּנימער . . . 177
נישט לאַנג מיך מער . . . . . . 178
אַדורך די גאַסן גייען מיידלעך . . 178
דורך פרעמדן מיידלבליק . . . . 178
זי לאַכט . . . . . . . . . . 179

## אַלטקייט

די אַלטקייט . . . . . . . . 180
די אַלטקייט דרימלט נאָך . . . . 180
אַלטע לײַט . . . . . . . . 181
אַן אַלטער מאַן . . . . . . . 181
אַזוי איז די אַלטקייט . . . . . . 181
אַלטקייט־מאַסקעס . . . . . . 182
אַן אַלטער מידער מאַן . . . . . 182

## זכרונות

פון די קינדערטעג . . . . . . . 184
בענקשאַפט . . . . . . . . 184
דאָס האָט מײַן יוגנט אויסגעטראַכט 185
אַ פאַרגעסענער געזיכט . . . . . 185
אַ פענצטער . . . . . . . . . 185
עס זינגט אין מיר מײַן יוגנט . . . 186
עס שפּילן קינדער זיך אין גאַס . . 186
פּנימער . . . . . . . . . . 186
מײַן שטעטל בײַ טאָג . . . . . 187
אַ בלוטיק־רויטער שניי . . . . . 187
אַ בוים אין מײַן זכּרון . . . . . 187
דער מעריב־ניגון . . . . . . . 188
כ׳געדענק עס נאָך פון קינדווײַז . 188
אַ מאַרקטאָג . . . . . . . . 188
אין חדר . . . . . . . . . . 189
דער ניגון פון תנ״ך . . . . . . 189
אין לעצטער ווײַל . . . . . . . 189
דער בוידעם . . . . . . . . 190
אַ ייִדישער סאָלדאַט . . . . . 190
שלאָף אײַן, מײַן קינד . . . . . 190
מײַן זיידע א.ב. . . . . . . . 191
די יוגנט . . . . . . . . . 191
דער ניגון פון מײַן יוגנט . . . . 192
וואַרשע . . . . . . . . . 192
מײַן פענצטער אויף אַ וואַרשע־גאַס 192
נאָכן חורבן א.ב.ג. . . . . . . 193
די קופּערנע לבנה . . . . . . 194

## מוזיק

ניגונים . . . . . . . . . 197
דער ניגון פון באַשעפער . . . . 197
אַ ניגון . . . . . . . . . 198
אַ צווייקער ניגון . . . . . . . 198
די טענער . . . . . . . . . 198
דער ניגון פון די סלאָוון א.ב.ג. . . 199
דער דזשעז־אָרקעסטער
א.ב.ג.ד.ה.ו.ז.ח.ט. . . . . . . 200
אַ קופּערנער שטורעם . . . . . . 203

## טעמעס און וואַריאַציעס

אין אַ פרעמדער שטאָט . . . . . 204
און נישט געוווסט . . . . . . . 204
דער טרוימער . . . . . . . . 205
די טרעפּערין . . . . . . . . 205
די פלעשער . . . . . . . . 205
דער אויטאָ אײַלט . . . . . . . 206
אַ שיכּור . . . . . . . . . 206
אַ זומער־פייגעלע . . . . . . . 206

אין אַ ווײַטער שטאָט 207
אין קלויסטער 207
אַ שווײַגנדיקער פענצטער 207
דער סאַמאָוואַר 208
די אַלטע געשיכטע 208
זײַן פּנים 208
ס'איז האַרבסט אין דײַן געמיט 209
עס לויפן די שאָטנס אַרום 209
נאָר נישט דײַן קול 209
דער ברענענדיקער דאָרן 210
מיר זײַנען מערער 210
ס'איז דאָ אַ ווײַל 210
אַ פּײַער טליעט אויף 211
איינס איז קלאָר 212
די שויבן ווייסן אַלץ 212
נאָנעס 214
אין קאַבאַרעט „טאַבאַרען" —
חוהס טאַנץ 218
די שרפה 221


## ישראל


ס'איז גאָט אַדורך 226
אין תל־אביבער האָטעל 227
אין צפת 230
אויפן גולן 232
מעפּילים 233
ירושלים 234
ביים כותל 235
דער עמק 237
בײַם ים התיכון 238
כאַמסין 239.
אַ ניגון 239
שטיינער 241
אין על־אַריש 241
דער נגב 243
בײַם ים־סוף 244
דער סיני 246
תשעה באב 247

# דערשינענע ביכער פון יוסף רובינשטיין

**„מאָדעלן"**, לידער, וואַרשע, 1939, אַרויסגעגעבן פון יידישן פען־קלוב, פרעמירט מיט דעם י.ל. פרץ־פּריַיז פון יידישן פען־קלוב אין וואַרשע.

**„מאָדעלן"** (אויסגעקליבענע לידער פון דער וואַרשעווער אויסגאַבע) מאָסקווע, 1940, פאַרלאַג „דער עמעס".

**„נאַכט אויף נאַלעווקעס"**, לידער, ניו־יאָרק, 1949, אַרויסגעגעבן פון יידישן קולטור־קלוב אין באָסטאָן.

**„מגילת רוסלאַנד"** (ערשטער טייל פון דער פּאָעזיע־טרילאָגיע „דער דריטער חורבן"), ניו־יאָרק, 1960, פאַרלאַג „ציקאָ", באַקומען די יערלעכע פרעמיע פאַר פּאָעזיע פון יידישן ביכער־ראַט ביַים „נאַציאָנאַלן יידישן וועלפער־באָארד" אין אַמעריקע.

**„חורבן פוילן"** (צווייטער טייל פון דער פּאָעזיע־טרילאָגיע) ניו־יאָרק, 1964, פאַרלאַג „ציקאָ" באַקומען דעם לאַניע בימקאָ־פּריַיז פון אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק.

**„יציאת אייראָפּע"** (דריטער טייל פון דער פּאָעזיע־טרילאָגיע) ניו־יאָרק, 1970, פאַרלאַג „ציקאָ", פרעמירט געוואָרן מיט דעם צבי קעסל־פּריַיז אין מעקסיקע, מיט דעם פּריַיז פון דער כאַנין־פונדאַציע ביַים אַרבעטער־רינג אין ניו־יאָרק און מיט דער אַטראַן ליטעראַטור־פּרעמיע פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־קאָנגרעס אין ניו־יאָרק.

**„דערזעונגען"**, תל־אביב, 1978, י.ל. פרץ־פאַרלאַג, דערשינען נאָך דער פטירה פון מחבר.